STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05853

# GEZAMELTE SHRIFTEN IN FUFTSEHN BENDER

S. An-Ski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. אַנ־סקי

(שלמה־זנוויל ראַפּאָפּאָרט)

# געזאַמעלטע שריפטען

## אַכטער באַנד

# הומאָרעסקען און לידער

פֿערלאַג „אַנ־סקי״

ווילנאָ־ווארשא־ניו־יאָרק תרפ״ז — 192

אויסגעפירהט דורכן פערלאַג ש. שרעבערק.

פערקויף געזעלשאַפט „צענטראַל״ ווארשא

Printed in Poland.

## SZ. AŃ-SKI.

tom ósmy

# HUMORESKI I PIEŚNI

Warszawa, 1922

Wydawnictwo „AN-SKI" Wilno-Warszawa-Nowy-Jork.

---

## SH. AN-SKY

eighth volume

# HUMORESQUES AND SONGS

Warsaw, 1922

Publishing Company „AN-SKY" Vilno-Warsaw New-York

Druk. Sikora i Mylner. Warszawa, Nowolipki 6.

# ערשטע אָבטײלונג

## הומאָרעסקען

איבערדרוקען און איבערזעצען אָהן דער ער־
לויבעניש פון אויטאָרס צואה-פערוואלטער
איז שטרענג פערבאָטען.

Copyright Dr. Ch. Zhytlowsky
Marquand Ave Bronxville
New-York. U. S. A.

הילע פון י סף זיידענבייטעל.
ו
צינקאָקלישען אויסגעפיהרט דורך ח. גאָלדבערג.

דעם זאַץ האָט אויסגעפיהבט פייגע שריפטגיסער.

# אשמדאי

(פּאָעמע)

א.

# אשמדאי און זיין טורם.

ווייט פון ליטא, ווייט פון פוילען,
הינטער אַלע הרי חושך,
ביי דעם וועג וואָס פיהרט צום גהנום,
דאָרטען, וואו דער טייך סמבטיון
זידט און רוישט און וואַרפט מיט שטיינער,—
שטעהט פון נמרוד'ס אַלטע צייטען
אַ משונה-גרויסער טורעם...
היט אונז אָב, אָ טאַטע פאָטער,
פון דעם טורעמס בעל-הבית!...
אין דעם טורעם—איז קיין זכר
פון אַ טהיר און פון אַ פענסטער;
אויפ'ן דאַך, ווי צוויי יונים,
שטעהען מעהר נישט הויכע קוימענס
און פון זיי מיט אַ געפילדער
פליהען לאַנגע פייער-פאסען,
פייער-פאָדים, גלייך ווי בליצען.

רונד אַרום דעם גרויסען טורעם
הערשט אַ פּחד און אַנ׳אימה...
דאָרטען זיצט די שוואַרצע טומאה,
דאָרטען רוהט די סטרא אחרא!—
היט אונז אָב, געטרייער פאָטער,
פון איהר מאַכט און פון איהר שליטה!...
אין אַ קיילעכדיגען חדר
וואָס ווייזט אויס׳עט ווי אַ קעסעל
זיצט דער מלך פון די שדים,
פון די לצים, מקטרגים,
זיצט דער אַלטער אשמדאי...
אָנצוקוקען איז אַ פּחד
אויף זיין גוף און אויף זיין פּנים!
אויף צוויי קורצע היהנער-פיסלעך
האַלט זיך אויף אַ גוף אַ גרויסער
אָהן אַ האַלז און אָהן אַנ׳אַקען;
עס בעשטעהט דער גוף אין גאַנצען
פון אַ פעטען בויך אַ דיקען
מיט אַנ׳עק פון הונדערט איילען.
אויפ׳ן בויך אַ קאָפּ—אַ קירבעס,
אָהן אַ זכר באָרד און פּאות,
מיט משונה-גרויסע הערנער:
לאַנגע, שפּיציגע, פערדרעהטע,
און אויף זיי, אָנשטאָט אַ שטריימעל,
ליגט אַ קרוין פון בייזע שלאַנגען.
און די אויגען—ווי צוויי פלאַמען.
קאַלטע, טויטע, גרינע פלאַמען,
גרינע פלאַמען—עכטע שוועבעל.
און דאָס מויל—אַ תהום אַ שוואַרצער,
מיט צוויי לאַנגע שאַרפע ציינער,—
ציינער פון אַ ווילדען חזיר;
פון די נאָזלעכער די ברייטע

שלאָגט אַ רויך און פליהען פונקען.
לאַנגע הענד, און אָנשטאָט פינגער—
גרויסע, שוואַרצע, ווילדע נעגעל,
שפּיציג-שאַרפע, שדים-נעגעל.
גרויסע פליגלען, ברייטע שוואַרצע,
אויסגעוועבט פון עלטען חושך.
און דער גוף פון אשמדאי
איז בעוואַקסען גאָר אין גאַנצען,
נישט מיט האָר,—מיט דינע ריטער.
ריטער אייזערנע פון גהנום...
און דער אַלטער שר-הטומאה
זיצט אין מיטען גרויסען חדר,
זיצט זיך ברייט און אָנגעלעהנט
אויף אַ הסב-בעט פון ביינער
ביי אַ טיש פון טהרה-ברעטער.
ביי זיין רעכטער האַנד—דער עגל,
יענער קאַלב פון ריינעם גין-גאָלד,
דער, צו וועלכען אין דער מדבר
האָבען זיך געבוקט די יודען.
ביי זיין לינקער האַנד—דער נחש,
די פערפלוכטע שלאַנג די קלוגע,
וועלכע האָט די באָבע חוה
איינגערעדט אָן גאָט צו פעלשען
און פערזוכען פון דעם עפעל
פון פערוועהרטען עץ-הדעת.
הינטער זיי אין גרויסען חדר
מאָלען זיך ווי שוואַכע שאָטענס
פלעדערמייז און מיני ברואים
גרויסע עקדעשען און שפינען—
יענע שפינען די פערפלוכטע,
יענע בייזע פייער-טרעגער,
וועלכע האָבען פיל געהאָלפען

צו דעם חורבן בית-המקדש.
אויפן טיש ביים אשמדאי
שטעהט דער קאַלך-אויווען דער גרויסער,
וואו עס זענען אויסגעשטאַנען
זעהר שרעקליכע נסיונות
אונזער עלטער-זיידע אברם
און די הייליגע נביאים
די אַמאָליגע: חנניה
און מישאל ועזריה.
און דער קאַלך-אויווען דער גרויסער–
פול ביז ברעג מיט פעך און שוועבעל,
זודיג הייסע פעך און שוועבעל...
און דער אַלטער שר-הטומאה
שעפּט אָן נמרודס כוס דעם גרויסען
פול מיט ברענענדיגע משקה,
פרעפּעלט אויס דאָס וואָרט „למות!"
צו דעם עגל און צום נחש,
און טרינקט אויס דעם פעך און שוועבעל.
אַזוי זיצט דער אשמדאי
פון פריהמאָרגען ביז'ן אָוונד
אין זיין גרויסען קעסעל-טורעם,
וואו עס הערשט אַ טויט-גרין-לייכטונג,
וואָס עס שטראַהלט פון זיינע אויגען,
וועלכע לויכטען אין דער פינסטער,
ווי עס לויכטען שוועבעל-ווערים
ענדע זומער אין די פעלדער.
און די טויטע גרינע לייכטונג
וואַרפט אַנ'אימה'דיגען אויסזעהן
אויף די חיות, אויף די בּרואים
וואָס געפינען זיך אין טורעם.
אַז די זון פערגעהט אין מעריב
אַז עס קומט אָן בין השמשות,

הויבט זיך אויף דער אשמדאי,
נעהמט אין האַנד די האָלאָוועשקע,
די, מיט וועלכער אונזער צורר,
אונזער גזלן, רשע טיטוס
האָט געטהון דעם בית-המקדש
אונטערצינדען און פערברענען,
גיט אַ בלאָז און גיט אַ פּרעפּעל,
און די שוואַרצע האָלאָוועשקע
הויבט אָן פלאַקערן און ברענען
מיט דעמזעלבען רויטען פייער,
וואָס עס ברענט אין טיפען גהנום
אונטער יענע גרויסע קעסלען,
וואו עס קאָכען זיך משכּילים...
און די וועגד פון קעסעל-טורעם
און די חיות און די ברואים
און אַליין דער אשמדאי,
הויבען אַלע אָן צו ברענען
מיט אַ בלוטיג-רויטען פייער.
ס'ווערען רויט אַזוי ווי פּורפּור
אַלע האָר פון אייזען-ריטער
אויף דעם גוף פון אשמדאי.
רויט ווי צונטער ווערט דער עגל,
רויט ווי צונטער ווערט דער נחש
און די עקדעשען און שפּינען.
אָט קומט אָן די צייט פון מעריב,
און דער אַלטער אשמדאי
לאָזט פונאַנדער זיינע פליגלען—
זיינע שוואַרצע גרויסע פליגלען,
און הויבט אָן די וועלט בעדעקען
מיט אַ חושך ואפלה...
אַז ס'וועט קומען חצות חלילה,
אַז די העהנער וועלען קרייהען,

וועלען קומען זיך צו פליהען
שדים, לצים און מזיקים,
יצר הרע׳ס, מקטרגים,
רוחות, לענטעכער, קונדסים.
אבצוגעבען דין וחשבון
זייער הערשער אשמדאי׳...

---

גאָט אַלמעכטיגער, געטרייער!
האָב רחמנות, און בעשיץ אונז,
דיינע בלינדע, שוואַכע קינדער,
פון די נעצען פון דער טומאה!!

## ב

## אשמדאי און להבדיל מלאך מיכאל.

מיט אַמאָל—אַ קלאַפּ אַ שטילער
לאָזט אין מזרח-וואַנד זיך הערען,
גיט אַ קלאַפּ—אַ דממה דקה
(ווי עס קלאַפּט ביים גביר צו סליחות
מיט אַן אָבשיי אונזער שמש)
און אין בלוטיג-רויטער לייכטונג
שניידט זיך דורך אַ שטראַהל אַ קלאָרער,
ווי אַ שטראַהל פון דעם גן-עדן.
און דער אַלטער אשמדאי
גיט אַ קנייטש זיין קופּער-שטערן,
גיט אַ בליק מיט הוילע פונקען,
גיט אַ ציה אין זיך דעם ריח—
און דערקענט דעם גאַסט וואָס קלאַפּט זיך.
ער צולאַכט זיך זעהר קאָנטעט

און שרייט אויס (אַ קול—אַ דונער):
„ברוך הבא, ברוך הבא,
לאַנג, מיין פריינד, דיך נישט געזעהן!
קום אַריין צו מיר אין טורעם!"
אין דעם גרויסען טומאה-פּאַלאַץ
פליהט אַריין—ווער ווייסט פון וואַנען!—
איינגעוויקעלט אין אַ טלית,
אויסגעוועבט פון הוילע שטראַהלען,
פליהט אַריין אַן׳אַלטער מלאך,
ווי אַ צעדער-בוים אַ הויכער;
גרויסע פליגלען, הימעל-בלויע,
ווייסע זיידענע בגדים,
אויף די פּלייצעס אַן׳עטרה,
אויסגעוועבט פון הוילע גין-גאָלד,
און די אויגען ווי צוויי שטערן
וועלכע לויכטען שטיל מיט רחמים
פון דער הויך דורך זיבען הימלען.
דאָס איז נישט קיין פּראָסטער מלאך,
נאָר דער עלטסטער פון גן-עדן
און ער הייסט אויף אונזער לשון
(אַזוי דוכט זיך מיר)—מיכאל.
ווי ער איז אַריין אין טורעם,
שוועבט ער אום—אַ הרף עין,
ער פערוויקעלט זיך אינגאַנצען
אין אַ לייכטען, קלאָרען וואָלקען,
אַז די טומאה זאָל נישט צושטעהן
צו די הייליגע בגדים.
ער בלייבט שטעהן נישט וויט פון אַלטען
און רעדט אויס גאַנץ שטיל מיט תמימות:
—פּראָסטע ברואים, דאָס הייסט מענשען
מיינען, אַז מיר זענען שונאים,
שונאים בלוטיגע און ווילדע,

ווייל מיר שטרייטען מיט איינאַנדער.
זיי פערשטעהען נישט, די טפשים,
אַז מיר זענען משולחים
פּראָסטע קנעכט און טרייע דינער
און מיר טהוען, וואָס עס הייסט אונז
אונזער בורא כביכול.
אָט בין איך צו דיר געקומען
ווי אַ גאַסט און ווי אַ חבר,
דורכצושמועסען זיך אַ ביסעל
וועגען וועלטליכע ענינים,
וועגען הימלישע מדרגות,
וועגען גהנום און גן עדן.
— אמת! אמת, שר מיכאל!
רופט זיך אָפּ דער אשמדאי:
איך בין גערן דיך צו זעהן!
זעץ זיך צו, מיין פריינד, זיי מוחל
און פון וועג — נישט לאָז זיך בעטען —
מאַך אַ שנעפּסעל — פּעך און שוועבעל!
— כע, אַ שנעפּסעל, נישט קיין עולה! —
ענטפערט שמייכלענדיג מיכאל —
איך וועל זאָגען דיר דעם אמת:
שוין ווי גאַל האָט מיר דערעסען
אונזער משקה פון גן-עדן,
אונזער יין המשומר, —
נישט קיין טעם און נישט קיין ריח...
צו דערקוויקען זיך אַ ביסעל,
וועל איך זעהר גערן נעהמען
אַ טרינק זודיג פּעך און שוועבעל!
און דער אַלטער שר-הטומאה
שעפּט פון אויוועג אָן אַ בעכער
און דערלאַנגט זיין גאַסט מיט כבוד.
שר מיכאל נעהמט דעם בעכער,

טוליעט איין דעם קאָפּ אין וואָלקען,
מאַכט זיך שטילערהייד אַ ברכה,
שיקט זי גיך אַרויס פון טורעם,
פון דער שליטה של הטומאה;
נאָכדעם טרינקט ער אויס די כוס'ע
און פערגלאָצט גאַנץ הויך די אויגען,
גיט אַ קנאַק מיטביידע פינגער
און רעדט אויס מיט גרויס התלהבות:
—אַ, אַ משקה!... וואָס פאַר שוועבעל!
וואָס פאַר פעך! אַ טעם! אַ ריח!
עס צוגעהט אין אַלע אברים!...
זאָג, איך בעט דיך, אשמדאי,
וואו בעקומסטו אַזאַ משקה?
—כע, כע, כע!—צולאַכט זיך יענער:—
האַ? אַ משקה'לע? אַ טעם?
וואו איך נעהם עס? מיינסט, פון גהנום?
האָסט אַ טעות! איך בעקום עס
מאַקי נאָר פון סדום-עמורה;
מעהר נישט דאָרטען קאָן מען קריגען
עכטען, ריינעם פעך און שוועבעל...
נאָך אַ כוס'ע, שר מיכאל!
ס'געהט פאַרביי אַ היבשע ווײלע
נאָר אין דעם, וואָס ביידע געגנער,
שר מיכאל און, להבדיל,
דער מקטרג אשמדאי,
קוויקען זיך מיט פעך און שוועבעל,
נאָכדעם הויבט מען אָן צו שמועס'ן.
—נו, און זאָגט מיר נאָר: וואָס הערט זיך
עפּעס נייעס אין אייער שליטה,
אין דעם פרעהליכען גן-עדן?—
פרעגט דער שוואַרצער בעל-הבית
ביי זיין גאַסט פון צווייטען עולם.

שר מיכאל שוויגט אַ ווײַלע,
גיט אַ זיפץ און זאָגט מיט טרויער:
—אַ-אַ! נישטאָ קיין נײַעס קיין גוטע:
אין גן-עדן איז נישט פרעהליך...
—וואָס אַזוינס איז דאָרט געשעהן?
אין די אַלטע-אַלטע יאָהרען
פלעגט מען שטענדיג מיר דערצעהלען
פון גן-עדן נאָר נפלאות:
דאָרט איז ליכטיג, שעהן און פרעהליך
און עס זיצען זיך צדיקים
אויסגעצירטע, מיט עטרות
און זיי לערנען שטענדיג תורה,
און זיי זענען זיך מתענג
פון דעם ריינעם זיו השכינה...
—דאָס איז אַלץ אַמאָל געװעזען,
אין די אַלטע-אַלטע יאָהרען,—
ענטפערט טרויעריג מיכאל;—
אויס, נישטאָ שוין יענע צייטען!
דער אַמאָליגער גן-עדן
מיט זיין רוה און מיט זיין שעהנקייט
איז פערגאַנגען, איז פערלאָרען!
נייע צייטען, נייע דורות,
נייע מצות און עבירות,
נייע יודען, נייע חסידים...
שווער און ביטער איז צו ריידען,
צו דערצעהלען אַלע צרות,
צו ענטפלעקען אַלע וואונדען...
ביי אַ רגע שווייגט דער מלאך
אין אַ טיפען-טיפען אומעט,
גיט אַ זיפץ—אַ קרעכץ אַ לאַנגען
און הויבט ווייטער אָן דערצעהלען:
—יעדען טאָג—מען ברענגט מיר יודען

כולע וועגענעס מיט חסידים,
מיט רבנים און צדיקים—
אויסגעדאַרטע, אויסגעווייקטע,
געלזוכט, שווינדזוכט און מירידען,
לאַנגע בערד און לאַנגע פאות
און קאַפאָטעס ביז די פיאַטעס—
ווי געהעריג אַלע מעלות,
אָבער מיט אַ קליין חסרון:
אָט די אַלע פיינע חסידים,
אָט די כשר׳ע צדיקים,
די דינים און רבנים
האָבען נישט קיין האָר, קיין נצוץ
פון אַ יודישער נשמה...
דו נישט מיין, זיי זענען פושעים,
חס ושלום!—פיינע יודען:
לערנען תורה און קבלה,
דאַוונען ערנסט מיט התלהבות,
זאָגען „אָמן” בכל כחם,
ווייקען שטענדיג זיך אין מקוה,
היטען אַלע תרי״ג מצות—
אָבער וואָס-זשע איז די פעולה
פון דער תורה און עבודה,
אז דער גרונד פון זיי איז מעהר נישט
נאָר אַ פיינער עולם-הזה
און אַ ביסעל עולם-הבא...
איך דערמאָהן מיך: די צדיקים
פון אַמאָלעדיגע יאָהרען—
פראָסטע יודען, אָבער יודען,
ריינע הערצער, גרויסע הערצער!
יאָ, פון שפאַניען, צי פון דייטשלאַנד
פלעגט מען ברענגען מיר נשמות,
קלאָרע ריינע, ווי בריליאַנטען,

אויסגעלייטערטע אין פייער,
אַז די דעמאָלדיגע חסידים
האָבען גוט געוואוסט דעם טעם
פון אַ הייליג מסירת-נפש
פאַר פערוואָגעלטע און שוואַכע,
פאַר דעם אמת, פאַר דער קהלה,
פאַר דעם גאַנצען כלל ישראל!
און די היינטיגע צדיקים
און די היינטיגע חסידים,—
נישט קיין פונק פון „ואהבת",
נישט קיין זאָרג פאַר כלל ישראל,
נישט קיין קרעכץ פון טיפען הארצען
איבער גרויסע צרות-רבים,
נישט קיין ברעקעל מסירת נפש...
אַז די איצטיגע צדיקים
קומען זיך צונויף צוזאַמען
דאָרט ביי מיר אין דעם גן-עדן,
איז פון זיי נישט אויסצוהאַלטען.
יעדער האַלט זיך פאַר אַ גדול,
יעדער מיינט, אַז ער איז העכער,
פרומער, הייליגער און קלוגער
איידער משה, איידער אהרן,
איידער דוד אָדער שלמה.
אַלע בלאָזען זיך, נישט קאָנטעט
מיט די ערטער, מיט די קרוינען.
אַלע ווארטען נאָר אויף כבוד,
שטענדיג טענות צו דעם בורא,
שטענדיג קלייניגקע מחלוקות,
לשון-הרע און משפטים...
און דער מלאך ווערט אַנטשוויגען
און פערלירט צוויי הייסע טרערען
אויף די זיידענע בגדים.

און דער אַלטער אשמדאי
זיצט זיך לאַנג, פערטראַכט, פערקומערט,
ער בעטראַכט דעם מלאכ'ס ווערטער,
נאָכדעם מיט אַ זיפץ אַ טיפען
הויבט ער אָן אַליין צו ריידען:
—נייע צייטען אין גן-עדן,
שווערע צייטען, שלעכטע צייטען!
נאָר נישט מיין, אַז אין דעם גהנום
געהען בעסער די געשעפטען...
אַך, ביי מיר איז אויך נישט רוהיג,
אויך פאַרהאַן גאָר נייע צרות...
אין אַמאָלעדיגע יאָהרען
איז דער גהנום אויך געוועזען,
גלייך ווי איצטער, פול מיט הוטאים;
אָבער קאָן מען דען פערגלייכען
די אַמאָלעדיגע זינדער
מיט די היינטיגע הולטאַיעס,
עזות-פנים'ער און מורדים?
זאָגסט, מיכאל,—אין גן-עדן
זענען וועניג עכטע יודען.
און אין גהנום, איצט, אַ שטייגער?
אויך דיזעלביגע מגפה!
אַך, וואו זענען יענע צייטען,
אַז מען פלעגט מיר ברענגען יודען,
שענע יודען, פיינע יודען,
מיט גאַנץ קליינינקע עברות:
אַ מחשבה... אַ פערפעהלטעס
וואָרט אין מחזור, אין דעם פיוט...
נישט געוואַשען זיך בנוסחא,
אָבגעזאָגט אַ קליינעם ליגען,
צי געטויט אַ פלוי אום שבת...
קליינע, כשר'ע עברות!—

מיט אזעלכע מיני זינדער
איז געווען אַ גרויסער תענוג:
אַלע ליב געהאַט יסורים,
און גערופען זיי „של אהבה“;
שטיל געלעגען זיך אין קעסעל,
שטיל געבראָטען זיך אין אויווען,
שטיל געלעגען אויפן בענקעל
און, בעקומענדיג די ריטעד,
נישט געוויינט און נישט געשריען,
נאָר געזאָגט זיך בנעימות
אַ קאַפּיטעלע פון תהלים.
איצטער, איצטער איז גאָר אַנדערש,
איצטער ברענגט מען מיר גלוחים,
גרויסע חוטאים, אפּיקורסים,
וועסט אויף זיי קיינמאָל נישט זאָגען,
אַז זיי זענען בני יהודים.
און די חוצפּה, און די עזות!
מאַכען גוואַלדען, שרייען קולות,
שלאָגען זיך מיט מיינע שדים,
קיינער וויל נישט קיין יסורים,
קיינער וויל נישט געהן אין קעסעל,
קיינער וויל זיך מעהר נישט בראָטען!
און ווער רעדט שוין וועגען ריטער!
„ריטער,—זאָגען זיי מיט עזות,—
איז פאַר אונז די גרעסטע בושה“.
און זיי לאָזען זיך נישט שמייסען!!!
איינמאָל האָט מען יאָ געשמיסען,
וואָלסטו זעהן ס'אַר אַ מהומה,
וואָלסטו הערען דעם געפּילדער,
וואָס עס איז דערביי געוואָרען
אין דעם גהנום, אין די קעסלען
און דערנאָך—בעטראַכט די חוצפּה!

האָבען זיי דעם שד דעם עלטסטען
שיר די הערנער נישט צובראָכען!
שרעקליך! ביטער! שר מיכאל!
וואָס וועט ווערען פון דעם גהנום
אויב אַזוי וועט זיין אויך ווייטער?!..

---

און די ביידע אַלטע הערשער,
פון גן-עדן און פון גהנום,
זיצען שטיל אין טיפען טרויער,
ביידע טראַכטען, ביידע זיפצען,
ביידע בענקען נאָך די צייטען,
וועלכע זענען שוין פערגאַנגען...

## ג

## דער מלאך המות און דער מלאך דומה.

מיט אַמאָל אַ שטאַרקער דונער
גיט אַ קלאַפּ אין מיטען בוידעם
און זאָגט אָן דעם אשמדאי,
אַז ס'איז נאָהנט חצות הלילה.
עס שטעהט אויף געשווינד מיכאל
און נעהמט אָבשייד פון זיין חבר,
לעגט צונויף די גרויסע פליגלען,
ציהט זיך אויס אין דינע שטראַהלען,
און עס דויערט נישט קיין רגע,
ווי דער מלאך ווערט פערשוואונדען...
שר הטומאה, אשמדאי
הויבט זיך אויף פון זיין הסבה
און רופט אויס מיטווילדע קולות:

—שדים! לצים! מקטרגים!
ווילדע קליפות און מזיקים!
אַלע קינדער פון דער טומאה,
שטילע רוחות, בייזע רוחות,
פון דעם ים און פון יבשה,
פון די הויכע בערג און טהאָלען,
פון די פעלדער, פון די וועלדער,
פון בית-עלמינ׳ס און פון חורבות
און פון גרויסע, טיפע זומפּען,
לענטעכער פון שטעדט און דערפער,
שרעטעלעך פון אונטער-אויוועגס
און קונדסים פון די בוידעמס,
מקטרגים, יצר-הרע׳ס
פון דער ליטא און פון פוילען,
פון בערלין און פון אָדעסא,
און פון ווילנא, און פון וואַרשא,
און פון יודישע קליין-שטעדטלעך—
אַלע, אַלע קומט צו פליהען!
רויך און שטויב און שטורעם-ווינדען
זאָלען אייער וועג פערקעהרען,
הינד און וועלף און ווילקאָלאַקעס
זאָלען אייער קול פערבילען,
העהנער זאָלען עס פערקרייהען!
קומט צו פליהען! קומט צו פליהען,
אָבצוגעבען דין וחשבון
אייער מושל אשמדאי!
קומט צו פליהען! חצות הלילה!
עס געהט דורך אַ הרף עין
און אַרום דעם שוואַרצען טורעם
ווערט אַ שרעקליכער גערודער.
אין אַ שטורעם-ווינד אַ שטאַרקען,
וועלכער רייסט און פייפט מיט צאָרן.

דרעהט זיך אום מיט אַ געפּילדער,
מיט אַ רעַש, מיט אַ שטורעם,
דרעהט זיך אום אַ מחנה שדים;
גרויסע, קליינע, דאַרע, דיקע.
אַלע וואַרפען זיך מיט אימפּעט,
פליהען, דרעהען זיך און שפּרינגען,
לויפען, קוליען זיך און טאַנצען,
טאַנצען ווילדע קאַראַהאָדען,
מאַכען שרעקליכע העויות,
קוויטשען, בילען, קרייען, שרייען,
זינגען הויך פערשייטע לידער,
ריידען נבול-פּה אָהן בושה.
הונדערט טויזענד ווילדע קולות,
הונדערט טויזענד ווילדע תּנועות
אין אַ שטורעם פון געלעכטער...
גאַנץ בעזונדער פון דער מחנה,
אָן אַ זייט, ביים וואַנד פון טורעם
שטעהען ערנסט צוויי מלאכים.
איינער איז—מלאך המות,
און דער צווייטער—מלאך דומה.
ביידע ווייזען אויס גאָר אַנדערש
ווי געוועהנליכע מלאכים:
שרעקליך איז דער שר המות!
ווי פון אייזען אויסגעגאָסען
איז זיין גאַנצער גוף דער שטאַרקער,
אַלע אברים שאַרף און שפּיציג,
מיט אַ שפּיץ אַרויף דער שאַרבען,
שפּיציג, שאַרף, די נאָז די דינע,
גלייך, ווי מעסערס, ביידע באַקען
און די פּלייצעס, און די קנעכלען—
דינע, שפּיציגע ווי שפּיזען.
אויף די פּלייצעס—אַ פּאָר פליגלען,

שוואַרצע, ווי פון שטאָל געשמידעטע,
קליינע, שאַרפע און פערדרעהטע,
ווי אַ טערקישע פּאָר שווערדען;
אין דעם גוף איז טויזענד אויגען,
און זיי בלאַנקען אין דער פינסטער
ווי עס בלאַנקט אַ שאַרפער חלף.
טויזענד אויגען אָהן רחמנות,
און זיי שטעכען, און זיי שנידען,
און זיי גליווערן די דמים,
און זיי ווערגען די געדאַנקען,
און זיי מאַכען אייז פון אָטעם,
און זיי רויבען אַלע חושים,
און זיי שרייען שטום אָהן ווערטער:
„אַלע האָפנונגען פערלוירען,
שטאַרבען מוז דאָס אַלץ, וואָס אָטעמט,
טויזענד אויגען—טויזענד מיתות!
אין דער רעכטער האַנד ביים מלאך,
אין די שפּיציג שאַרפע נעגעל
איז פערדריקט אַ גרויסער חלף
אָהן אַ פּגימהלע, אַ שאַרפער;
אויף דעם רעכטען שפּיץ פון חלף,
הענגט אַראָב אַ גרויסער טראָפּען,
נישט פון גאַל—פון סם המות!
אין דער לינקער האַנד אַ ספר,
וועלכער רופט זיך „מעבר יבוק".
גאָר אַנ׳אַנדער פּרצוף פּנים
האָט זיין חבר, דער בעל כעס׳ן,
וועלכער רופט זיך מלאך דומה.
ער איז הויך און שרעקליך מאָגער
און זיין גוף איז אויסגעצויגען,
אַקוראַט ווי אַ שלשלת.
ווי אַ דינע שלאַנג אַ בייזע.

נישט קיין פנים, נאָר אַ שנאָבעל
אי אַ לאַנגער, אי אַ שאַרפער,
ווי אַ שנאָבעל פון אַן אָדלער.
אויפ׳ן רעכטען מיטען שטערן,
ווי אַ גרויסער שוואַרצער איילבערט,
בלאַנקט זיין אויג מיט ווילד געפייזער;
אָנשטאָט הענד—צוויי שאַרפע שווערדען,
די, מיט וועלכע מלאך דומה
פאַלמעסט יענע שטומע מתים,
וועלכע האָבען קיין זכרון,
וועלכע האָבען זיך פערגעסען
פון גרויס פחד פאַר דעם מלאך,
זייער נאָמען, זייער פסוק,
וועלכע האָבען נישט קיין ענטפער
אויף דער שאלה: מה שמך?
בײדע שרעקליכע מלאכים
זענען פריינד פון לאַנגע צייטען;
אַז זיי קומען זיך צוזאַמען,
זענען ביידע זעהר גערן.
דאָ, אין הויף ביים אשמדאי,
שטעהען ביידע גאַנץ בעזונדער
און זיי שמועס׳ן שיחת חולין...
מיט אַ שמייכעל מיט אַ קאַלטען,
רעדט מען זיך וועגען דאָקטוירים,
וועגען פרעפלער און ציגיינער,
וועגען מתים, חברה-קדישא
און תכריכים און בית-עלמינ׳ס.
—זאָג מיר נאָר, מיין שר המות,
איך האָב לאַנג געוואָלט דיך פרעגען,—
רופט זיך אָב דער מלאך דומה,—
זאָג, מיט וואָס פאַר אַ כלי-זין
טויטסטו לעבעדיגע מענשען?

האָכט אין האַנד אַ גרויסען חלף
און אַ טראָפּען סם-המות—
סמ׳סטו מענשען, צי דו קוילעסט?
אָדער שלעפּסט אַרויס דעם נפש
(ווי עס שטעהט אין דער גמרא),
פון דעם מויל און פון די נירען,
ווי אַ האָר פון מילך ביים צדיק,
ווי אַ שטריק פון פעך ביים רשע?
זאָג, איך בעט דיך, שר המות,
איך בין גערן דאָס צו וויסען.
—ניין, איך שלעפּ נישט קיין נשמות,
נישט פון מויל, נישט פון די נירען,—
ענטפערט קאַלט דער שר המות.—
נישט איך קוילע מיט מיין חלף,
נישט איך טויט מיט סם המות...
און דעם חלף און דעם טראָפּען
טראָג איך מעהר נישט ווי אַ סימן,
אַז איך בין דער שר המות.
—הייגט מיט וואָס-זשע מאַכסטו מתים
פון די לעבעדיגע מענשען?—
פרעגט פערוואונדערט מלאך דומה.
—מיט דעם בליק פון מיינע אויגען,—
ענטפערט איהם דער שר המות.—
קליינע ברואים, הייסט עס—מענשען,
קאָנען נישט אַריבערטראָגען
טויזענד קאַלטע, שאַרפע בליקען;
זיי כאַפּט אָן אַנ׳אימת מות
און זיי שטאַרבען נאָר פאַר פּחד
פון דעם בליק פון מיינע אויגען.
זעהר זעלטען נאָר עס טרעפט זיך,
צוויי צי דריי אין אַ יאָהרהונדערט—
דאָס איז מענשען, דאָס איז הערצער:

גלייך געקוקט מיר אין די אויגען,
אָהן אַ פּחד, אָהן אַ טרייסעל,
רוהיג, טיף און מיט אַ שמייכעל.
ווענסט מיר גלויבען? שטילע בליקען
פון אַזעלכע מינים מענשען,
מאַכען אָבהענדיג מיך שטענדיג,
איך פערליר מיין מוטה איינגאַנצען,
לאָז אַראָב די טויזענד אויגען
און (ווענסט לאַכען) מיט אַנ׳אָבשיי,
ווי פערשעמט, צי ווי דערשראָקען,
פליה איך מיר אַוועק פון דאָרטען.
—בלייבען יענע מענשען לעבען?—
פרעגט ערשטוינט דער מלאך דומה.
—ניין! אויף צלמים און אויף תליות
און מיט קוילען און מיט שווערדען
און דורך אַנדערע יסורים
ווערען זיי געטויט פון מענשען...
און עס טרעפט זיך גאָרנישט זעלטען—
פון די אייגענע תלמידים!
מענשען! מענשען! בעלי רחמים!—
רעדט אַרויס דער שר המות
און שיסט אויס מיט אַ געלעכטער...
—איך וועל זאָגען דיר דעם אמת,—
רופט זיך אָב דער מלאך דומה,
איך בין זעהר דיך מקנא:
דיין מלאכה איז אַ הויכע
און אַנ׳איידעלע, אַ שעהנע,
זאָגן זי האָט אַ טיפען טעם.
שטענדיג שטעהסטו אויף דער גרעניץ
פון דעם לעבען און דעם שטאַרבען
און דער סוד פון אַלע סודות
איז פאַר דיינע אויגען אָפען.

לעבעדיגע זעהסטו מענשען
זון דו האָסט אין האַנד נשמות,
פרישע, וואַרעמע נשמות,
וועלכע האָבען נישט פערלוירען
נישט די חושים, נישט די טבע׳ס
פון די לעבעדיגע מענשען.
נו, און איך–איך זעה נאָר מתים,
קאַלטע מתים אין תכריכים.
קאַלטע קברים, קאַלטע שטיינער...
–זיי, מיין פריינד, מיך נישט מקנא,–
ענטפערט איהם דער שר המות:–
–קאַלטע מתים אין די קברים
זענען, זאָג איך דיר, פיל שענער
איידער לעבעדיגע מענשען,
וועלכע גרייטען זיך צום חשבון
פאַר דעם בורא כביכול.
וואָלסטו נאָר צוזעהן, ווי מען ציטערט,
ווי מען וויינט, און ווי מען בעט זיך,
ווי מען כאַפּט זיך פאַר רפואות,
און פאַר כשוף און פאַר צדקה,
ווי מען טשעפּעט זיך, מען האַלט זיך
מיט אַ שרעק און מיט אַנ׳אימפּעט,
פאַר דעם קראַנקען שטיקעל לעבען!
אַז אַ מענשעל וויל נישט שטאַרבען,
אַז דאָס לעבען איז איהם טייער,–
ווּעסטו דאָך אודאי מיינען,
אַז ער טהוט, וואָס איז נאָר מעגליך
עס צו היטען און פערלענגערן?
ווּעסטו דאָך אודאי מיינען,
אַז דאָס וואָרט „אַ מענשענס לעבען"
איז ביי מענשען זעהר הייליג?
אויב דו ווּעסט זיך אַזוי קלערען,

האָסטו גאָר אַ גרויסען טעות:
ווערסט באמת נישט געפינען
אַזאַ סחורה, אַזאַ ווערען,
וואָס זאָל וועלוועלער זיך שאַצען
ווי אַ לעבען פון אַ מענשען!
מיך נעהמט אָן אַ בייז געלעכטער,
אַז איך הער ווי מענשען שרייען
ביי אַ מטה, ביי אַ קבר,
אַז אין אַלץ בין איך נאָר שולדיג.
טפשים, בהמות און רמאים!
זענען זיי דען בלינד, די מענשען,
זעהען זיי דען נישט, די שווינדלער,
אַז ביי מיר איז נאָר אַ חלף
מיט אַ טראָפּען סם המות,
און ביי זיי איז דאָ הארמאַטען,
שווערדען, תליות, שאַרפע שפּיזען,
סקילה, שרפה, הרג, חנק,
אַלע ארבע מיתות בית-דין
און דערצו נאָך אַלע מינים
פון די „איידעלע” יסורים,
וועלכע ציהען די נשמה
נישט פון מויל—פון אַלע נירען...
ווערען נאַרען זיי, די מענשען
די אכזורים, די רמאים,
אַז זיי קלאָגען זיך און טענה'ן,
אַז זיי שרייען פרומע ווערטער
וועגען שלום, וועגען אחדות,
וועגען ליבע און רחמנות?...
אַזוי רעדט דער שר המות
מיט אַ קאַלטען האַס אָהן כעס,
און דער בייזער מלאך דומה,
אָנגעשטעלט דעם לאַנגען שנאָבעל

הערט איהם צו מיט גרויס כונה,
בײ אַ װײלע שװײגען בײדע.
—נו, און װאָס װעסטו מיר זאָגען?—
פרעגט דערנאָך דער שר המות
בײ זײן אַלטען פרײנד און חבר.
—איך?... בײ מיר נישטאָ קײן נײעסען.
אַלץ איז שטיל אויף די בית-עלמין׳ס
אויך גאַנץ רוהיג אין די קברים.
עס פערשטעהט זיך—אין די אַלטע,
װאו עס ליגען שטילע מתים,
פײנע מתים, האַלב צופוילטע,
נו, און נײע פרישע מתים,—
די פערשאַפען מיר יסורים.
ברענגען מיך אין װילדען כעס.
—װאָס אַזוינס?—פרעגט שר המות.
—נו, בערעכען זיך אַ שטײגער,
אָט איך קום זיך אין אַ קבר,
צו אַ מת אַ שפּאָגעל-נײעם
און געפין איהם, װי געװעהנליך,
אײנגעשלאָפען שטאַרק און רוהיג:
מיד פון װעג, פון דער לויה.
ס׳איז נישט גרינג איהם אויפצװעקען,
נאָר מיט אַ געשרײ אַ שטאַרקען,
מיט׳ן קײט אַ שמיץ דערצו נאָך
װעק איך אויף מײן גאַסט דעם נײעם
און איך פרעג איהם: „מה שמך?“
נו, איך רײד שוין נישט פון יענע,
װעלכע האָבען נישט קײן ענטפער
אויף אַזאַ מין פּראָסטע שאלה,
װעלכע האָבען קײן זכרון
צו געדענקען װי מען רופט זײ.
פאַר אַזעלכע מיני בּרואים

זָהן אַ נאָמען, אָהן אַ שארית
איז בּיי מיר אַ גיכער משפּט:
גלייך געפּאַלמעסט אויף צוויי שטיקער
און געשיקט אין כּף הקלע.
נאָר די יענע, וועלכע האָבּען
נאָך אַ שטיקעלע זכרון,
וועלכע שטאַמלען מיט אַנ'ענטפער,
זענען שטענדיג גרויסע טפּשים.—
אויף מיין שאלה „מה שמך?"
גיט מען מיר אַזאַ מין ענטפער:
היים, בּרוך, יעקב, העניך,
צירל, חנה, בּיילע, דוואָשע,
און אַנ'אַנדערש מאָל נאָך בּעסער:
היים-בּרוך-יעקב-העניכס,
צירל-חנה-בּיילע-דוואָשעס.
און צום צווייטען מאָל מיין שאלה
שריי איך אויס מיט גרויסען כּעס,
און די בּרואים טענה'ן ווידער:
גבירים, בּעטלער, בּעלי-בּתּים,
הענדלער, קרעמער, בּעלי-מלאכות.
פון אַזעלכע מיני תשובות
כאַפּט מיך אָן אַ ווילדער צאָרן
און צום דריטען מאָל מיין שאלה
גיט אַ קלאַפּ שוין ווי אַ דונער:
„מה שמך? מה שמך?
זאָג מיר, מענש, וואָס פאַר אַ נאָמען
האָסטו אויף דער וועלט געלאָזען,
וויי'ז דעם זכר, וויי'ז דעם רושם,
וואָס דו האָסט מיט דיינע מעשים
אויסגעקריצט אויף לאַנגע צייטען
אין געדאַכט פון דורי דורות!"
אָט בּיי דער מין פראָסטער שאלה,

שווייגען ניינציג פון אַ הונדערט,
ווייסען מיר נישט וואָס צו זאָגען...
   ביי די ווערטער ווערט דער דומה
אויפגערעגט און שטאַרק אין כּעס,
גיט אַ קלאַפּ אין דר'ערד דעם שנאָבעל,
גיט אַ וואָרף אַ בליק אַ ווילדען
און הויבט ווייטער אָן צו טענה'ן:
   —דאָס איז אונטען, אין די קברים,
נו, און אויבען, אויף די קברים?
אויף די אוהל'ס און מצבות
זענען אויסגעקריצט אַזעלכע
הויכע שבחים, הויכע מעלות,
אַז מען קאָן נשתּומם ווערען.
נאָר אַ לייען טהון די ווערטער,
וועלכע זענען אויפגעשריבען,
אויסגעקריצט אויף מירמעל-שטיינער,
אויסגעקריצט אויף דורי דורות,—
קאָן מען מיינען—די בית-עלמינ'ס
זענען דורך פּערזייעט מיט גדולים,
מיט צדיקים, מיט חכמים,
בעלי-צדקות און ענוים,
אשת-חיל'ס אָדער צנועות...
אָט אַזעלכע מיני שבחים,
אָט אַזעלכע מיני כּזבים,
וועגען טויטע, וועגען שטומע,
האָבען מיר שוין שטאַרק דערעסען
און איך האָב זיך איצט גענומען
איבערמאַכען אַלע כּתבים
אויף די אוהל'ס און מצבות.
ביי אַ גביר אויף אַ מצבה
האָב איך אָנגעשריבען: „גנב"‏;
ביי אַ רב פון אַ קליין שטעדטעל

האָב איך אָנגעשריבען „שוטה";
אויף אַ קינצליכער מצבה
פון זוגתו של בעל-שתדלן,
וואו מיט אותיות געגילטע
איז געווען געשריבען „צנועה",
האָב איך אָנגעשריבען „זונה";
אויף אַ שעהנעם רייכען אוהל
פון אַ גרויסען גוטען יודען,
האָב איך אויסגעקריצט: „פ"נ,
אונטער'ן אוהל ליגט בעגראָבען
אַ צבוע'אַק, אַנ'עם-הארץ,
וועלכער האָט זיין גאַנצען לעבען
פאַרגעשטעלט זיך פאַר אַ צדיק,
בלוט געזויגען פון קבצנים,
ח"י מאָל ח"י געשלעפט פדיונות,
פאַר'ן נאָז געפיהרט חסידים,
און געהאַנדעלט ווי אַ קרעמער
מיט גאָטס נאָמען, מיט גאָטס ווילען,
מיט קמעות און מיט שמירות"...

ד

## אין שאול תחתיה. דער האַנדעל מיט חטאים.

ק-ר-ר-ראַך!... עס גיט אַ קלאַפּ אַ דונער,
און עס הויבען אָן צו קרייען
ששים רבוא ווילדע העהנער.
האַלבע נאַכט איז שוין געקומען
און דער שטורעם-ווינד, אין וועלכען
ס'דרעהען זיך די מחנות שדים,
הויבט זיך אויף מיט האַסט צום וואָלקען

ווי אַ זייל, צי ווי אַנ׳עגבער,
דרעהט זיך אויס ווי אַ מין פּזר,
בויגט זיך צו צום לינקען קוימען
פון דעם מעכטיג הויכען טורעם
פון דעם הערשער אשמדאי.
ווידער—נאָך אַ שטאַרקער דונער,
און דער ווינד מיט אַלע שדים
פליהט אַריין אין קעסעל-פּאַלאַץ,
גיט אַ קלאַפּ זיך אָן פּאָדלאָגע—
און ס׳ווערט שטיל, קיין פּיפּס, קיין אָטעם..
אַלע רוחות, ווי יונים,
אָהן אַ ריהר און אָהן אַ תנועה,
שטעהען שטום, מיט גרויסען פּחד
פאַר דעם פּנים פאַר דעם שטרענגען,
פון דעם גרויסען אשמדאי.
און דער הערשער פון די רוחות
קוקט אַרום זיין גרויסען חיל,
זיצט אַ ווײַלע ווי פערשלימערט,
ווי פערטיפט אין די רעיונות
און הויבט אָן דערנאָך צו ריידען:
„מיינע קינדער, בני הטומאה
פון די ארבע פּנות עולם!
גיט מיר אָב אַ קלאָרען חשבון
פון די מעשים פון די טרפה,
פון די שטרויכלונג און חטאים,
פון די זינדיגע מחשבות,
פון די שרעקליכע עברות,
וואָס איהר האָט געזייעט מיט הויפענס
צווישען מענשען אויף דעם וועלטעל.
פון די שפּיצלעך און לצנות,
פון פערבלענדעניש און שטותים,
פון די אַלע מיני נעצען,

וואָס איהר האָט פערשפרייט צו פאַנגען
פרומע יודישע נשמות!
איהר זאָלט אַלע ריידען אמת.
נאָר, כדי אייך נישט צו שטערען
פון דער טרפה׳נער מלאכה
און בעפרייען אייך וואָס גיכער,
בין איך גוזר, אַז איהר אַלע
שדים, לצים און קונדסים
און די דאַרע יצר-הרע׳ס
פון די יודישע קליין-שטעדטלעך,
זאָלט זיך געהן אין שאול תחתיה
און זאָלט דאָרטען מיינע שרים,
מיינע גרעסטע דינער: סני,
סנסיני און סמנגלוף
געבען אייער טרפה׳ן חשבון
ווי געהעריג איז—אויף פאַרמעט
און מיט חזיר בלוט געשריבען.
און אָט דאָ ביי מיר אין טורעם
זאָל זיך בלייבען מעהר נישט איינער,
דער בעריהמטסטער און דער גרעסטער
פון אָדעסער יצר-הרע׳ס,
און ער זאָל מיר קלאָר דערצעהלען
פון די נייעסען, וואָס עס הערט זיך
אין מיין הויפט-שטאָדט, אין אָדעסאַ;
ווי אָדעסער בעל-עברות
קריכען, שפרינגען, לויפען, פליהען
אין די נעצען פון מיין שליטה״.
עס געהט דורך אַ הרף עין—
און פון דר׳ערד, פון יענעם ווינקעל
אין דעם טורעם, וואו ס׳געפינט זיך
יענער זומפ, אין וועלכען קרח
מיט זיין גאַנצער גרויסער מחנה

איז געוואָרען איינגעזונקען,
הויבט זיך אויף אַ קנויל פון פייער,
כאַפּט אַרום די מחנה שדים
און פּאַלט דורך מיט זיי צוזאַמען
דורך דעם זומפּ אין שאול תחתיה
און אין טורעם בלייבט נאָר איינער,
דער מיוחס און דער גרעסטער
פון אָדעסער יצר־הרע׳ס.
שאול תחתיה! שאול תחתיה!
פריהער מוז איך אייך דערצעהלען,
וואָס דאָס איז פאַר אַ מין מקום.
נאָך נישט לאַנג, אין יענע צייטען,
אַז די בייזע אפּיקורסות
האָט נאָך נישט פערשפּרייט איהר שליטה
אויף אחינו בני ישראל,
איז דער גהנום געוועזען
נישט וואו ער געפינט זיך איצטער;
ער האָט דעמאָלט זיך געפונען
אין דעם גרויסען טיפען קעלער,
וועלכער רופט זיך „שאול תחתיה",
אונטער שר הטומאה׳ס טורעם.
אַך! אין יענע פרומע צייטען
איז דער גהנום געוועזען
גאָר אַ קליינער און אַ פּראָסטער,
מיט צוויי אַלטע ציגעל־אויוועגס
און אַ צעהנדליג אַלטע קעסלען.
און די דינער פון דעם גהנום
זענען זיך דורכאויס בעשטאַנען
נאָר פון דרייצעהן אַלטע שדים,
קראַנקע, הינקעדיגע, שלאַפע,
וועלכע פלעגען שטענדיג ליגען
ביי די קעסלען, אויפ׳ן אויוועז,

אום צו וואַרעמען די ביינער,
שטענדיג קרעכצען און זיך קלאָגען
אויף דער ביטערער עבודה.
הייצען פלעגט זיך דאַן דער גהנום
נאָר מיט אַלטע פוילע ברעטער,
וועלכע אָט די קרומע שדים
פלעגען יעדען בין השמשות
גנב'ענען פון גרויסען פלאַנקען,
וועלכער איז אַרום גן-עדן...
אין דעם גהנום איז דעמאָלט
שטיל געווען און זעהר רוהיג.
קליינע, פרומע בעלי-עברות,
ליגענדיג זיך אין די קעסלען,
פלעגען שטענדיג זאָגען מוסר
פאַר די הינקעדיגע וועכטער.
און די שדים פלעגען הערען,
פלעגען טראַכטען וועגען תשובה,
און אַז קיינער פלעגט נישט זעהן,
פלעגט מען זיך אַ „ברכו" מאַכען,
זאָגען „אָמן", „יהא שמיה רבא"
און אַנ'אַנדערש מאָל—אפילו
שפּייען אין דעם גרויסען אויווען
און פערלעשען דאָרט דאָס פייער.
און גאַנץ אָפט פלעגט דאָרטען טרעפען.
אַז אַ רייכער בעל-עברה
פלעגט פאַר עטליכע שמעק טאַבאַק
מאַכען גאָר אַ שעהנע פליטה;
אַ שמעק-טאַבאַקל די שדים,
אַ שמעק-טאַבאַק די מלאכים,
וועלכע היטען דעם גן-עדן—
און דער רייכער בעל-עברה
פלעגט זיך איבערקלויבען רוהיג:

אין דער וואוינונג פון צדיקים.
אָט אַזוי איז זיך געגאַנגען
ביז דער צייט פון משה דעסער.
משה דעסער! משה דעסער!
גוואַלד, וואו נעהם איך טויטע קללות
דיך צו שעלטען פאַר דיין טומאה,
פאַר דאָס בייז, וואָס דו האָסט יודען
אָנגעטהון מיט דיין השכלה,
מיט דיין טרפה׳נער השכלה!
זינט דער אחר, אשר חטא
ואשר החטיא את הרבים,
האָט פערברייטערט צווישען יודען
גאַנצע הלכות אפיקורסות,
חקירות, ספקות, ווילדע קשיות
און פער׳סמ׳ט פיל טויזענד מוחות—
זינט ער האָט געבויט זיין קלייזעל
אין דעם סדום פון נייע צייטען,
אין בערלין (אַ שטאָדט פון דייטשען!),—
האָט אַ שאָט געטהון אין גהנום
גאָר מיט נייע בעל-עברות...
אין אַ קורצער צייט פון יאָהרען
איז געוואָרען קליין דער גהנום,
ענג געוואָרען אין די קעסלען,
נישט געכאַפּט קיין האָלץ אויף הייצען,
און די אַלטע קרומע שדים
האָבען זייער ביסעל שליטה
גאָר אינגאַנצען שוין פערלוירען.
אַז דער אַלטער אשמדאי
האָט דערוואוסט זיך פון די מעשים,
האָט ער גלייך געהייסען בויען
אַ גהנום גאָר אַ נייעם,
אי אַ גרויסען, אי אַ ברייטען,

מיט תרפ"ט אלפים קעסלען,
וועלכע זאָלען זיך בעהייצען
נישט מיט האָלץ—מיט שטיינער-קויהלען,
האָט געהייסען דאָרטען מאַכען
טעלעגראַפען, טעלעפאָנען
און עלעקטרישע בעלויכטונג,
און פאַר וועכטער האָט ער דאָרטען
צוגעשטעלט אַ מחנה שדים,
גרויסע, יונגע און געזונדטע,
וועלכע וויסען „מה שתשיב"
מיט׳ן צונג און מיט די נעגעל.
אויס די אַלטע גוטע יאָהרען!
איצטער קאָן זיך שוין נישט טרעפען,
אַז אַ רייכער בעל-עברה
זאָל פון דאָרטען פלטה מאַכען!
שעהן און גרויס איז איצט דער גהנום
אַלץ איז דאָרטען זעהר איידעל,
שדים זאָגען „איהר", „זייט מוחל",
צו די גרעסטע בעל-עברות,
אַז זיי בראָטען זיי אין אויווען,
אַז זיי זעצען זיי אין קעסעל.
אַלץ איז דאָרטען איינגעאָרדענט
נאָך דעם לעצטען וואָרט פון חכמה,
נאָר די צרות און יסורים
זענען אָהן אַנ׳ערך גרעסער,
איידער אין דעם אַלטען גהנום..
ס׳האַלט זיך שטאָלץ דער אשמדאי
מיט זיין נייעם פיינעם בנין.
אַז די אַלטע שאול תחתיה
איז געוואָרען פוסט און לעדיג,
האָט געהייסען אשמדאי
דאָרטען מאַכען אַ מין לאַגער,

אַ מין חנות כל המינים
טומאה-סחורות, פון עברות,
און אַוועקגעזעצט אין קרעמעל
האָט ער שענסטע מקטרגים,
די בעוואוסטע רוחות: סני,
סנסיני, און סמנגלוף.
אַלע ווענד פון שאול תחתיה
זענען אויסגעלעגט מיט סחורה,
גלייך ווי אין די גרעסטע קראָמען
פּעק און פּעקלעך מיט עברות,
און ביי גרויסע לאַנגע טישען
זיצען ערנסט די דריי קרעמער,
מיט די ברילען אויף די נעזער,
מיט די פּענעס אין די נעגעל
און זיי שרייבען אין די גרויסע
שוואַרצע לייסטערס: „קרעדיט", „דעבעט".
אַז די גאַנצע מחנה שדים
פליהט אַריין אין שאול תחתיה,
אין דעם גרויסען קנויל פון פייער,
הויבט זיך אויף אַזאַ געררודער,
ווי צוזאַמען אין דריי בערזען.
קודם כל, אַ דין וחשבון
גיבען אָב דעם שר סמנגלוף
אַלע רוחות און נישט גוטע
ווי געהעריג איז, אויף פּאַרמעט,
און מיט חזיר-בלוט געשריבען.
באַלדעם הויבט זיך אָן דער האַנדעל,
ביי דעם טיש, וואו ס'זיצט סני,
שטעהט אַ קליינע מחנה שדים,
שטעהען שענסטע יצר-הרע'ס,
גרויסע, דיקע בעלי בתים
און מיט ברייטקייט און מיט גדלות,

ווי עס פּאַסט פּאַר גרויסע סוחרים,
פיהרען זיי זיך זייער האַנדעל.
איינע צאָהלען במזומנים,
באַרע נייאינקע מטבעות,
דאָס הייסט—אויסגעמעקטע שמות,
אָבגעשערטע באָרד און פאות,
אָדער שפייען פון „עלינו”,
אָדער פגימות פון חלפים—
אָדער וועקסלען פון באַנקראָטען...
אַנדערע פון אָט די סוחרים
באָרגען זייער פעקעל סחורה:
סני האַלט זיי פאַר בטוחים
און ער גיט זיי גערן סחורה.
יצר-הרע׳ס בעלי-בתים
האָבען ליב רעיעלע חטאים,
פעטע, שטאַרקע און געשמאַקע!
לאָז זיך זיין נישט נאָך דער מאָדע,
לאָז זיך זיין אפילו טייער,
נאָר ס׳זאָל האָבען אַ ממשות,
מען זאָל זעהן, און מען זאָל פיהלען,
אַז די סחורה איז אַ גוטע.
ביי דעם טישעל פון סנסיני
שטעהען אָרימענקע שדים,
שטעהען דאַרע יצר-הרע׳ס,
לצים, שלעפּער און דלפנים,
און זיי בעטען, און זיי וויינען,
אַז סנסיני זאָל זיי באָרגען
צוויי-דריי צעהנדליגער עברות,
כאָטש פערלעגענע און אַלטע,
און מען שווערט מיט עק און הערנער,
אַז מען וועט בעצאָהלען שפּעטער.
מען דערלאַנגט שטר-עסקא׳ס, וועקסלען,

שדים-שבועות און משכּנות.
און סנסיני קנייטשט דעם שטערן,
שעלט און זידעלט זיינע קונדען,
נאָר ער האָט אויף זיי רחמנות
און גיט יעדערן אַ פּעקעל
מיט פערלעגענע עברות.
נאָר דער רעכטער שטאַרקער האַנדעל,
קומט זיך פאָר ביים טיש דעם דריטען,
וואו עס זיצט דער שר סמנגלוף:
דאָרטען שטעהט אַ גרויסע מהומה
פון די נייעסטע יצר-הרע'ס,
פון היינט-וועלטיגע לצנים,
פון קונדסים מיט „פּרינציפּען".
—מיר אַ פּעקעלע עברות,
פרישע, הייסינקע, געשמאַקע,
פון דער לעצטער נייעסטער מאָדע!—
קווטשעט אויס אַ קליינער לץ'ל.
—גיט, זייט מוחל, מיר אַ פּעקעל
מיט די רויטינקע עברות,
איינגעבונדענע און שטאַרקע,
דורכגעווייקטע אין פּרינציפּען!—
בעט אַ דאַרער יצר-הרע.
—גיט מיר עפּעס דעקאַדענטיש,
בעט אַנ'„איבער-שד" אַ לאַנגער:
גיט אַזעלכע מיני חטאים,
אַז אין זיי זאָל שטעקען תשובה,
חטאים דורך און דורך מיט דבקות,
חטאים אייז מיט פלאַמען פייער,
אַז פון זיי זאָל אין איין ווײלע
היצען, קיהלען, ברענען, פריהרען,
חטאים מיט אַ גרינעם ריח,
מיט אַ שפּיציג-העלען טעם;

חטאים מיט אַ פּרצוף פּנים
פון אַ לאַנגען זיסען געניץ
פון אַנ׳אָדלער אין דער מדבר...
אויף אַזעלכע מיני סחורות
האָב איך איצטער פיינע קונים!
מיט אַמאָל אַ גרויס גערודער
הויבט זיך אויף אין שאול תהתיה.
וואָס איז דאָרט אַזוינס געשעהן?
מ׳האָט געכאַפּט אַ קליינעם לצ׳ל,
וועלכער האָט זיך שטיל גע׳גנב׳עט
פון דעם טיש פון שר סמנגלוף
צוויי-דריי פּעקעלעך עברות,
גאַנץ ניי-מאָדישע, געשמאַקע,
זיך פערקליבען אין אַ ווינקעל
און גענומען זיי פערצעהרען
גאָר אַליין מיט גרויסען תענוג.
און דער גנב דער געכאַפּטער
הויבט אָן קווישען, הויבט אָן וויינען,
הויבט אָן דרעהען מיט׳ן עק׳ל,
בעטען זיך און געבען שבועות,
אַז דאָס איז די לעצטע גנבה,
נאָר מען הערט נישט צו די בכיות.
אַלטע שדים, אַלטע רוחות
און אַליין די קרעמער: סני
סון סנסיני און סמנגלוף
אוד׳ען זיך אַ קליינע ווילע
און מען טראָגט אַרויס אַ פּסק-דין,
וועלכער ווערט דאָ גלייך מקיים:
קודם כל בעקומט דער נאַשער
טויזענד שמ״ץ, און נישט מיט ריטער—
מיט אַ ציצה פון אַ טלית
(פאַר די שדים איז אַ ציצה

פיל, פיל שרעקליכער ווי ריטער,
איידער בייטשען, איידער דערנער),
נאָכדעם גיט מען איהם אַ שמעק טהון
פון הבדלה שטאַרקען ווייראיך,
נאָכדעם מאַכט מען, ער זאָל הערען
פון אַ שופר שברים-תרועה
און דערצו איז מען נאָך גוזר,
ער זאָל טויזענד יאָהר זיך זיצען
ווי אין תפיסה, אונטער'ן אויווען
אין חבד'ניצע דער אַלטער.
און דער האַנדעל געהט זיך ווייטער...

---

אין דער צייט, וואָס אונטער'ן טורעם.
אין דער טיפער שאול תחתיה,
קאָכט דער האַנדעל מיט עונות,
קומט זיך פאָר אין שוואַרצען טורעם
אַ געשפרעך ביים אשמדאי
מיט דעם שטן פון אָדעסאַ.
דער אָדעסער יצר-הרע
איז אַ שד ווי אַלע שדים,
נאָר אַ דיקער, מיט אַ בייכעל,
האָט אַ פּאָר גאַנץ פיינע הערנער,
בעלי-בתי'שע, פערשפיצטע,
אַ פערדרעהטען היבשען עק'ל,
אַ פּאָר קורצע חזיר-פיסלעך
מיט קאָפּיטקעס אָהן אַ שפּאַלטעל,
מיט'ן פנים איז ער עהנליך
אויף אַ גרויסען באָק אַ ווילדען,
נאָר דער חילוק איז, וואָס יענער
האָט אַ יודיש ציגען-בערדעל,
און ביים שטן, ביים אָדעסער,

איז די מאָרדע אַ געגאָלטע;
אויפ'ן גוף—די שענסטע בגדים,
אַ צילינדער, אַ מאַנישקע,
מיט אַ ווייסען שניפּס פערבונדען,
און אַ פיינער פראַק אַ שוואַרצער,
אין פּוטעלקע—שטאָט אַ בלימעל
אַ פּער'סמ'טע שוואָם אַ גרינע.
אַשמדאי—ער שוויינט אַ ווײַלע,
קוקט זיך צו צום שד'ס בגדים,
ווי אַ חסיד, וואָס איז בודק
מיט כּונה זיינע ציצית,
און ער זאָגט איהם מיט אַ טרויער,
מיט אַ שטיקעל עגמת-נפש:
—ווי מיר דאַכט, מיין קינד, דיין פּרעקעל
איז נישט דורך פון הוילע שעטנז...
סטייטש, ווי קומט דאָס, יצר-הרע,
אַז אפילו דו, אָדעסער,
זאָלסט נישט זיין קיין בעל מהדר?
—אָ, מיין האַר, איך מוז דיר זאָגען,
שעטנז איז איצט אויס פון מאָדע...
ענטפערט שטאַרק דער יצר-הרע.
—דאָס איז שוין אַנ'אַנדער טענה,—
רופט זיך אָב דער אשמדאי,—
הלכות מאָדע מוז מען היטען,
מאָדע איז פאַר יצר-הרע'ס
שוין אַ דין און נישט קיין מנהג...
נו, דערצעהל מיר דיינע מעשים!
און די אַלטע סטרא-אחרא
לעהנט זיך אויף איהר כסא אָן,
גרייט זיך צו מיט גרויסען תענוג
הערען מעשים וועגען חטאים.
—אָ, אַלמעכטיגער און גרויסער

מלך אדיר של הטומאה!
הויבט דער שטן אָן צו ריידען:
גאַנץ אָדעסאַ מיט איהר סביבה
בוקען זיך מיט גרויס הכנעה...
—גיבער, גיבער, קום צום ענין
און בקיצור מיט דער מליצה!...
—האַר! דער ענין איז אַ קלאָרער:
אין אָדעסאַ, אַלע יודען,
געהען אום אין קורצע ראָקען,
טראָגען, אָסור, נישט קיין גאַרטלען,
נישט קיין יאַרמולקעס, קיין שטריימלעך,
נישט אַ זכר פון אַ פאה,
און מען זיצט אין שטוב אָהן היטלען
און מען עסט זיך אום געוואַשען,
און אום שבת האַלט מען מוקצה,
און מען טראָגט זיך די פאַטשיילקעס
אָהן אַנ'ערוב אין די גאַסען...
—זעהר פיין, ס'איז גאָר געהויבען!
גיט אַ ברום דער אשמדאי:
און וואָס ווייטער? רייד דבורים!
—ווייטער? ווייטער איז נאָך בעסער!
זינט איך האָב זיך שטאַרק גענומען
פאַר אָדעסער בעלי-בתים,
קומען פאַר אַזעלכע מעשים,
וועלכע שווער איז צו בעשרייבען.
אין אָדעס איז איצט פערהאַנגען
צוויי-דריי טויזענד שעהנע יודלעך,
וועלכע רויכערן אום שבת,
וועלכע האָבען טרפה קיכען,
עסען חזיר אום יום-כפור;
יודען, וועלכע זענען כופר
גאָר בעיקר בפרהסיא,

וועלכע שעמען זיך צו ווייזען,
אַז זיי זענען בני יהודים...
הס קטיגור!!!—גיט אַ דונער
מיט גרים-צאָרן אשמדאי:
הס קטיגור, הס קטיגור!
צי פערשטעהסטו, שד, מחבל,
אַז דו שפּילסט זיך דאָס מיט פייער?
דו דערצעהלסט אַזעלכע מעשיות,
וועלכע שמעקען מיר ווי ווייררויך,
וועלכע שרעקען מיך ווי תקיעות.
איך האָב דיך געשיקט פערשפּרייטען
קליינע יודישע עברות,—
אַנשטאָט דעם האָסטו גענומען
מאַכען מיין אָדעס פּאַר גוים!
דו דערצעהלסט מיר אַ מין שמחה,
אַז די יודען פון דיין שליטה
זענען כופר שוין בעיקר,
און דעם נאָמען פון אַ יודען
האַלטען זיי פאַר אַ מין חרפה,
און דו רופסט דאָס—פיינע חטאים,
דאָס איז מעשים לא יעשו!
נאָך אַ טראָט—און דיינע יודען
וועלען פורץ זיין דעם גדר
און בישט זיין שוין מעהר קיין יודען.
דו פערשטעהסט: בישט זיין קיין יודען
און אַרויסגעהן פון מיין שליטה!
וואָס וועט זיין, אַז אַלע יודען
וועלען כופר זיין בעיקר
און פערגעסען ווער זיי זענען?
וואָס וועט זיין, אַז אַלע יודען
וועלען זיך דערנאָך צו׳שמד׳ען!
אויס מיין שליטה! אויס מיין הערשאַפט!

כאָטש פערשפאַר די טהיר פון גהנום,
כאָטש צוטרייב די יצר-הרע׳ס
און די אַלע כּתּות שדים!
דו פערגעסט, אַז איך האָב שליטה
צו פערשפרייטען מיינע נעצען
נישט אויף גוים, נאָר אויף יודען!
גוים האָבען זייער טומאה,
גוים האָבען זייער גהנום,
האָבען אייגענע קונדסים,
יצר-הרע׳ס, רוחות, שדים.
ניין, מקטרג, שפּילסט מיט פייער!
פליה צוריק אין דיין אָדעסאַ
און רוף אויס דאָרט אין מיין נאָמען,
אַלע רוחות זאָלען הערען,
אַז אויף קומענדיגע צייטען
זאָלען זיי זיך שטרויכלען יודען
נאָר מיט יודישע עברות,
און זיי זאָלען, חס ושלום,
נישט בעריהרען יענעם נצוץ,
יענעם פינטעל פון אַ יודען,
וועלכער ליגט זיך טיף בעהאַלטען,
ווי אַ שם אין קדשי קדשים,
ווי אַ ספר אין אַנ׳אָרון,
ווי די ביינדלעך פון אַ מילגרוים —
אין דעם האַרץ פון יעדען יודען.
דאָס בעפעהל איך, אשמדאי!
פליה, קטיגור, מאַך קיין שהיות
און רוף אויס מיין שטאַרקען גזר-דין!
דער אָדעסער יצר-הרע,
שטאַרק פערשעמט און שטאַרק דערשראָקען,
בוקט זיך טיף דעם אשמדאי,
גיט אַ שפרונג און ווערט פערשוואונדען...

## ה

## די שרעקליכע מסירה.

קוקורעקו!... קוקורעקו!
ששים רבוא העהנער קרייהען,—
דאָס איז שוין דער קרייה דער צווייטער,
ער זאָגט אָן, אַז פרומע יודען
לויפען שוין אין שוהל צו סליחות,
אַז די נאַכט וועט באַלד פערשווינדען
און די טומאה וועט פערלירען
איהר געוואַלדיג-גרויסע שליטה.
פון דער טיפער שאול תחתיה,
דורך דעם זומפּ פון קרח׳ס קבר
הויבט זיך אויף דער קנויל פון פייער,
און אין איהם—די מחנות שדים,
פליהט זיך דורך דעם שוואַרצען טורעם,
פליהט אַרויס פון רעכטען קוימען.
און די רוחות, די נישט-גוטע,
ווי די פיילען פון אַ בויגען,
שפּרייטען זיך מיט האַסט פונאַנדער
איבער אַלע זיבען ימים,
איבער בערג און איבער טהאָלען,
איבער פעלדער, איבער וועלדער,
איבער שטעדט און איבער שטעדטלעך.
און דער אַלטער אשמדאי
בלייבט אַליין אין שוואַרצען טורעם;
ביי אַ ווײלע זיצט ער רוהיג,
ברומט אַ ביסעל אַ מין נגון,
נאָכדעם נעהמט ער אין די נעגעל,

נעהמט די גרויסע האָלאָוועשקע,
וועלכע ברענט און וועלכע פלאַקערט,
און ער וויל זי שוין פערלעשען...
מיט אַמאָל—אַ מאָדנער רעש
לאָזט זיך הערען אין דעם טורעם
און עס זעהט דער אשמדאי,
אַז דער עגל און דער נחש,
וועלכע זענען רויט ווי פורפור,
ברומען מיט אַ ווילדען כעס,
וואַרפען אין אַ ווינקעל בליקען,—
בייזע, פייערדיגע בליקען.
אַשמדאי ווערט שטאַרק פערוואונדערט,
גיט אַ וואָרף אַ בליק אין ווינקעל
און דערזעהט אַ קליינעם שד׳ל,
וועלכער שטעהט זיך דאָרט בעהאַלטען
(עפּיס ווי אַ שוואַרץ בייז קעצעל
ווייזט ער אויס, דער שד, דער קליינער).
—שרץ! תרבות!—הויבט אָן שרייען
מיט גרויס כעס דער אשמדאי:
ווי האָסטו געקאָנט זיך וואַגען
דאָ פערבלייבען אין מיין טורעם?
ק״ן אלפים שמיץ מיט ציצית,
ש״ן אלפים תקיעה-גדולות
וועסטו באַלד דערפאַר בעקומען!!
—שטיל דיין גרימצאָרן, מיין הערשער,—
רופט זיך אָב מיט שרעק דאָס שד׳ל,
בוקט זיך טיף דעם אשמדאי
און דרעהט אויס דעם קליינעם עק׳ל,
ווי דער מנהג איז ביי שדים:
הער מיך אויס, דיין עבד כנעני!
איך בין דאָ דערפאַר פערבליבען,
ווייל איך האָב דיר צו דערצעהלען

אַזאַ גרויסען סוד פון סודות,
אַז קיין שד און קיין מחבל
טאָר פון איהם קיין וואָרט נישט הערען.
—האָסט מיר סודות צו דערצעהלען?
דו פערצעסט אַפנים, קליינער,
אַז איך בין דער אשמדאי
און פאַר מיינע גרינע אויגען
זענען אָפען אַלע סודות?
—דאָס פערגעס איך נישט, שוואַרץ טומאה,
ענטפערט ערנסט-שטיל דאָס שד׳ל:
אַלע סודות זענען אָפען
פאַר דעם בליק פון דיינע אויגען,
אַלע סודות זענען אָפען—
אָבער חוץ מסודות נשים...
ווייסטו דען, מיין גרויסער הערשער,
וואו אַנ׳ערך, עס געפינט זיך
איצט, זוגתך מרת לילית?
—לילית?? לילית??—שטאַרק פערוואונדערט
גיט אַ פרעג דער אשמדאי:
וואו געפינט זיך איצטער לילית?
רייד, וואָס ווילסטו מיט דעם זאָגען?
רייד און ציה נישט די עצמות,
רייד געשווינד מיר קלאָרע ווערטער!
—נעכטען אָוועגד, גלייך נאָך מעריב,—
נעהמט דער קליינער שד דערצעהלען:
האָב איך אין אַ קליינעם שטעדטעל
באַגעיאָגט זיך נאָך אַ קלויזניק.
פיל געהאַט מיט איהם צו קנעלען
ביז איך האָב ביי איהם גע׳פועל׳ט,
געהן צום לעהרער פון דעם שטעדטעל
(אַ בעוואוסטער אפיקורס!)
און בסוד מיט איהם צו שמועסען

וועגען תורה, וועגען ביכלעך,
וועגען חכמה און השכלה.
איך האָב איהם, מיין יונגען קלויזניק,
נישט געלאָזען פון די אויגען,
און אַז ער איז שפּעט אין אָוועגד
שטיל געגאַנגען פון דעם לעהרער
אַ פערטראַכטער, אַ געכאַפּטער,
האָב איך איהם בעגלייט מיט שמחה
ביז דער טהיר פון בית-הכּנסת.
דאָרטען בין איך שטעהן געבליבען
און געוואָלט שוין נעהמען שפּרייזען
צו אַ זומפּ, צי צו אַ חורבה,
לאָזען אויסרוהען די ביינער,—
מיטאַמאָל דערזעה איך אָבער,
אַז אַ פייערל אַ שוואַכעס,
פון אַ קליינעם גראָשען-ליכטעל,
לויכט זיך עלענד אין אַ פענסטער
פון דער ווייבער-שוהל, פון אויבען.
ווי אַ נייגעריגער שד׳ל
דאַרף איך וויסען, וואָס דאָרט טהוט זיך,
נו, מסתמא אַ צדקניות—
קלער איך מיר—אַנ׳אשה זקנה
זיצט און זאָגט מיט גרייזען תחינות.
און איך קלעטער אויף ביז אויבען,
גיב אַ בליק אין קליינעם פענסטער,
גיב אַ בליק—און ווער נשתומם...
אויף אַ בענקעל, ביי אַ שטענדער
אין אַ פּאַרוק, אין אַ ציפּעק
זיצט פערוויינט און זאָגט בנעימות
הייסע תחינות פון „בת-טובים״
ווייסטו ווער?... זוגתך לילית!!
—לילית??!... לילית אין אַ פּאַרוק??!...

לילית... לילית אין בית מדרש??!
לילית זאָגט מיט בכיות תחינות??!!
שד! מחבל! זיי זיך מודה,
אַז דו האָסט געזאָגט א ליגען,
אַז דו האָסט געמאַכט אַ בלבול
אויף מיין פלונית'טע, אויף לילית!!
זיי זיך מודה! זיי זיך מודה!
און אַז נישט,—ווערסטו צוריסען
אויף תרפ"ט אלפים שטיקלעך!!!—
שרייט אַרויס דער אשמדאי
מיט אַזאַ מין ווילדען אימפעט,
אַז עס ציטערן די זיילען
פון דעם גרויסען שוואַרצען טורעם
און פון שרעק הויבט-אָן דער עגל
ביטער שרייען, און דער נחש
דרעהט זיך אויס ווי אַ שלשלת,
און דער קליינער שוואַרצער שד'ל
ליגט פון פחד ווי אַ טויטער
און ער וואַרט אויף דער מפלה...
נאָר דער אַלטער אשמדאי
קומט צוריק צו זיינע חושים,
הויבט זיך אויף געשווינד, מיט אימפעט
און רופט אויס מיט קולי קולות:
—שדים, לצים, מקטרגים,
ווילדע קליפות און מזיקים!
אַלע קינדער פון דער טומאה,
שטילע רוחות, בייזע רוחות
פון דעם ים און פון יבשה,
פון די הויכע בערג און טהאָלען,
פון די פעלדער און די וועלדער,
פון בית-עלמינ'ס און פון חורבות
און פון גרויסע טיפע זומפען,

לענטעלער פון שטעדט און דערפער,
שרעטעלעך פון אונטער אויווענס,
און קונדסים פון די בוידעמס,
מקטרגים, יצר-הרע׳ס
פון דער ליטא און פון פוילען,
פון בערלין און פון אָדעסאַ,
און פון ווילנאַ, און פון וואַרשאַ,
און פון יודישע קליין-שטעדטלעך,—
זוכט מיר אויף געשווינד מיין לילית,
ברענגט צו פיהרען זי אין טורעם
גלייך צו מיר, פאַר מיינע אויגען,
ווי זי איז אין איהרע בגדים!...
עס געהט דורך אַ הרף עין
און אַ גרויסע מחנה שדים
מיט א שטורעם, אַ געררודער,
ברענגען גלייך אין טורעם לילית,
ווי זי איז אין איהרע בגדים,
אין דעם פאַרוק, אין דעם ציפּעק,
אין דער רעכטער האַנד אַ תחינה
אין דער לינקער האַנד—אַ דיקער
און אַ גרויסער קרבן מנחה...
און די גאַנצע מחנה שדים
שטעהט אַ ווײלע ווי מטושטש,
אַלע שווייגען, אַלע קוקען
מיט אַ מורא׳דיגען חידוש
אויף דער נייער „צנועה״, לילית.
נאָכדעם הויבען אָן די שדים
איינציגווייז, אין גרויסען אומעט,
ווי פערשעמט, צי ווי דערשראָקען,
זיך אַרויסקלויבען פון טורעם
און זיי פליהען זיך פונאַנדער
און זיי טענה׳ן אונטערוועגענס:

„וועה און ווינד! געקומען יאָהרען!
לילית, לילית—אַ בעל-תשובה!
אַ! די חרפה! די בזיונות!
מען וועט איצט נישט קאָנען ווייזען
פאַר אַ מלאכ׳ל די אויגען!
און דער אַלטער אשמדאי!
ס׳אַר אַ צער אויף איהם איז נעבעך!”
עס פערבלייבען אין דעם טורעם
מעהר נישט לילית, אשמדאי
און דער קליינער שוואַרצער עדות.

## ו

## לילית און איהר ספור.

לילית!... אָרעם איז מיין לשון
אי מיט ווערטער, אי מיט פאַרבען
צו בעשרייבען נאָר איהר פנים!
אַ פאַרשוין, אַ יפת-תואַר,
אַז די וועלט האָט נישט געזעהן!
רחב איז געווען אַ שעהנהייט,—
טויזענד מאָל איז לילית שעהנער,
שעהנער איידער שמשונ׳ס דלילה,
איידער מלכת-שבא און ושתי,
שעהנער ווי די גרינע אסתר,
איידער תמר און שולמית.
אַ פּאָר אויגען—צוויי בריליאַנטען,
וועלכע לויכטען, ברענען, בליצען,
וועלכע רופען, וועלכע ריידען,
וועלכע גלעטען מיט רחמנות,
אויסגעמישט מיט צער און ליבע.

און די בליקען—ווי אַ סאַמעט, —
און אַ האָרעלע פערוואָלקענט
מיט אַ טרעהר, צי אַ מחשבה.
גלייך ווי אויסגעטאָקט דאָס בעזעל
און די באַקען ווי צוויי רויזען,
און דאָס מיילעכל אַ קליינס,
מיט צוויי דינע, רויטע ליפּלעך
וועלכע שמייכלען אַזוי ליבליך,
וועלכע רופען, וועלכע ציהען
נאָהנט, נאָהנט פון דער ווייטען
נאָך אַנ׳אַנדערע פּאָר ליפּען.
און די האָר, די האָר פון לילית,
(נישט פון פּאַרוק, פון איהר קעפּעל)—
נישט קיין האָר, נאָר זייד, נאָר תכלת,
לאַנגע, שוואַרצע און געדיכטע...
ביי אַ רגע הערשט אַ טויטע
שטילקייט אין דעם שוואַרצען טורעם.
אַשמדאי,—ער קוקט אויף לילית
מיט צוויי קאַלטע, גרינע פלאַמען,
ער וויל ריידען, ער וויל שרייען,
נאָר ער קאָן נישט... אין זיין מח
שטורמען מחנות פון מחשבות,
ווילדע, שרעקליכע און שוואַרצע,
אויסגעטונקטע אין אכזריות,—
און אין האַרצען לויכט און וואַרעמט,
קלינגט און וויינט אַ מאָדנע ליבע...
לילית שטעהט פאַר איהם זיך רוהיג,
קוקט איהם גלייך אין זיינע אויגען,
שווייגט און וואַרט וואָס ער וועט זאָגען.
—רייד! דערצעהל דעם גאַנצען אמת...
רעדט אַרויס דער אשמדאי
מיט אַ קול אַ האַלב-פערשטיקטען,

און עס הויבט אָן לילית ריידען:
—אַשמדאי! אָ, אַשמדאי!
שטיל דיין גרימצאָרן דעם גרויסען,
הער מיך אויס אָהן ווילדען כעס:
איך וואָלט וועלען דיך דערמאָהנען,
ווי אַזוי איך בין געקומען
אין דיין טורעם ווי אַ לילית:
אין אַ נאַכט פון ווינד און שטורעם
האָסטו מיך אַרויסגעריסען
פון אַ יודישער משפחה,
האָסט מיט געוואַלד אַהער געבראַכט מיך
און אָהן חופה און אָהן קדושין
מיך געמאַכט פאַר דיין פּלגש.
נאָכדעם האָסטו אָנגעגאָסען
מיר אין האַרצען סם פון חטאים
און פערבלענדט מיר מיינע אויגען...
איך בין דאַן אַ קינד געוועזען,
אַ קליינשטעדטעלדיגע מיידעל,
איך האָב קיין שום זאַך פערשטאַנען
און האָב אָנגעהויבען קוקען
אויף דער וועלט מיט דיינע אויגען,
פיהלען אַלץ מיט דיינע חושים,
איך האָב דעמאָלט דיך פערגעטערט
און געבוקט זיך פאַר דיין חכמה,
פאַר דיין שעהנקייט, פאַר דיין גבורה,
אַלץ, וואָס דו האָסט מיך געהייסען
האָב איך גלייך געטהון אָהן טענות:
זיך געבלויזט די ברוסט און אַקען,
ווי אַ חצופה, אַ מרשעת,
נישט געגאָלט זיך, נישט געטראָגען
נישט קיין פאַרוק, נישט קיין שלייער
און אין מקוה נישט געגאַנגען!...

האָסט מיך אָפּט געשיקט צו חלום
צו צדיקים און פּרושים,—
איך בין זיך געהאָרכט געגאַנגען
און געזייעט ביי זיי אין הארצען
תּאוות, זינדיגע רעיונות,
נאָר זאָלסט וויסען, אשמדאי,
כאָטש דו האָסט אַ גרויסע שליטה,
נאָר ס'געפינט זיך אין אַ שטעדטעל,
אין אַ יודיש קליינעם שטעדטעל
אַזאַ מענש, וואָס איז פיל שטאַרקער
איידער דו מיט דיינע שדים...
ער האָט מיך געבראַכט צום זינען,
אָבגעבלענדט מיר מיינע אויגען
און געמאַכט פאַר אַ בעל תּשובה...
—ווער איז דאָס? פון וועמען רעדסטו?
גיט אַ פרעג דער אַשמדאי,
—פון דעם לייוועגטענעם רבי,—
ענטפערט לילית אויף דער שאלה
האָסט מסתּמא נישט פערגעסען—
אַז בעת ימים נוראים
האָבען אַלע יצר-הרע'ס,
אַלע שטאַרקע מקטרגים
אין איין קול געוויינט, געשריען,
אַז דער לייוועגטענער צדיק
רייסט זיי אָב אי רוק, אי לענדען,
אַז זיי קאָנען גאָרנישט מאַכען
קעגען איהם אין זיינע תּפלות;
אַז צו בייקומען איז גרינגער
הונדערט חסידים, הונדערט פּרושים,
גוטע יודען און רבנים
איידער אָנצוריהרען, מעהר נישט,
פון דעם לינקען פוס אַ נאָגעל

פון דעם לייזשענטענעם צדיק.
דעמאָלט האָסטו מיך געהייסען
געהן צום צדיק און איהם שטרויכלען,
און איך בין געהאָרכט געגאַנגען...
לילית גיט אַ זיפץ אַ טיפען,
ווישט זיך אָב די שעהנע אויגען
מיט דעם ברעג פון גרויסען פאַרטוך
און הויבט ווייטער אָן צו ריידען:
—אין אַ קליינעם אַלטען שטיבעל
אין גרויס דחקות און אין עלענד
וואוינט דער לייזשענטענער צדיק.
אַז איך בין צו איהם געקומען,
איז געווען שוין חצות הלילה,
וואַך איז נאָך געווען דער צדיק...
אָנגעטהון אין ווייסע בגדים,
אַלץ דורכאויס פון גראָבע לייוונט,
איז ער רוהיג זיך געזעסען
אין אַ ווינקעלע פון שטיבעל,
האָט געקוקט אַרויף צום הימעל
און האָט שטיל פערטראַכט געזונגען
אַ מין נגון, גאָר אָהן ווערטער.
אין דעם נגון האָט געקלונגען
טרעהרען, צער און גרויס רחמנות
און דערביי אַ מאָדנע שמחה.
איך האָב דעמאָלט נישט פערשטאַנען,
וואָס עס האָט בעטייט דאָס זינגען:
צי אַ נגון, צי אַ תפלה
צי אַ לויב דעם כביכול,
צי אַ ודוי פול מיט טרעהרען?...
שפּעט ביינאַכט, נאָך חצות און סליחות,
אַז דער צדיק האָט געלעגט זיך
מיט אַ זיפץ אויף זיין געלעגער

פון צוויי הוילע, שמאָלע ברעטער
און האָט אָנגעהויבען דרעמלען,
האָב איך זיך אין שטוב פערקליבען.
קודם כל האָב איך גענומען
שטיל צו רופען: „יצר-הרע!
שטעל זיך פאַר מיינע אויגען
און בעוויז דעם גלייכען וועג מיר
צו דעם האַרץ פון גרויסען צדיק!"
עס געהט דורך אַ הרף עין,
און איך זעה—עס קריכט אַ בריאה
פון דעם צדיק'ס לינקער פּיאַטע.
אין מיין לעבען נישט געזעהן
נאָך אַזאַ מין יצר-הרע!
ווי אַ שוועבעלע אַ דאַרער,
ווי אַ שרעטעלע אַ קליינער,
אַ פער'חושכ'טער, אַ קראַנקער;
קרומע הענד און קרומע פיסלעך,
מיט צובראָכענע עצמות,
מיט צובראָכענע קרנים,
און אויף זיי—אַ גרויסער שטריימעל,
ביי די אויערן צוויי פאות,
אויפ'ן גוף אַ טלית קטן.
קוים, מיט פּי'ן און גרויסע צרות
קריכט אַרויס דער יצר-הרע
פון דעם צדיק'ס לינקער פּיאַטע,
וואַשט די הענד און זאָגט אָב „מודה",
גיט אַ קרעכץ און גיט אַ זיפץ
און ער פרעגט מיך שטיל, דערשראָקען:
—וואָס בעדאַרפסטו האָבען, אשה?
—איך בין לילית, און דיין מושל
שר הטומאה, אשמדאי,
האָט געשיקט מיך צו דיין צדיק.

ווייז דעם וועג מיר צו זיין האַרצען!
ענטפער איך דעם יצר-הרע.
—צו זיין האַרצען אַלע וועגען
זענען, לילית, שוין פערנומען
דורך דעם יצר-טוב דעם גרויסען...
פריהער האָט ער מיך, דער רצחן
פון דעם צדיק׳ס האַרץ פערטריבען
נאָכדעם ביסלעכווייז, פאַמעליך,
האָט ער מיך געשטופּט, געשטויסען
ביז איך בין אַהער געקומען,
און אַט דאָ אין לינקער פּיאַטע
ליג איך אין געהאַקטע וואונדען,
שטענדיג פאַסט איך נאָר הפסקות
און ווער שטענדיג אויסגעריסען.
און דער צדיק אָהן רחמנות
ברעכט מיר טאָג און נאַכט די ביינער,
הענד און פיס און אַלע גלידער
זענען שוין ביי מיר צובראָכען!...
ניין! אַ וועג צום צדיק׳ס האַרצען
קאָן איך, לילית, דיר נישט ווייזען!...
—נישט פאַר מיר איז דאָס אַ תירוץ.—
ענטפער איך מיט שטאָלץ דעם הויקער:
זה הרגע ווייז אַ וועג מיר!
און אויב נישט—וועסטו בעקומען
הייסע שמיץ פון אַשמדאַי!
פון אַזעלכע מיני ווערטער
האָט דער קראַנקער יצר-הרע
זיך פערטרייסעלט מלא פחד
און אַרויסגערעדט מיט טרעהרען:
—עס איז נאָר איין וועג פערבליבען,
נישט קיין וועג—אַ וויסטע שטעגעל,
אַ פערפינסטערטע, פערדרעהטע:

דורך דעם צדיק׳ס לינקער פאה.
פרוב זיך, לילית, קריך אין פאה!
—נו, אין פאה, איז אין פאה!—
נישט געמאַכט קיין גרויסע שהיות
זיך גענומען מוטיג קריכען...
מיט אַמאָל הויבט אויף דער צדיק
זיין צודאַרטע האַנד צום פאה,
הויבט זיך אָן גאַנץ שטאַרק צו קראַצען
און איך פאַל אַרויס פון דאָרטען
און בלייב שטעהן אין מיטען חדר
א געבלויזטע, אַ פערשייטע...
אָהן אַ פאַרוק, ווי אַ שיקסע...
אויפגעוואַכט האָט זיך דער צדיק
פון זיין לייכטען־לייכטען דרעמל
און האָט אויפגעמאַכט די אויגען.
ביי אַ רגע ליגט ער רוהיג,
קוקט אויף מיר בלא שום חידוש,
נאָר מיט צער און מיט רחמנות.
גיט אַ זיפץ פון טיפען הארצען
און שטעהט אויף פון זיין געלעגער.
—דרויסען גיסט ווי פון אַ צאַפען,—
הויבט ער לאַנגזאַם אָן צו ריידען—
פינסטער, קאַלט, אַ זאַווערוכע.—
אַז דו ביזט אַהער געקומען
שפעט ביינאַכט, דורך ווינד און רעגען,
מוזטו דאָך מסתּמא האָבען
עטוואָס וויכטיגס מיר צו זאָגען.
האָסט מסתּמא אַ בקשה,
האָסט אַ גרויסען צער אין הארצען?
נו, דערצעהל־זשע מיר, מיין טאָכטער,
וואָס דו האָסט פאַר אַ מין דאגה,
פאַר אַ צער, פאַר אַ בקשה,

אויב עס איז נאָר אין מיין שליטה,
וועל איך דיר אודאי העלפען
מיט אַ תפלה צו דעם בורא,
מיט אַ וואָרט, צי מיט אַנ'עצה.
אוי, מיין טאָכטער,—זאָגט ער ווייטער
און קוקט אָן מיט גרויס רחמנות
מיין געבלויזטע האַרץ און רוקען,—
געהסט אום נעבעך קרועה בלויה,
האָסט אַפּנים אונטערוועגענס
אַלץ פערלוירען, אי דאָס טיכעל,
אי די ליאַמקע, אי דעם שלייער.
נאַ, מיין טאָכטער, אָט איז לייווענד,
נעהם, פערדעק אויף גיך דיין חרפה...
נישט געשמאַק איז מיר געוואָרען
פון דעם צדיק'ס פראָסטע ווערטער,—
פיהרט איהר ספור לילית ווייטער—
נישט צו מאַכען. איך פערדעק זיך
ברוסט און רוקען און די שערות,
מיט דעם צדיק'ס גראָבע לייווענד
און איך זוך דערווייל אַנ'ענטפער
אויף דעם צדיק'ס שווערע שאלה:
וועגען וואָס איך בין געקומען.
און איך פאַל אויף אַ המצאה,
גאָר אַ זעלטענע המצאה,
וועלכע האָט פיל מאָל געהאָלפען
מיר צו שטרויכלען גוטע יודען
פון די העכסטע, פון די גרעסטע.
„רבי! איך בין אַנ'עקרה!
און צו אייך איז מיין בקשה,
איהר זאָלט געבען מיר אַ קדיש",—
ענטפער איך און מאַך אַ תנועה
פון אַנ'אמת'ער הולטאַיקע.

נאָר דער צדיק בלייבט קאַלטבלוטיג,
ער בעמערקט זיך נישט מיין תנועה,
שווייגט פערטראַכט אַ היבשע ווײלע,
און הויבט אָן אַזוי צו ריידען:
„ביזט, מיין טאָכטער, אַנ'עקרה,
איך פערשטעה גאַנץ גוט דיין צער!
נאָר מיט וואָס קאָן איך דיר העלפען?
מיט אַ תפלה צו דעם בורא?
נאָר בערעכען זיך אַ ביסעל,
וואָס קאָן איך דעם בורא זאָגען
וועגען דיר און דיין בקשה?
אויב ער גיט דיר נישט קיין קינדער,
האָט ער דאָך אַ טעם מסתמא
דיך צו שטראָפען מיט דעם עונש.
קאָן איך דען צום בורא שרייען:
„נישט וואָרהאַפטיג איז דיין משפט,
ברעך דיין גזר-דין, גיב איהר קינדער!"
דאָס וואָלט זיין אַ שטאַרקער עזות...
נאָר איך רעכען, אַז אַנ'עצה
קאָן איך דיר אַ גוטע געבען:
פרוב אַליין צום בורא ריידען—
נישט מיט ווערטער, נאָר מיט מעשים.
זעהר פראָסט איז דאָך דער ענין:
ווילסט נישט בלייבען קיין עקרה,
קינדער, קינדער ווילסטו האָבען,—
נו, טאָ נעהם אויף זיך צו ווייזען,
אַז דו האָסט אין טיפען האַרצען
אַלע חושים פון אַ מוטער".
„ווי אַזוי זאָל איך דאָס ווייזען?"
פרעג איך שוין אָהן אַ מין תנועה.
„זעהר גרינג איז דאָס צו ווייזען—
ענטפערט מיר דערויף דער צדיק.—

ווייניג איז דען דאָ יתומים,
ווייניג אָרימענקע קינדער,
קראַנקע, אָרימענקע, שלאַפע,
וועלכע בלאָנקען אום פערלאָזען!
פרוב זיך, ווער פאַר זיי אַ מוטער,
רינגעל זיי אַרום, מיין טאָכטער,
מיט רחמנות און מיט ליבע...
דאָ, נישט ווייט, איז דאָ אַ שטעדטעל
זענען דאָרט פערהאַן אביונים,
זענען דאָרט פערהאַן יתומים,
קראַנקע, עלענדע און שוואַכע
אָהן אַ פיצעלע השגחה.
קום מיט מיר, איך וועל דיר ווייזען,
ווי די טייבעלעך צו העלפען,
ווי צו זיין פאַר זיי אַ מוטער.
געהסט, מיין טאָכטער?״—און דער צדיק
קוקט דערביי אויף מיר מיט רחמים
און מיט שטילען, טיפען צער.
אַשמדאַי! כ׳האָב אין מיין לעבען
פיל זיך אָנגעקוקט אויף אויגען,
שעהנע אויגען, קלוגע אויגען,
פרומע, טיפע, פול מיט פונקען
פון גאָטס פורכט, פון הויכע דבקות,
פול מיט קאַלטען, פרומען צאָרן,
אויגען אונטער גרויע ברעמען,
בייזע און געדיכטע ברעמען,—
אָבער אָט אַזעלכע אויגען
ווי ביים לייוועגטענעם צדיק
האָב איך קיינמאָל נישט געזעהן,—
קלאָרע, בלויע, ווי דער הימעל,
און אַזעלכע הייליג-פּראָסטע
ווי די אויגען פון אַ תינוק,

תמ׳עוואַטע פּראָסטע בליקען,
ווי זיי וואָלטען עפּיס פרעגען.
נאָר דעם כח פון די בליקען
איז נישט מעגליך צו בעשרייבען!
גלייך אין האַרצען, גלייך אין נפש
דרינגען דורך די פּראָסטע בליקען
און זיי בעטען, און זיי הייסען
מיט אַ ליבשאַפט, מיט אַ שליטה:
„זאָג דעם אמת! זאָג דעם אמת!״
איך געדענק נישט וויפיל רגע׳ס
(אפשר שעות, אפשר יאָהרען)
בין איך ווי פערשטיינט געשטאַנען
פאַר די אויגען פון דעם צדיק.
נאָר איך האָב מיט אַלע חושים
שוין געפיהלט דעם צדיק׳ס שליטה,
שוין געפיהלט, אַז אין מיין האַרצען
ווערט צושמאָלצען, געהט פונאַנדער
פון דיין סם, דער שטיין דער שוואַרצער.
און איך האָב געפאָלגט דעם צדיק,
בין מיט איהם געהאָרכט געגאַנגען,
וואו ער האָט געטהון מיך פיהרען...
ביי קבצנים, ביי אביונים,
ביי אלמנות, ביי יתומים,
אין הקדשים, תלמוד-תורה׳ס —
אומעטום בין איך געוועזען
און געטהון מיט גוטען ווילען
און אַנ׳אַנדערש מאָל מיט שמחה
און מיט הייסע זיסע טרעהרען,
וואָס דער צדיק האָט בעפוילען;
די פערוואָגעלטע יתומים,
שלאַפע, אָרימענקע קינדער,
בלייכע, הונגעריגע, קראַנקע,

האָבען מיך גערופען: „מאַמע!"
און ס'איז נישט געווען קיין טעות.
איך בין זיי געווען אַ מוטער,
איך האָב זיי געצוואָגט, געוואַשען,
זיי געגעבען עסען, טרינקען,
נאָכגעקוקט, געהיילט די וואונדען
און געלערנט זאָגען „מודה".
איך געדענק נישט וויפיל וואָכען
בין איך אין דער שטאָדט פערבליבען,
יעדען אָוונד פלעגט דער צדיק
קומען מיך געוואָהר צו ווערען,
פלעגט מיך טרייסטען און דערצעהלען
מיר ספורים און נפלאות
פון בעל-שם, פון גרויסע חסידים,
פון די ל"ו-צדיקים
און פון אַנדערע נסתרים,
ביסלעכווייז האָב איך דערגאַנגען,
ווי אַזוי עס לעבט דער צדיק:
נישט קיין זכר פון פדיונות,
קיין משרתים, קיין גבאים,
נישט קיין חברות ווילדע חסידים,
נישט קיין ברייטע שלש סעודות,
נישט קיין כאַפעניש שיריים.
ניין! דער לייוועניגער רבי
לעבט זיך פון יגיע כפו.
ער בעאַרבייט די אַדמה
גאָר, להבדיל, ווי אַ פויער,
אויף אַ קלייניגקער ערוגה
אַקערט ער און זייעט קאָרן
און ער נעהרט זיך פון זיין אַרבייט.
זיינע שכנים, די ערלים,
אַלע גוים פון דער סביבה

בעטען, וויינען, ער זאָל בענשען
זייער פעלד און זייער אַרבייט.
און ער בענשט, און אויף די פעלדער
איז זיך שטענדיג דאָ בעתּו
רעגען, טוי און שעהנעס וועטער.
נישט קיין האָגעל, נישט קיין שטורעם
זעהען קיינמאָל נישט די פעלדער.
איינמאָל האָט דער ליבער צדיק
מיר דערצעהלט אַ לאַנגען ספור
וועגען גרויסע בעלי-תשובות.
איך האָב אויסגעהערט די מעשה,
האָב זיך שטאַרק צעוויינט, צעיאָמערט
און האָב אָנגעהויבען ריידען...
אָהן הקדמות און אָהן ביוש,
האָב איך פראָסט דערצעהלט דעם צדיק
ווער און וואָס איך בין געווען,
נאָר, ווי איך האָב גוט פערשטאַנען,
האָט פון הימעל שוין דער צדיק
לאַנג געוואוסט אַז איך בין לילית.
ער האָט אויסגעהערט מיין ספור,
איז אַ ווײלע שטיל געזעסען,
שטאַרק פערטיפט אין די רעיונות
און עס האָט גערוהט די שכינה
אויף זיין פרומען בלייכען פנים;
נאָכדעם, מיט אַ שטילען שמייכעל,
האָט ער אויסגערעדט די ווערטער:
„שטאַרק אַפּנים איז דער נצוץ
פון אַ יודישער נשמה.
אַז ער האָט זיך נישט פערלאָשען
טיף אין האַרצען זעלבסט ביי לילית!"
„האָט רחמנות, גיט מיר, רבי
פאַר מיין זינד אַ גרויסע תשובה,

איך וועל טהון וואָס איהר וועט הייסען!״—
האָב איך אָנגעהויבען בעטען,—
נאָר דער צדיק האָט געענטפערט:
„דו אַליין, ביי זיך אין האַרצען
זוך, מיין טאָכטער, אויף אַ תשובה,
נאָך דיין שכל, דיין השגה,
נאָך דער מאָס פון דיין חרטה״.
און איך האָב אַליין געפונען
זיך אַ תשובה, נישט אַ שווערע,
נאָר אַ טיפע און אַ זיסע,
נאָך מיין שכל, מיין השגה,
נאָך דער מאָס פון מיין חרטה:
אַלע אָוונד, נאָך דער אַרבייט
ביי די קינדער די יתומים,
געה איך מיר אין שוהל פון שטעדטעל
(אין דער וויבערשער, פערשטעהט זיך),
און איך זאָג זיך דאָרטען תחינות,
זיסע תחינות פון „בת טובים״
ביז פריהמאָרגען, ביז ותיקין.
דאָס איז גאָר די גאַנצע תשובה,
און איך בין ווי ניי געבוירען.
מיינע קינדער, די יתומים,
און די זיסע פרומע תחינות
און דעם לייוועגטענעמס ווערטער
און דער בליק פון זיינע אויגען—
אַלץ אָט דאָס האָט מיך געענדערט.
איצט האָב איך שוין גאָר פערגעסען
אַלע תנועות פון אַ לילית.
און ביי מיר אין טיפען האַרצען
האָבען זיך דערוועקט מיט כח
די געפיהלען פון אַ מוטער
מיט אַ יודענע צוזאַמען!

אַשמדאַי! אָ, אַשמדאַי!
איך האָב דיר דערצעהלט דעם אמת,
נו, און ווייטער אַרט מיך ווייניג,
קאָנסט זיך דונערן און בליצען,
קאָנסט מיר אָנטהון כל הצרות.
זיי נאָר וויסען, אַז די שליטה
האָסטו שוין אויף מיר פערלוירען.
איך בין מעהר שוין נישט קיין לילית,
איך בין איצטער אַ בעל-תשובה!

ז.

## דער שרעקליכער משפט.

נישט מיט דונערן און בליצען,
נישט מיט שרעקליך ווילדע קולות,
האָט געענטפערט אַשמדאַי
אויף דעם ספור פון זיין לילית.
ניין, ער איז געבליבען זיצען
שטום און קאַלט און אָהן אַ תנועה.
מעהר נישט, אין די גרינע אויגען
האָבען זיך געשווינד געביטען
הייסע פונקען פון געפיהלען,
פון אכזריות און רחמנות,
ליבע, האַס און שווערע ליידען.
שרעקליך שטיל; ווי אין אַ קבר,
איז געוועזען אין שוואַרצען טורעם.
שטיל און רוהיג איז געשטאַנען
לילית פאַר דעם אַשמדאַי.
שטיל פערשטיינערט איז געזעסען
אויף זיין שטול דער שר הטומאה,

נאָר די גרויסע האָלאָוועשקע
האָט מיט פייער-רויטען צאָרן
אַלץ און אַלעמען בעגאָסען.
נאָך אַ לאַנגען, טיפען שווייגען,
האָט דער אַלטער אַשמדאַי
שטיל אַרויסגערעדט די ווערטער:
„באַלד וועט פאָרקומען דיין משפט.
גרייט זיך, לילית, צו מיין גזר-דין!“
און האָט אָנגעהויבען פרעפלען
ווי עס פרעפעלט אַ מכשף:
—אַלטע רוחות, גרייזע רוחות,
פון דעם גרויסען טיפען נילוס,
פון דעם ווייטען לאַנד מצרים,
רוחות פון די אַלע פרעה׳ס,
פון די גרויסע שטערנזעהער
און פון אַנדערע מכשפים,
ברענגט אַהער צו מיר אין טורעם,
ברענגט געשווינד אַהער צו פיהרען
דריי חרטומים פון מצרים,
פון די עלטסטע, פון די העכסטע,
כדי צו משפט׳ן מיין לילית.
דאָס בעפעהל איך, אַשמדאַי!
עס געהט דורך אַ הרף עין,
און אין גרויסען שוואַרצען טורעם
שטעהען שוין די דריי חרטומים—
הויכע, דיקע, גרויע, אַלטע,
אָנגעבלאָזענע און קאַלטע,
אין די לאַנגע שוואַרצע קיטלען,
אין די שפיציג-הויכע היטלען
מיט די גרויסע דיקע שטעקענס.
און זיי שטעהען, און זיי פרעפלען
אויף מצרים-לשון ווערטער

פון פערוועהרעניש און כשוף.
—דריי חרטומים פון מצרים!
רופט זיך אָב דער אַשמדאי:
איך האָב אייך אַהער גערופען,
איהר זאָלט משפּט'ן מיין לילית
נאָך דעם דין פון אייער כשוף.
זינט די ערד מיט דעם לויתן
שווימען אום אין ים הגדול,
זינט דער בורא האָט בעשאַפען
דעם גן-עדן און דעם גהנום,
מעשים טובים און חטאים,
זינט איך בין אַנ'אַשמדאי,
האָט נאָך קיינמאָל נישט געטראָפען,
אַז אַ רוח פון מיין שליטה
זאָל אין מיר מיט עזות פעלשען,—
לילית האָט געמאַכט אַנ'אָנהויב.
ס'זענען גרויס די הרי חושך,—
גרעסער איז די זינד פון לילית.
משפּט זי געשווינד, אָהן רחמים!
און די אַלטע דריי חרטומים
הערען אויס דעם אַשמדאי,
הערען אויס דעם שוואַרצען עדות,
הערען נאָכדעם אויס פון לילית
איהרע טענות און איהר ספור,
און זיי בלייבען שטעהן ווי פריהער
אָנגעבלאָזענע און שטרענגע,
און זיי פּרעפּלען מיט די ליפּען,
און זיי קלאַפּען מיט די שטעקענס,
און זיי טהוען זייער כשוף.
ס'איז אַ פחד, ס'איז אַנ'אימה.
נאָכדעם רופט זיך אָב דער יונגסטער
פון די אַלטע דריי חרטומים!

—איך וועל פאָרלעגען מיין פסק-דין,
על פּי דין און על פי יושר:
זינדיג איז, פערשטעהט זיך, לילית—
נאָר אַזוי ווי איך איהר שטרויכלונג
איז אַ גרויסער צדיק שולדיג,
וועלכער איז אפילו שטאַרקער
איידער אַלע יצר-הרע׳ס,
וועלכער וואָלט זיך קאָנען ראַנגלען
כאָטש מיט עוג מלך הבשן,
נישט נאָר מיט אַ שוואַכער אשה,—
וואָלט איך פאָרגעלעגט אַ משפט
נישט אַ שטרענגען, מיט רחמנות:
לאָזען שדים זי צורייסען
אויף תרפ״ט אלפים שטיקלעך,
נאָכדעם זאָל מען זי פערברענען
אין אַ קאַלך-אויווען אַ גרויסען,
און דאָס אַש וואָס עס וועט בלייבען,
זאָל מען געבען שטענדיג שמעקען
יענע גרויסע בעלי-עברות,
וועלכע זענען אויף דער עלטער
פרום געוואָרען, בעלי-תשובות,
ווייל זיי האָבען נישט קיין ציינער,
ווייל זיי האָבען נישט קיין תאוות.
דאָס וועט זיין אַ גרינגער משפט
על פי דין, ועל פי יושר.
—דאָס איז, חרטום, נישט קיין משפט
דאָס איז בלויז נאָר אַ גלייכווערטעל!—
ענטפערט קאַלט דער אשמדאי:
אָט אַזעלכע מיני שטראָפען
טהוען אָפט בעקוכען שדים
פון מיין האַנד פאַר קליינע שטותים.
צווייטער חרטום! זאָג דיין משפט.

און דער צווייטער חרטום ברעפעלט:
—אַשמדאַי! אין מיין גזר דין
ווערסטו זיכער נישט געפינען
נישט קיין רחמים, נישט קיין יושר.
זאָל זיין מדה כנגד מדה.
דורך געפיהלען פון אַ מוטער
האָט דער לייוועגטענער רבי
זי געמאַכט פאַר אַ בעל-תשובה.
אַשמדאַי! דו מאַך אַז לילית
זאָל געשטראָפט זיין ווי אַ מוטער!
דאָס וועט זיין די שטראָף די גרעסטע,
גיב איהר קינדער! גיב איהר קינדער!
לאָז זי זיי מיט שמערצען ברענגען
אויף דאָס פינסטער שוואַרצע וועלטעל.
לאָז זי נאָכדעם זיי ערציהען
מיט פיל צער און מיט יסורים
און מיט גרויסע אימת מות.
און דערנאָך, אַז איהרע קינדער
וועלען אויף די פיס זיך שטעלען,
דעמאָלט הויב זי אָן צו שטראָפען.
מאַך זיי אַלע פאַר הולטאַיעס,
פאַר גנבים, פאַר גזלנים,
און צווייע זיי אין תפיסות.
אָדער מאַך, זיי זאָלען שטאַרבען
אין אַ ווייטען לאַנד אַ וויסטען
פון אַ בייזער קויל, פון הונגער.
מאַך, אַז זייער מוטער לילית
זאָל זיך בלייבען אויף דער עלטער
עלענד, אָרים און פערוואָגעלט,
מיט אַ האַרץ פון הוילע וואונדען,
וועלכע זאָלען שטענדיג שמאַרצען,
וועלכע זאָלען שטענדיג ברענען

פון דעם זאַלץ און פון דעם פייער
פון די בלוטיג-הייסע טרעהרען!...
דאָס וועט זיין אַ האַרבער משפט,
גזר-דין: מדה כנגד מדה.
—דאָס איז, חרטום, יאָ אַ משפט,--
ענטפערט אים דער אַשמדאי:
נאָר פאַר לילית איז דאָס וועניג.
דו ביזט יאָ אַ גרויסער חרטום,
נאָר די טיפע, טיפע סודות
פון אַ מוטער, פון איהר האַרצען,
זענען נאָך פאַר דיר פערבאָרגען.
אין די גרעסטע, שטאַרקסטע ליידען
אין די בלוטיג-הייסע טרעהרען
פון אַנ'אומגליקליכער מוטער,
טהוען דאָך זיך שטענדיג לייכטען
קלאָרע טראָפּענס, גלייך ווי פונקען,
פון מחילה און פון ליבע.
און זיי טרייסטען, און זיי היילען
ווי אַ באַלזאַם איהרע וואונדען.
ניין, פאַר לילית איז דער משפט
נישט קיין שטראָף נאָך איהרע מעשים!
ביי אַ רגע הערשט אַ שטילקייט
אין דעם גרויסען שוואַרצען טורעם;
און דער אַלטער אַשמדאי
וואַרט דעם פסק-דין פון דעם דריטען
גרעסטען חרטום של מצרים.
מיטאַמאָל הויבט אָן צו קוויטשען
יענער קליינער שוואַרצער שד'ל,
וועלכער שטעהט דאָ פאַר אַנ'עדות:
—פאַר דיין לילית, אַשמדאי,
האָב איך גאָר אַ פסק אַ פיינעם.
נאָר ערלויב מיר איהם צו זאָגען.

—רייד! נאָר קירצער און אָהן מליצה!
—אָט אַזוי, היות ווי לילית
איז אַ גרויסע בעלת-תשובה,
נאָר היות, ווי עס פערשטעהט זיך,
אַז אין אונזער זיסען גהנום
וועט קיין אָרט זיך נישט געפינען
פאַר אַ לילית אין אַ פּאַרוק—
וואָלט איך דיר אַנ׳עצה געבען:
דו פערשיק זי גלייך אין אויסלאַנד
אין פּאַריז, בערלין, צי בערן,
צו שטודירען אויף אַ דאָקטאָר.
אַז זי וועט אַהינצו קומען,
וועט מען גלייך זי בעהמען פרעגען:
„מה שמך?״ זאָג, ווער ביזטו?
זאָג, פון וועלכער אומה שטאַמסטו?
און דערצו בעוויז פּאַפּירען!
נאָכדעם אין אַ גרויסען חדר,
פול מיט גלעזלעך אויפ׳ן פייער
וועט זי כשופ׳ן און פרעפּלען.
נאָכדעם וועט זי שניידען מתים,
אַקוראַט ווי פּראָסטע שדים
אַרבייטען אין טיפען גהנום.
נאָכדעם וועט מען זי פערשטעלען
שניידען לעבעדיגע מענשען.
און דערצו, צו די תענוגים—
שווער איך דיר, מיין גרויסער הערשער
וועט זי דאָרטען האָבען צרות,
פון גרויס נויט און פון בלבולים,
וועט זי אויסגעריסען ווערען
פיל מאָל מעהר, ווי אין גהנום...
און דער אַלטער אשמדאי,
גאָר אָהן ווערטער און אָהן כעס,

כאַפּט דעם שד׳ל פאַר׳ן ווייַדעל,
שליידערט איהם אַרויס פון קוימען
און ער זאָגט צום דריטען חרטום:
—עלטסטער חרטום, זאָג דיין משפּט!
—קורץ און פּראָסט וועט זיין מיין גזר-דין,—
ענטפערט שטיל דער אַלטער חרטום:
לאָז זיך לילית בלייבען לילית,
ווי אַט איצטער, אַ בעל-תשובה...
דאָס איז גאָר, וואָס איך קאָן געבען
ווי אַ פּסק פאַר איהר עברה...
—איך פערשטעה נישט, גרויסער חרטום,
וואָס עס זאָל דיין פּסק בעדייטען?—
פרעגט פערוואונדערט אשמדאי.
און דער אַלטער גרויער חרטום
שווייגט אַ ווייַלע ווי פערשלומערט,
און הויבט ווידער אָן צו פּרעפּלען:
—איצט איז לילית אַ בעל-תשובה,
אין אַ פּאַרוק, אין אַ ציפּיק,
מיט אַ גרויסען קרבן-מנחה,
מיט די תחינות פון „בת-טובים",
גאָר אַ צנועה ווי געהעריג.
נאָר, זיי מוחל, אַשמדאי,
גיב איהר טיף אַ בליק אין האַרצען,
וועסטו דאָרטען נאָך געפינען
פון דער פריהערדיגער לילית
אַלע תנועות, אַלע תאוות
און דעם קוואַל פון סם המות,
וואָס דו האָסט אַהין געגאָסען.
גלויב מיר, אַלץ איז גאַנץ אין האַרצען,
נאָר פערדעקט מיט פרומע בשמים.
לאָז זיך איצטער לילית בלייבען,
ווי די איז, מיט איהרע תחינות,

מיט די זינד אין טיפען הארצען,
מיט דעם סם און מיט די בשמים.
דו נישט זארג, ביי איהר אין הארצען
וועט שוין זיין א גוטער גהנום:
שטענדיג שרעקליכע מחלוקות
צווישען אלערליי געפיהלען,
צווישען תשובה און פיל תאוות,
צווישען לילית און „בת-טובים"!
און דערביי נאך, אשמדאי,
וועט זי בלייבען א ווילד-פרעמדע,
אי פאר מענשען, אי פאר רוחות,
אי פאר גוטע, אי פאר בייזע.
ווייט פון גהנום דעם טיפען,
ווייט פון ליכטיגען גן-עדן,
פאר צדיקים—אלץ א לילית,
פאר די חוטאים—א בעל-תשובה,
פאר די פרומע—א מרשעת,
פאר היינט-וועלטיגע—א צנועה...
פרעמד פאר די און פרעמד פאר יענע,
וועט זי בלאנדזשען א פערשמאכטע,
און זי וועט פון אלע זייטען
זעהן נישט מעהר, ווי בייזע בליקען,
הערען קללות און בלבולים.
שרעקליכער פון אט די ליידען,
וועסטו זיכער נישט געפינען!
און דער אלטער אשמדאי
זיצט פערטראכט א הרף-עין,
ער בעקלערט דעם חרטומ׳ס עצה,
נאכדעם קוקט ער לאנג אויף לילית,
ווי ער וואלט זיך שרעקליך ראנגלען
מיט גאר אנדערע געפיהלען,
און ער רעדט ארויס: „יהי כן!

זאָל מקוים זיין דער משפט
פון דעם גרויסען אַלטען חרמום!
פרעמד פאַר מענשען, פרעמד פאַר רוחות
פרעמד פאַר פרומע, פרעמד פאַר חוטאים,
ווייט פון גהנום דעם טיפען,
ווייט פון ליכטיגען גן-עדן,
מיט אַ כף-הקלע אין האַרצען
זאָלסטו, לילית, אייביג בלייבען!!!
נו, און איצטער, שדים, רוחות,
נעהמט זי צו פון מיינע אויגען!"
און עס ווערט פערשוואונדען לילית...
ס'ווערען באַלד נאָך איהר פערשוואונדען
די חרטומים של מצרים,
און אין גרויסען שוואַרצען טורעם
בלייבט אַליין דער אַשמדאי
אין אַ טיפען, טיפען קומער.

---

ששים רבוא תרנגולים
גיבען שוין דעם קרייה דעם דריטען,
יודען לויפען צו ותיקין,
און אין מזרח-זייט, דער הימעל,
ווערט אַלץ ליכטיגער און קלערער
און די אַלע כתות שדים
הויבען אָן זיך צו בעהאַלטען:
אונטער דר'ערד, אין טיפע ימים,
אין די חורבות, אויף די בוידעמס,
אין די וועלדער און אין זומפען...
און דער אַלטער אַשמדאי
גיט אַ לאַנגען זיפץ אַ טיפען
און פערלעשט די האָלאָוועשקע,
נאָכדעם נעהמט ער אין די נעגעל

אַ משונה-גרויסען חלף,
שטרעקט זיך אויס אַ שוואַרצען פליגעל,
גיט אַ שניט און רייסט זיך קריעה
איבער לילית די בעל-תשובה.
נאָכדעם זעצט ער זיך מיט טרויער
אויף דער ערד צו זיצען שבעה,
און די ליפען זיינע פּרעפּלען:
„לילית, לילית, מיין געטרייע,
דו האָסט, לילית, מיך פערלאָזען!...
מיך, דעם גרויסען אַשמדאי,
מיך, דעם מושל פון די רוחות,
מיך האָט איצטער בייגעקומען
נישט אַ מלאך, נישט אַ שרף,
נישט דער קליגסטער מלך שלמה,
נאָר אַ פרומער, פּראָסטער יודעל—
נאָר דער לייוועגטענער צדיק!...״

## נאָכרעדע.

זה הסיום של הספור:
איצטער וואַש איך נעגעל-וואַסער
כדי די טומאה אָבצעשווענקען,
וועלכע עס איז נאָך פערבליבען
אויף די שפּיצען פון די נעגעל,
און איך נעהם געשווינד דאָס זעקעל
מיט דעם טלית און די תפילין,
און איך לויף מיר גלייך אין מנין.
הייסע תפלות, גרויסע שבחים
וועל איך שיקען דיר, מיין בורא,
שהחזרת בי נשמתי
מיט אַ גרויסע „חמלה רבה״.

שבת וועל איך בענשען „גומל".
איצטער בין איך אייך זיך מודה,
אַז בשעת איך האָב געשריבען,
האָב איך ווי אַ בלאַט געציטערט,
אַז די טומאה זאָל נישט שטרויכלען
מיינע טריט מיט איהרע נעצען!
גרויסע נסים, שטאַרקע נסים,
אַז איך בין אַרויס אַ גאַנצער
מיט מיין קאָפּ און באָרד און פאות
פון דעם שר הטומאה׳ס טורעם.
פון דער טיפער שאול תחתיה!
לאַכט נישט, יודען, פון זכות אָבות.
איך בין זיכער, אַז מיין זיידע
רבי זלמן דער אַשטרוינער
און מיין פעטער רבי יעקב
האָבען „דאָרטען" פיל געאַרבייט,
איך זאָל נישט „געַ׳ניזוק׳ט ווערען...
און דערצו נאָך האָט געהאָלפען
וואָס איך האָב פון דעם ליאַדיער
צוויי קמעות און אַ שמירה.
איצטער נאָך אַ צוויי-דריי ווערטער:
ווי איהר זעהט, אחינו יודען,
איז די שליטה פון דער טומאה
גרויס און מעכטיג; נאָר פיל שטאַרקער
איז אַ יוד, אַ צדיק תמים.
אָט, איהר האָט פאַר זיך אַ משל
פון דעם לייוועגטענעם צדיק.
גאָט זאָל געבען, אַלע יודען
זאָלען אָנהויבען צו לעבען
על פי אמת, על פי יושר,
אַלע זאָלען ווערען תמימים
ווי דער לייוועגטענער רבי.

וועט דער אויבערשטער אונז שיקען
זיין משיח גואל צדק,
און די טומאה מיט איהר שליטה,
און די גאַנצע סטרא אחרא
וועט במהראה בימינו
גאָר פערזונקען ווערען. אָמן!

יאַנו׳ 1904

# בריף פון יענער וועלט

אַ בינטעל מכתבים פון מאָטקע חב״ד ז״ל צו

ר׳ שלומיאל המכונה „דער ליגנער“ נ״י.

## מכתב א.

לידידי הנחמד, המופלג ומפורסם מוה״ר שלומיאל נ״י.

ידידי שלומיאל! היות ווי בייזע לשונות האָבען אַרויסגע־לאָזען אַ קלאַנג, אַז דו האָסט נעבעך נישט גאָר קיין וואָהרהאַפ־טיגען „חתוך־הדבור״, ד. ה. אַז דו געפינסט זיך נישט שטענ־דיג בקו האמת, רחמנא לצלן, און דערום קאָן ווענען נישט איז איינפאַלען אין זינען אַ ספק, צי זענען אָט די בריף טאַקי פון מיר,—האָב איך געפונען פאַר גוטיג בעשיינפערליך צו ערקלע־רען, ווי אַזוי מיר האָט זיך איינגעגעבען איבערצושיקען מיינע מכתבים פון אונזער עולם האמת, צו אייך אין עולם התהו. דערמיט, פערהאָף איך, וועל איך אָבהיטען אחינו בני ישראל, זיי זאָלען חס ושלום נישט געשטרויכעלט ווערען אין דער עברה פון חשד און ספקות. ובזכות זה וכו׳.

עס איז אַלעמען גוט ידוע, אַז פון ימים קדמונים איז געוועזען זעהר שווער צו דערוויסען זיך וועלכע עס איז פרטים וועגען דעם, וואָס עס טהוט זיך אויף אונזער וועלט און דער־הויפט—אין גהנום. נאָך דעם היילינען מחבר פון „ראשית חכמה״

הגאון החסיד המקובל כמהור״ר אליהו בן ר׳ משה די ווידאַש זללה״ה, האָט זיך איינגעגעבען דורכצודרינגען אין די טיפסטע סודות פון דעם עולם האמת און אַרומצושרייבען מתחילה ועד סוף אַלע שבעה מדורי גהנום. די ענטפּלעקונגען פון דעם „ראשית חכמה״ האָבען אַרויסגערופען אַ מורא׳דיגען גערודער אין אַלע עולמות; עס האָבען זיך אָנגעהויבען די האַרבסטע אויספאָרשונגען וועגען דעם: ווער האָט עס אַרויסגעגעבען דעם גאון די סודות פון גהנום? און עס האָט זיך אויסגעלאָזט דערמיט, אַז פיל פון די גרעסטע שדים און מלאכי חבלה, זענען אַראָבגעפלויגען פון זייערע שטעלען. פון יענער צייט אָן, האָט לחלוטין אויפגעהערט יעדע פערבינדונג צווישען די ביידע וועלטען. שדים ציטערן אַ פּיפּס צו טהון וועגען דעם, וואָס ביי זיי טהוט זיך. דורך אַ מליץ יושר קאָן מען גאָרנישט איבערגעבען, ווייל מען זוכט זיי אַרום איידער מען לאָזט זיי אַרויס אויף אייער וועלט. די צדיקים פון גן עדן וואָלטען אפשר יאָ קאָנען עפּעס אַריבערטראָגען צו אייך, בשעת זיי געהען צו חלום—זענען זיי אָבער נעבען גרויסע פּחדנים און זיי ציטערן פאַר סמאל׳ן נאָך מעהר ווי די שדים. נו, און וועגען די רשעים איז דאָך נישטאָ וואָס צו ריידען: אַרויסכאַפּען זיך פון אַ זודיגען קעסעל איז נישט קיין גרינגע זאַך. בינו לבינו איז אויסגעקומען, אַז איהר האָט פון דאַנען נישט מקבל געווען די גאַנצע צייט קיין שום ידיעה.

איצט אָבער זענען ביי אונז פאָרגעקומען גרויסע שנויים. אין דעם משך פון די לעצטע עטליכע יאָהר, האָט מען אָנגעהויבען ברענגען אין גהנום יונגעלייטלעך פון אַ נייער, משונה׳דיגער חבורה „כאַפּ-לאַפּ״ און דאָס זענען אַזעלכע ווילדע בריאים, אַז מען קאָן זיי דאָ מיט קיין שום ענויים קשים נישט דערנעהמען. וואָס מ׳טהוט זיי נישט אָן פאַר אַ ביטערע יסורים, לאַכען זיי זיך אויס דערפון מיט אַ מאוימ׳דיגער חוצפה און טענה׳ן נאָר איין טענה: „געפונען מיט וואָס אונז צו שרעקען! דאָרטען, אין דעם עולם התהו האָבען מיר פערזוכט אַזעלכע ענויים, וואָס אַנטקעגען זיי, זענען אייערע, נישט מעהר ווי אַ קינדער-שפּילן!״ און וויפיל סמאל מיט זיינע גרעסטע יועצים האָבען זיך נישט

געקליגט צו געפינען וועלכע נישט איז נייע, האַרבערע יסורים, מיט וועלכע מען זאָל קאָנען דערנעהמען אָט די חברה-לייט—האָט ער גאָרנישט געקאָנט אויפטהון. ביז סוף כל סוף איז נישט געקומען עפּעס אַ געבראָטענער שד, וואָס איז אין דער יוגענד געווען אַ מליץ יושר און דערנאָך איבערגע׳שמד׳ט זיך פאַר אַ שד,—און האָט געגעבען סמאל׳ן אַ פּראָסטע עצה: ער זאָל אָפּשיקען די עקשנים צוריק אויף אייער וועלטעל, זיי זאָלען דאָרטען אָפּקומען זייער עונש. און דאָס האָט טאַקי געהאָלפען! ווי נאָר מען גיט אַ וועלכען נישט איז עזות-פּנים אַנ׳אזהרה, אַז מ׳וועט איהם אָפּשיקען צוריק אין עולם התהו, און מען ווייזט איהם נאָך אָן דעם מקום וואוהין מ׳וועט איהם שיקען, ווערט ער בּאַלד אַ זיידענער און זאָגט צו צו זיין גוט און פרום, נאָר מ׳זאָל איהם לאָזען אין גהנום. דערצו נאָך האָט סמאל אויסגעטראַכט אַזאַ מין זאַך: ער האָט געהייסען אויסקלעבען די ווענד פון גהנום מיט אַלערליי אימה׳דיגע ציורים, אויף וועלכע עס זענען אויסגעמאָלט די גרעסטע ענוים, וואָס מען טהוט אָן אויף אייער וועלט. און קוקענדיג אויף די ציורים, ווערען די בעל-עבירה׳ניקעס, וואָס זיצען אין די זודיגע קעסלען, דערשראָקען און צוגיסען זיך מיט טייכען טרעהרען פון גרויס פיין און רחמנות. חוץ דעם, האָט סמאל איינגעפיהרט אַ מנהג, אַז אַלע פריהמאָרגען ווערט אויפ׳ן קול אין אַלע מדורי גהנום געלייענט דאָס בּלאַט וועגען אַלץ, וואָס ביי אייך פּאַסירט זיך—און דאָס מאַכט אַזאַ גרויסען רושם אין גהנום, אַז אַנדערע שדים קאָנען דאָס נישט פערטראָגען און פערשטאָפּען די אויערן.

און פונדעסטוועגען, נישט קוקענדיג אויף דעם, גיבען זיך אויס צווישען די „כאַפּ-לאַפּ״-חברה׳לייט אַזעלכע שטאַרקע הערצער, וואָס ווערען אַ האָר נישט נתפּעל פון די אַלע אזהרות און טהוען זיך זייערס. סוף כל סוף טהוט מען זיי אָפּ זייער רעכט און מען שיקט זיי טאַקי אַוועק לעזאזל, צו אייך אין עולם התהו אַריין.

אָט מיט איינעם פון די חיות-רעות שיק איך דיר איבער, ידידי שלומיאל, מיין בריף. עס פערשטעהט זיך, מיר איז נישט

גרינג געווען צו איהם צוצוטרעטען, נאָר נישט פערגעס, אַז איך בין דאָך עפּעס פּאָרט מאָטקע חב״ד! מיט אַ פּאָר גלייכוועטלעך האָב איך בּיי איהם אַזוי נושא חן געווען, אַז ער האָט בּיי מיר גענומען דאָס בּריוועל. נאָר, ידידי שלומיאל, איך בּין דיר מתרה, זאָלסט מיט דעם יונגענמאַן קיין איבעריגע מחזקות נישט מאַכען און דערהויפּט, זאָלסטו איהם נישט געבּען בּיי זיך קיין מקום מנוחה און זאָלסט בּיי איהם נישט נעהמען קיין שום פּע-קעל אויף שמירה. קאָנסט חס ושלום געשטרויכעלט ווערען און פערלירען מיט אַמאָל בּיידע עולמות. אי״ה בּיי אַ קומענדיגער נסיעה פון נאָך אַ חברה-מאַן, וועל איך דיר צושיקען אַ צווייטען בּריף און וועל דיר בּאריכות בּעשרייבּען, ווי אַזוי איך בּין נסתלק געוואָרען און ווי איך רוה מיר איצט אין מיין רוה.

ממני ידידך מרדכי חב״ד ז״ל.

## מכתב ב.

לידידי הנכבּד הנחמד, המופלג ומפורסם מוה״ר שלומיאל נ״י.

איצטער קום איך, ידידי שלומיאל, אַרומשרייבּען דיר בּאריכות, אַקוראַט וואָס מיט מיר האָט זיך אָפּגעפּאַסירט פון דעם ערשטען טאָג אָן, זינט איך בּין נסתלק געוואָרען, עד היום הזה.

קודם כל מוז איך דיר זאָגען, אַז איצט רוה איך שוין, אַדאַנק זיין ליבּען נאָמען, אין מיין רוה. איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, דאָס איך האָב זיך פריהער גאָרנישט געריכט, אַז דאָ, אין כף-הקלע, זאָל זיין אַזוי רוהיג. איך געדענק זעהר גוט, אַז בשעת איך בּין געלעגען אויף דער ערד און זוגתי טריינע האָט מיך בּעקלאָגט און האָט געשריען מיט אַ הייזעריגען קול: „און דו זאָלסט דאָרטען רוהען אין דיין רוה!!״—האָב איך זיך, פאַר זיך, אויסגעלאַכט פון איהר און האָב געקלערט: „אַ יודענע, אַ טפשה! וואָס פאַר אַ מין רוה קאָן דאָ זיין, אַז ווי נאָר איך

וועל קומען אויפ'ן צָרט, וועט מיך בעגעגענען דער מלאך דומה, נאָכדעם וועט זיך אָנהויבען דער חבוט-הקבר, דער כף-הקלע, דער גהנום מיט אַלערליי יסורים!" נאָר ווי איך זעה איצטער אַרויס, איז גערעכט געווען טאַקי זוגתי. פערשטעהסטו מיך, שלומיאל: איך רוה! איך שווער דיר באמונתי, אַז איך האָב קיינמאָל זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלען, אַז אַ יוד זאָל ווען עס איז קאָנען האָבען אַזאַ רוהיגען כף-הקלע, ווי איך האָב. בערע-כען אָקאָרשט: דאָס גאַנצע לעבען, פון וויג ביז'ן טהרה-ברעט, בין איך געווען נע ונד און האָב פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען געציטערט: געציטערט פאַר טאַטע-מאַמע, פאַר'ן רבי'ן, פאַר'ן יצר-הרע, פאַר'ן גהנום, פאַר שדים און רוחות; געציטערט פאַר [illegible] שגץ, פאַר אַ גוי, פאַר אַ יון, פאַר אַ ווייסען קנעפל; געציטערט פאַר אַ גזרה, פאַר אַ רדיפה, פאַר אַ בלבול, פאַר אַ פאָ-גראָם. און ווער רעדט שוין וועגען דער אייביגער ציטערניש פאַר דעם שטיקעלע חיונה. איצטער איז אויס! אַלע דאגות, דעם גאַנצען פחד ורעדה, ווי מיט אַ האַנד צראָבגענומען.

אַז איך קלער אין תוך אַריין, זעה איך אַרויס, אַז די גאַנצע ציטערניש נעהמט זיך פון איין מקור. דערפון וואָס דער גוף איז פערבונדען מיט דער נשמה. וואָרום איטליכער פון זיי פאַר זיך, האָט גאָרנישט וואָס צו ציטערן. אומשטיינס געזאָגט! וואָס דאַרף אַ יודישער גוף; תענוגים דאַרף ער? ער דאַרף נישט מעהר ווי אַ ביסעלע מנוחה און אויב ער זוכט חיונה, איז דאָס נישט פון זיך וועגען, חס ושלום, נאָר כדי אויפצוהאַלטען די נשמה. און די נשמה דאַרף דאָך אודאי גאָרנישט—קוים פטר'ט זי נאָר דעם יאָך פון מאה ברכות... אַז זיי זענען אָבער צו-בויפגעבונדען, ציטערן זיי ביידע: די נשמה שרעקט זיך, דער גוף זאָל נישט נזוק ווערען—און דער גוף ציטערט, אַז די נשמה זאָל חס ושלום נישט געשטרויכעלט און נישט פערפלעקט ווערען.

איצטער, אַז מיין גוף מיט דער נשמה האָבען זיך צו-[illegible], זענען זיי ביידע זעהר קאָנטעט: דער גוף ליגט זיך אין זיין דירה, ווי אַ פריץ אָהן אַ שום דאגה און הערט אַלעמען אין נזראָק, [illegible], מ'קאָן נישט זאָגען, אַז אין דירה זאָל זיין איבע-

רי[illegible] אָדער גערעם. נאָר פונדעסטוועגן, נישט צו פער-זינדיגען, פערהאַן וואו אַהינצוטהון זיך, און אַז מען זאָל זיך גוט צוקוקען, איז זי נישט ערגער, נישט פינסטערער, נאַסער און קעלטער, ווי די דירות, וועלכע איך האָב געהאַט אויף אייער ליבהאַרציג וועלטעל. היינט דערפאַר אָבער בערעכען: וואָס איז ווערט, וואָס די דירה איז אַנ'אייגענע און אַנ'אייביגע און איך דאַרף נישט זאָרגען וועגען קיין דירה-געלד! וואָס איז ווערט דער נחת, וואָס איך פערמאָג אַנ'אייגענע נחלה („טעריטאָריע" בל"ז), און טאַקי אויף מיין אייגענעם נאָמען און בין דערצו זיכער, אַז אפילו דער סענאַט אַליין וועט מיך פון איהר נישט אַראָפּטרייבען. און דאָס איז נאָך נישט גאָר! בערעכען אָקאָרשט דעם תענוג דערפון, וואָס איך בין זיכער, אַז קיינער וועט ביי מיר נישט אַראָפּרייסען די תכריכים פון לייב, אַז קיינער וועט מיר די געדערים פון בויך נישט אַרויסלאָזען און קיין טשוועקעס אין די אויגען נישט אַריינשלאָגען! עס פערשטעהט זיך, אַ מענש איז זינדיג און אַנ'אַנדערש מאָל מורמעלט אונטער דער גוף, אַז ער איז נישט קאָנטעט, וואָס די ווערים פערשאַפּען איהם אַ ביסעל אונגרוה. נאָר דאָס, פערשטעהט זיך, איז אַ קלייניגקייט. וועלכער יודישער גוף איז דאָס נישט צוגעוועהנט, אַז ווערים זאָלען אים עסען. און נאָך וועלכע ווערים?!

נו, און פון דעם אַנדערן צד, די נשמה, איז אויך זוי ביי געבוירען. אַ קלייניגקייט, אַראָפּגעוואָרפען פון זיך אַזאַ מין שווערען יאָך, ווי אַ יודישער גוף! און זי שפּאַצירט זיך איצ-טער אום ווי אַ פּריצ'טע איבער'ן כף-הקלע, קיינער פערוועהרט איהר נישט צו געהן וואוהין זי וויל. קיינער פרעגט ביי איהר נישט קיין פּאַס, נישט קיין מעטריקע, נישט קיין כּאָראָשע פּאָ-וועדעניע, נישט קיין פּראַוואָזשיטעלסטוואָ, קיינער פרעגט זי אפילו נישט צו וועלכען קלייזעל (פּאַרטיי בל"ז) זי געהערט אָן און על פי וועלכען נוסח זי דאַוונט, אמת אַנ'אַנדערש מאָל איז איהר אַביסעל מלאָשנע, אַביסעל נישט גאָר לא עליכם'דיג, וואָס עס איז נישטאָ מיט וועמען צו פיהרען אַ שטיקעלע וכוח וועגען נוסחאות (פּאָגראָם-פּראַגען בל"ז), מאַכען אַ מחלוקת'ל

גריבזעץ אַ ביי חברה׳לע. נאָר ווי זאָגט מען דאָס: גוט מיט אַלץ קאָן דאָך אַ יודען נישט זיין!

אגב פערהאָף איך, אַז אינגיכען וועט זיך ביי אונז אין כף-הקלע אויך אָנהויבען אַ בעוועגונג, און דעמאָלט וועט דאָ ווערען באמת אַזוי גוט, אַז מ׳קאָן נאָרנישט מאָלען בעסער.

העיקר שכחתי. איך האָב דיר נאָך אפילו קיין וואָרט נישט אָנגעשריבען וועגען וואָס איך האָב צוגעזאָגט צו שרייבען. לאָז שוין זיין אין דעם להבא׳דיגען בריף.

ממני ידידך מרדכי חב״ד ז״ל.

## מכתב ג.

לידידי הנחמד המופלג ומפורסם, מוהר״ר שלומיאל נ״י.

ראשית דבר, פריהער פאַר אַלץ קום איך דיר איצט צו בעשרייבען אַקוראַט, פון וועלכער סיבה איך בין נפטר געוואָרען.

איך קאָן זאָגען אָהן אַ שום הפלגה, אַז איך האָב געהאַט זעהר אַ פיינעם און אַנ׳איידעלען טויט, הלואי אויף דיר, ידידי שלומיאל, געזאָגט געוואָרען. קודם כל—וואָס איז ווערט, וואָס איך בין נפטר געוואָרען אין די רעכטע ימים-נוראים, אַ פאָר טעג פאַר ראש-השנה! דו קאָנסט זיך נישט פאָרשטעלען, ווי גרינג און כמעט פרעהליך עס איז צו שטאַרבען אין די טעג; קיין ערך נישט צו פערגלייכען מיט אַ פטירה אין „דריי וואָכען״, און ווער רעדט שוין אין „ניין טעג״. אין די ימים-נוראים, פיהלט זיך עפעס, ממש בחוש, דאָס תחית המתים, מ׳איז זיכער, אַז מ׳שטאַרבט נאָר אויף אַ ווײלע: אַז אָט-אָט וועט קומען משיח, עס וועט זיך אָנהויבען אַ נייע וועלט פון כולו זכאי און סמאל מיט זיינע כתות שדים וועלען דורכפאַלען דורך דער ערד. אַ שטאַרב טהון. אין אַזאַ צייט איז כמעט אַזוי גרינג, ווי צו מאַכען אַ קליינעם שפאַציר.

גאָר דער היפך דערפון איז אַ פטירה אין „ניין טעג״.

בשעת אַלע רעיונות זענען אַריינגעטהון אין חורבן, אַז דאָס הארץ איז פערצאָגט און פערקלאָגט און אין די אויערן קלינגען די אומעטיגע נגונים פון איכה און קינות. דעמאָלט דוכט זיך, אַז דער גאַנצער כדור הארץ געפינט זיך, רחמנא לצלן, אין די הענד פון סמאל'ן; אַז משיח וועט גאָר קיינמאָל נישט קומען און אַז קיין תחית המתים וועט מען שוין גאָר נישט אויפשטעהן. אַ מענש איז נעבעך קורצזיכטיג, קורצזיכטיג ווי אַ הוהן!

עס פערשטעהט זיך, ידידי, אַז איך בין נישט נפטר געוואָרען בנשיקה—ביי היינטיגע דורות איז דאָס זעהר זעלטען.— נאָר איך שווער דיר באמונתי, אַז עס האָט געהאַלטען נישט ווייט דערפון. די נשמה איז ביי מיר אַרויס גיך און גרינג, באמת ווי אַ האָר פון מילך, אַז איך האָב קוים בעמערקט. אין אָנהויב האָב איך אַ ביסעל פחד געהאַט פאַר די יסורים של מיתה. איך האָב געוואוסט פון אונזערע הייליגע ספרים, אַז אפילו ביי שטילע און עהרליכע יודען טרעפט אָפט זעהר אַ שווערע פטירה, מיט פיל יסורים; אַז אַנדערע ראַנגלען זיך זעהר לאַנג מיט דעם מלאך המות, ווערען נעבעך צוקיילט און צביילט און קומען אויף דעם עולם האמת אָהן אַ שום מענשליכען פרצוף פנים. אַנדערע קומען אָב זעהר פיל פון דעם, וואָס דער מלאך המות ווייסט נישט ווי צוצוטרעטען צו זיי, ווייסט נישט פאַר וועלכען חטא אָנצוכאַפּען זיך און האַלט זיי דעריבער אַ לאַנגע צייט אין ביטערן הינהערפלעט, וואָס איז פיל שווערער ווי דער כף-הקלע.

איך קאָן נישט זאָגען, אַז איך האָב זיך אָבגעגעבען דעם מלאך המות אין די הענד גאָר מיט גוטען. אדרבה, איך האָב זיך מיט איהם אויך לאַנג און שטאַרק געראַנגעלט, ווי אַ גבור, נאָר געראַנגעלט האָב איך זיך מיט איהם נישט מיט די הענד, נאָר מיט דבורים און וכוחים. איך האָב איהם אויסגעוויזען בפירוש, אַז ער איז אַנ'עם הארץ, אַ בור דאורייתא און אַז ער וויל ביי מיר נעהמען די נשמה נישט על פי דין. איך זאָג דיר, שלומיאל, ער האָט ביי מיר קראַפּירט! איך האָב איהם שיער-שיער נישט מנצח געווען. סוף כל סוף האָט ער אפילו ביי מיר

צוגענומען די נשמה, אָבער פּאָרט נישט על פּי דין—און איך וועל זיך נאָך אויף איהם קלאָגען אין בית דין של מעלה. איך ווייס נישט, צי דאָס וועט מיר פיל העלפען, נאָר איהם וועל איך מבייש זיין—און דאָס איז ביי מיר די הויפּטזאַך.

איך קאָן נישט זאָגען, אַז דער מלאך-המות איז צו מיר געקומען גאָר אומגעריכטערהייד, איך האָב זיך אויף איהם גע-ריכט נאָך פון דעם פאָריגען פורים אָן. די מעשה איז געווען אַזוי: פורים האָט זיך צונויפגעקליבען ביי אונז אין קלייזעל אַ גרויסע חברה חסידים און מען האָט זיך משמח געווען, מ'האָט געזונגען, געטאַנצט, גע'דרש'ענט און גענלייכווערטעלט זיך, איך בין מסתמא אויך געווען דאָרטען און האָב זיך גענלייכווערטעלט מעהר פאַר אַלעמען. איך האָב גערעכענט, אַז ווייבאַלד אום פּו-רים דאַרף מען נישט וויסען בין ארור המן לברוך מרדכי—איז הפקר-וועלט, איך קאָן זיך ריידען וואָס איך וויל, און אַזוי ווי איך האָב זיך געפונען אין אַ הויכער מדרגה—האָב איך געמאַכט לצנות פון אַלץ און האָב אפילו אָבגעשפּעט אַ ביסעל פון דער פמילא של מעלה. נאָך דעמאָלט גופא האָט מיר ווי אַ שטאָך געטהון אין האַרצען און איך האָב אַ קלער געטהון: „מאָטקע, האָסט זיך אַריינגעכאַפּט!" און כך הוה: פון שושן פּו-רים אָן האָב איך אָנגעהויבען מרגיש זיין, אַז אַרום מיר איז נישט גלאַט, אַז דער מלאך המות נעהנטערט זיך צו מיר. איך האָב אָנגעהויבען פיהלען, אַז עפּעס פלאָנטערט זיך ביי מיר אונ-טער די פיס. אַנ'אַנדערש מאָל, אַז איך פלעג זיך פערטראַכטען, פלעג איך קלאָר הערען, ווי אַלערליי רוחות פליהען און דרעהען זיך אַרום מיר. איך האָב בעמערקט, אַז די חברה-קדישא האָט אָנגעהויבען צו-אָפּט אַרומשפּאַצירען אַרום מיין דירה און אַנ'-אַנדערש מאָל אפילו אַריינגעהן צו מיר אין שטוב, כלומר'שט על פּי טעות, אָדער מיט אַ וועלכען ס'איז אויסרייד. איינמאָל איז אפילו געקומען צו מיר דער מלאך דומה צו חלום און האָט ביי מיר אַ פרעג געטהון: „מה שמך?" צום גליק, האָב איך זיך נישט דערשראָקען און האָב איהם גלייך געענטפערט און ער איז אַוועק. נאָר דער סימן איז געווען זעהר אַ שלעכטער—און איך

האָב זיך בעצייטענס אָנגעהויבען גרייטען. איך האָב אָנגעשריבען אַ צואה, האָב זיך אויפגעגייהט אַ פּאָר פיינע תכריכים, האָב גע- קויפט אַ מעבור-יבוק—בקצור, איך האָב זיך צוגעגרייט. און מיר איז נישט אויסגעקומען לאַנג צו וואַרטען, אַקוראַט צו דער דריי- טער סליחה, נאָר-וואָס איך האָב זיך צוגעגרייט צו געהן אין שוהל, ערשט איך הער אַ קלאַפּ אין טהיר. איך הויב אויף די אויגען—ויבא המן!—פאַר מיר שטעהט דער מלאך המות מיט זיין כתה שדים...

דאָ מוז איך מפסיק זיין, כדי נישט צו פערשפעטיגען דעם טראַנספּאָרט אין אייער עולם התהו אַריין.

ממני ידידך מרדכי חב"ד ז"ל

## מכתב ד.

לידידי הנחמד המופלג ומפורסם מהור"ר שלומיאל נ"י.

במכתבי האחרון, אין מיין לעצטען בריף האָב איך זיך אָבגעשטעלט ביי דעם, ווי דער מלאך המות איז אַריין צו מיר אין שטוב.

ווי איך האָב נאָר אַ קוק געטהון אויף איהם, האָב איך איהם תיכף ומיד דערקענט. איך האָב זיך פאַר איהם לגמרי נישט דערשראָקען. דאָס, וואָס אין די הייליגע ספרים איז בע- שריבען, אַז עס נעהמט אָן אַ פּחד און אַנ'אימה, אַז מ'גיט אַ קוק אויף דעם מלאך המות, זאָג איך דיר, שלומיאל, איז לא היה ולא נברא! ער איז אַ מלאך, ווי אַלע מלאכים, און פיהרט זיך אויף זעהר איידעל, פיל איידעלער, ווי למשל, דער מלאך דומה (וואָס דאַרפסטו מעהר, ער „איהרצט" יענע, ביי ווען ער נעהמט די נשמה). די גאַנצע שרעקעניש קומט דערפון, וואָס ביי איהם איז דאָ טויזענד אויגען, נאָר איך שוועהר דיר באמונתי, אַז דאָס איז גאָרנישט. אמת, ביים ערשטען בליק ווערט אַ בי- סעל נײַריקרע אויפ'ן האַרצען פון אַזוי פיל אויגען, נאָר אַז

מ׳קוקט זיך צו צו זיי, בעמערקט מען גלייך, אַז מיט אַלע טויזענד אויגען זעהט ער נישט מעהר און נישט ווייטער ווי אַ פּשוט׳ער מלאך מיט איין אויג. דער סוד דערפון בעשטעהט דערין, וואָס זעהן זעהט ער פאַר אַמאָל טויזענד זאַכען, אָבער טהון קאָן ער מיט אַמאָל נישט מעהר ווי איין זאַך, (וואָרום ווי עס איז ידוע, קאָן אפילו אַ מלאך נישט טהון פאַר אַמאָל קיין צוויי שליחות), און דערפון ווערט ער אָפט מבולבל און ווייסט נישט פאַרוואָס זיך פריהער צו כאַפּען. איך בין זיכער, אַז מענשען וואָלטען זיך וועניגער געשראָקען פאַר׳ן מלאך המות, וואָלטען זיי געקאָנט גאָר גרינג אַנטרונען ווערען פון זיינע הענד, און דוקא טאַקי מחמת דעם, וואָס ער האָט אַזויפיל אויגען.

ווי נאָר ער האָט אַריבערגעטראָטען די שוועל, האָט ער אַרויסגערעדט בלשון בעפעהל:

—מאָטקע חב״ד! גרייט זיך צו דיין פטירה! אין פיראונצוואַנציג רגע׳ס וועל איך דיר אָבטהון דיין רעכט!

איך בין נישט איבעריג נתפעל געוואָרן פון זיין באַפעהל און האָב זיך אָבגערופען:

—שאַ! וואָס האָסטו אַזוי קיין צייט נישט! וואָס ברענט דאָס? האָסטו געהערט אַ מעשה—אין פיראונצוואַנציג רגע׳ס!

—עס איז אַ גזר מן השמים!—האָט ער געענטפערט.

—הע,—זאָג איך,—נו, און אַז עס איז אַ גזר מן השמים, דאַרף דאָס אַזוי ברענען און פלאַקערן? איך האָב געזעהן, ווי אַ היבש ביסעל גזרות ווערען יאָהרען לאַנג נישט מקוים.

—דאָס זענען אַנדערע גזרות! די, וואָס איך בין מקיים, ווערען אין פיראונצוואַנציג רגע׳ס!—גיט ער מיר אַ תשובה.

—זאָג מיר אָקאָרשט, מלאך המות,—רוף איך זיך אָב ווייטער,—פאַר וועלכע חטאים האָב איך דאָס פערדינט אַזאַ שווערען עונש?

—פאַר דיינע פיינע גלייכווערטלעך אַנטקעגען דער פמילא של מעלה!

—פאַר וועלכע? פאַר די פורים׳דיגע?

—פאַר די פורים׳דיגע, פאַר די פורים׳דיגע! זעהסט, דו

ביזט אַליין גאַנץ קלאָר אין דיינע מעשים טובים!—רופט ער זיך אָב מיט אַ שמייכעל.

—אָבער אום פורים,—טענה איך ווידער,—איז דאָך נישט פערוועהרט זיך לוסטיג צו מאַכען, צו זינגען און צו גלייכ-ווערטלען זיך איבער וואָס מען וויל. עס שטעהט דאָך בפירוש, אַז אום פורים דאַרף מען קומען צו אַזאַ מדרגה, אַז מען זאָל נישט וויסען בין ארור המן לברוך מרדכי. הייגט וואָס האָסטו צו מיר פאַר אַ טענות? בערעכען אָקאָרשט, ווער איז אום פורים געזעסען אין דערהיים שטיל און רוהיג? אפילו די שענסטע און פרומסטע בעלי-בתים, נישט נאָר חסידים, אפילו מתנגדים, האָבען אי פורים, אי אפילו שושן-פורים געהוליעט, זענען אַרום-געגאַנגען מנינים׳וויינ איבער די גאַסען, האָבען געזונגען לידע-לעך, און יונגלעך האָבען אומגעטראָגען פאָהנען, גאָר ווי שמחת תורה. און איצט מיטאַמאָל, נאַ דיר אַ געשעפט, מען משפט דערפאַר!

—דו פערשטעהסט אַ האָר נישט די דרכים פון דער פמליא של מעלה!

—פערשטעהן, פערשטעה איך, האָב איך זיך אָבגערופען,— נאָר איך רעכען, אַז דאָס איז נישט גאָר על פי יושר.

—איז נישט על פי יושר,—האָט צוגעשטימט דער מלאך המות.

—וואַרט אַ רגע!—האָב איך מיט אַמאָל אויסגעשריען, פאַ-לענדיג אויף אַ סברא,—דאָס איז נישט נאָר געגען יושר, נאָר אפילו נישט על פי דין. ווי קומט מען מיך צו משפט׳ן פאַר מיינע זינד אין מיטען יאָהר? וואו איז דאָס געהערט געוואָרען? איך האָב געזינדיגט פורים—נו, נו וועט מען מיך אום ימים-נוראים משפט׳ן: ראש-השנה וועט מען שרייבען, יום-כפור וועט מען חתמ׳ענען, הושענא-רבא וועט מען לעגען אַ גמר-חתימה— אַלץ ווי געהעריג. און אַז מען וועט מיך דעמאָלט אָב׳משפט׳ן, וועסטו קומען נאָך מיין נשמה, און איצט זיי זיך מטריח, גע-געזונטערהייד!

דער מלאך-המות האָט אַ קוק געטהון אויף מיר פער׳חדוש׳ט און האָט זיך צולאַכט.

—דו ביזט אַפּנים די גאַנצע צייט געזעסען הינטער׳ן אויווען און נישט אַריינגעקוקט אין אַ ספר. ווי ווייסטו דאָס נישט, אַז עס איז מקובל געוואָרען אַ נייע הלכה וועגען פּסק-דינים. אָבוואַרטען פון איין יום-כפור ביז דעם אַנדערן איז צו לאַנג, האָט מען דערום געמאַכט אַ תקנה, אַז יעדער שר של מעלה האָט דעם רשות יעדע שעה און יעדע רגע אַרויסצוגעבען אַ גזר-דין.

—הייסט דאָס, אַז לית דין ולית דין? האָב איך אויסגעשריען צוקאָכט.

—וואָס עפּעס לית דין ולית דין?—האָט זיך אָבגערופען דער מלאך המות.—דער גזר-דין ווערט דאָך געשריבען אויף פּאַרמעט על פּי נוסח פון אַלע פּסק-דינים.

—וואָס איז מיר פון דעם פּאַרמעט און דעם נוסח, אַז דאָס איז נישט על פּי דין!—האָב איך ווייטער געשריען.

—נו, איז נישט על פּי דין, האָסטו ביי מיר אַנ׳עולה!—האָט זיך אָבגעזאָגט רוהיג דער מלאך המות און אַרויסגעצויגען דעם חלף...

דאָ מוז איך מפסיק זיין. נאָר-וואָס האָט מען מיר אָנגעזאָגט, אַז ערגעץ נישט ווייט, שוועבט אום הירשעל אָסטראָפּאָלי׳ער און דערצעהלט עפּעס אַ ניי גלייכוורטעל וועגען מלכת שבא׳ס מויל-שלעסער. איך מוז אַהין אַ שוועב טהון און אַ הער טהון.

ממני ידידך מרדכי חב״ד ז״ל.

## מכתב ה.

לידידי הנחמד, המופלג ומפורסם מוהר"ר שלומיאל נ"י!

והיום—און אצינד קום איך פארטצוזעצען דעם ספור וועגען מיין וכוח מיט דעם מלאך-המות.

אז איך האב איהם גענויט מודה צו זיין, אז א גזר פון א וועלכען עס איז שר של מעלה קאן נישט געגלכען זיין צו א פסק-דין פון בית-דין של מעלה, האב איך ווייטער גע'טענה'ט:

—ווי קאנסטו, מלאך-המות, זאגען אז דער גזר מוז תיכף ומיד מקוים ווערען,—אז דער בית-דין של מעלה קאן דאך איהם נאך ברעכען?

—קאנען, קאן ער, נאר ער מישט זיך נישט אין אזעלכע משפטים,—האט געענטפערט דער מלאך המות.

—ווי הייסט, ער מישט זיך נישט!—האב איך אויסגעשריען.—ער איז מחויב צו מישען זיך. שטעהט דען נישט בפירוש: ותשובה ותפילה וצדקה מעבירין את רוע הגזרה? אז תשובה, תפילה און צדקה ברעכען די שלעכטע גזרה? וואס? אפשר האט מען שוין דאס אויסגעמעקט פון פיוט? אדער מען האט דערויף געמאכט אויך וואסער ס'איז פשט'ל?

—מען האט דאס נישט אויסגעמעקט און מען האט דערויף קיין פשט'לעך נישט געמאכט, און פונדעסטוועגען וועלען דיר די אלע תרופות העלפען, ווי א טויטען באנקעס,—האט ער געענטפערט קאלטבלוטיג.

—האסט א גרויסען טעות!-בין איך געשטאנען אויף מיינס.—וועסט מיר נישט איינריידען, אז מיט א גוטער תפילה קאן מען נישט ברעכען א גזר-דין! א קלייניגקייט, א תפילה? ווייסטו ד'ען נישט, וואס פאר א שעהנע תפילות מיר האבען? דהיינו: כי לא תכפוץ במות המת כי אם בשובו מרדכי וחיה. דאס הייסט: דו ווילסט דאך נישט, דער שטערבליכער זאל שטארבען, נאר ער

זאָל זיך אומקעהרען פון זיינע וועגען און זאָל לעבען. און דערצו דאַרפסטו נישט פערגעסען, אַז מיר האָבען זעהר פיינע בעלי-תפילות, וואָס קאָנען מרעיש עולם זיין. און איך וועל טאַקי באַלד בעטען אונזער בעל-תפילה, ער זאָל נעהמען מתפלל זיין, וועסטו זעהן...

—שאַ, קאָך זיך נישט,—האָט מיך אָבגעשטעלט דער מלאך המות,—איך ווייס, אַז איהר האָט הויכע תפילות און פיינע בעלי-תפילות, נאָר דאָס איז אַלץ גוט פאַר די ימים-נוראים, אַז דער גאַנצער בית-דין של מעלה זיצט אונטער כסא הכבוד און משפט. אַז פון זיין רעכטער האַנד שטעהט אַ מחנה פון מליצים און פון זיין לינקער האַנד—כתות פון מקטרגים, אָט דעמאָלט ווערט אָנגענומען יעדע תפילה, יעדער אות, פינטעלע; אָבער ביי אַ גזר-דין איז גאָר אַנ'אַנדער זאַך. דיין תפילה וועט זיך געהן צום הימעל, נאָר ביז זי וועט אַהין אָנקומען, ביז מען וועט זי צונעהמען, ביז מען וועט אויף איהר געבען אַנ'ענטפער, וועסטו צייט האָבען צו צורייסען שעהנע עטליכע פאָר תכריכים.

—נו, גוט, לאָז זיין ווי דו זאָגסט,—האַק איך איהם איבער די רייד,—און צדקה? פאַרוואָס וועט מיר קיין צדקה נישט העלפען? איך בין אפילו אַ קבצן, נאָר וואָס טהוט מען נישט כדי צו דערהאַלטען די נשמה אין גוף? איך וועל דאָס לעצטע העמד פערזעצען און וועל אַוועקגעבען אויף פדיון הנפש.

—ביזט אַפנים, טאַקי אַ גרויסער פרא אדם,—האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט דער מלאך המות.—דו ווילסט מיט אַ קבצנ'יש העמד אויסקויפען זיך פון מיינע הענד, בשעת דער חלף ליגט שוין ביי דיר אויפ'ן האַלז! שוטה, כדי אָבצושטעלען דורך צדקה אַ גזר-דין, וואָס דאַרף מקיים ווערען אין פיראונצוואַנציג רגע'ס, דאַרף מען האָבען מטמונים מיט געלד, תרפ"ט אלפים מיט רענדלעך. אי דאָס, וועל איך דיך, פערשטעהט זיך, נישט לאָזען פריי. אַלץ, וואָס עס איז אין מיין רשות, איז מעהר נישט, אַריינברענגען דיך אויף אַ צייט אין הינהערפלעט, כדי דיין ווייב זאָל צייט האָבען צו רייסען קברים און אויסמעסטען דעם בית-עלמין און באָכדעם וועל איך ביי דיר פאָרט צונעהמען די נשמה.

—שאַ! שרעק מיך נישט מיט תּרפּ״ט אלפים רענדלען!—האָב איך זיך אָבגערופען.—עס פערשטעהט זיך, אַז אַזאַ מטבע האָבען, נישט אָבות אָבותי, נישט איך אין די אויגען נישט געזעהן, נאָר נישט פערגעס, אַז מיר האָבען אַ דאַנק גאָט, רייכע יודען, אַדירים, אַ מין ראָטשילד, פאַר וועלכע תּרפּ״ט אלפים רענדלען איז נישט קיין גרויסע מטבע.

—איז וואָס מיינסטו? זיי וועלען דיר אויסהעלפען?

—ווי דען?—האָב איך אויסגעשריען.—וואָס, ראָטשילד איז אַנ׳עם-הארץ? ער ווייסט נישט, אַז ער איז על פּי דין מחויב אויסצולייזען אַ יודישע נשמה, וואָס שטעהט אין סכּנות? איך בין זיכער, אַז ער געדענקט גאַנץ גוט, אַז כּל ישראל זענען חברים, און וועט גלייך אָבצאָהלען די מזומנים, ווי איך וועל נאָר אַ בעט טהון... איז, זיי מוחל, ציה-אויף דאָ אַ רגע, איך וועל צו איהם אַ שפּרונג טהון און וועל ביי איהם אַ כאַפּ טהון די מטבע.

—אַנ׳אומזיסטע טרחה!—האָט זיך אָבגערופען דער מלאך המות.—איך קען גוט די יודישע גבירים (געזונד זאָלען זיי זיין!) און קאָן דיר פערזיכערן, אַז קיינער פון זיי וועט נישט געבען קיין פּרוטה אחת כּדי אויסצולייזען פון מיינע הענד אַ יודען, וואָס גלייכווערטעלט זיך, זיי וועלען גיכער אויסהעלפען אַ גוי, וואָס זאָגט תּהלים, איידער אַ יודען, וואָס מאַכט פון אַלץ לצנות.

—בלייבט, הייסט דאָס, תּשובה?—רוף איך זיך אָב.—נו, לאָז זיין תּשובה... אָשמנו בּגדנו... און איך האָב זיך אָנגעהויבען צו שלאָגען אין האַרצען על חטא.

—לאָז צו רוה דעם על חטא!—האָט מיך אָבגעשטעלט דער מלאך המות.—איצט וועט דיר נישט העלפען נישט קיין אָמן בכל כּחך, נישט קיין על חטא. איצט האָט מען ביי אונז איינגעפיהרט אַנ׳אַנדער מין תּשובה. אויב דו ווילסט, אַז מען זאָל ברעכען דיין גזר דין, ברענג אַהער דיינע קינדער, דיינע קרובים און אוהבים און זיי זיך מתודה אויף זייערע זינד, און אַז איך וועל זיי אַלעמען האָבען אין די הענד, וועל איך ,עמאָלט זעהן, אפשר וועל איך דיר שענקען דאָס לעבען נאָך אויף אַ פּאָר רגע׳ס..׳

—געה צו אַלדע שוואַרץ יאָהר, מיט דיין תשובה, מלאך המות!—האָב איך אויסגעשריען מיט כעס.

—אַהין וועל איך אַלצאיינס געהן,—האָט ער מיר געענט-פערט.—נאָר פריהער וועל איך פונדעסטוועגען ביי דיר צונעה-מען די נשמה...

...דאָ מוז איך מפסיק זיין: עס איז שוין שפעט ערב שבת און מען פערשליסט דעם גהנום. אי"ה אין אַ וואָך אַרום וועל איך דיר שרייבען, וואָס איז ווייטער געוועזן.

ממני ידידך מרדכי חב"ד ז"ל.

## מכתב ו'.

לידידי הנחמד המופלג ומפורסם מהור"ר שלומיאל נ"י.

ואני מאריך—און איך נעהם זיך ווידער ממשיך צו זיין דעם ספור וועגען מיין וכוח מיט'ן מלאך המות.

אַז איך האָב דערזעהן, אַז ס'האַלט שלעכט און דער חלף ליגט שוין ביי מיר אויפ'ן האַלז, בין איך געפאַלען אויף אַ נייער המצאה.

—דו זאָגסט,—האָב איך זיך אָבגערופען,—אַז דער גזר-דין מיינער איז געשריבען אויף פאַרמעט און על פי נוסח פון אַלע פסק-דינים? ווייז מיר אָקאָרשט איהם אַ קוק צו טהון?

—מיט דעם גרעסטען כבוד,—האָט ער געענטפערט און דערלאַנגט מיר דעם פאַרמעט.

איך האָב אַהין אַריינגעקוקט און האָב אויסגעשריען:

—סטייטש, דאָ שטעהט דאָך געשריבען, אַז דו ווערסט געשיקט צו נעהמען די נשמה פון ר' מרדכי בן ר' זעליג חב"ד מווילנא, היינט וואָס-זשע ביזטו געקומען צו מיר?

—ווי הייסט וואָס בין איך געקומען צו דיר?—האָט ער זיך אָבגערופען פערוואונדערט,—וואוהין דען זשע האָב איך געזאָלט געהן? דו ביזט דאָך מרדכי בן ר' זעליג חב"ד מווילנא.

—נישט געשטויגען און נישט געפלויגען!—האָב איך גע-
ענטפערט פעסט.—איך בין נישט מרדכי, איך בין נישט ב"ר זע-
ליג, איך בין נישט חב"ד און איך בין נישט פון ווילנא.

—ווער זשע דען ביזטו?

—איך בין אַלטער ב"ר חיים כץ מדובראָוונע!—און אויב
דו גלויבסט מיר נישט, קאָן איך דיר גלייך ווייזען אַ מעטריקע!

—אַ! עס הויבען זיך אָן די ליבהאַרציגע יודישע שטיק!—
צוגעלעגטע נעמען! פאַלשע מעטריקעס!—האָט אויסגעשריען מיט
כעס דער מלאך המות.

—געה, דערוויז אַז פאַלשע,—האָב איך איהם געענטפערט
קאַלטבלוטיג.

—אַ מחיה'דיגע זאַך האָבען מיט אַ יודען אַ געשעפט!—
האָט ער ווייטער געטענה'ט צוהיצט.—אַליין האָט ער נאָר-וואָס
געשריען וועגען דין, געקאָכט זיך, געפילדערט, און איצטער
שפּרינגט ער אַרויס מיט אַ פאַלשען נאָמען און מיט אַ פאַלשער
מעטריקע. וואָס, דאָס איז על פי דין?

—וואָט דרעהסטו מיר אַ ספּאָדיק: דין-סמין!—האָב איך
איהם איבערגעהאַקט די רייד.—איך וויל גאָר מיט דיר קיין
וכוחים נישט האָבען און איך האָב קיין צייט נישט מיט דיר
צו פערברענגען. געה זיך געזונטערהייד און זוך דיר דיין מאָט-
קע חב"ד דעם לץ, און מיך, אַלטער כץ, לאָז צו רוה. און איך
האָב טאַקי קיין צייט נישט, איך וועל איבער דיר פערשפּעטי-
גען סליחות.

און איך האָב אויסגעשטרעקט די האַנד צום וואַנד, כדי
אַראָפּצונעהמען דעם טלית און תפילין.

נאָר דער מלאך המות האָט מיך אָפּגעשטעלט.

—שאַ, אייל נישט, ר' אַלטער ב"ר חיים!—האָט ער זיך
אָפּגערופען פערביסען.—נישט מיין, אַז דו האָסט זיך שוין אויס-
געדרעהט פון מיינע הענד. מיר זענען נאָך אויך נישט אַזעלכע
טפשים, ווי דו מיינסט, מיר האָבען שוין געפונען אַ תרופה
אַנטקעגען צוגעלעגטע נעמען און פאַלשע מעטריקעס אויך. אַנו,
זאָג אָקאָרשט, ווי רופט מען דיך? מה שמך?

—אַלטער ב״ר חיים כּץ מדובראָוונע!

—זעהר פיין,—האָט ער געענטפערט רוהיג, האָט אַ זוך געטהון ביי זיך אין בוזעם-קעשענע, אַרויסגעצויגען פון דאָרט אַ פּאַרמעט און דערלאַנגט מיר.

—אָט האָסטו אַ גזר-דין אויף אַלטער ב״ר חיים כּצ׳ס נאָמען! נו, איצטער ביזטו קאָנטעט?

איך האָב אַריינגעקוקט אין פּאַרמעט און מיר איז פינסטער געוואָרען אין די אויגען.

—סטייטש! ווי קומט דאָס?—האָב איך אויסגעשריען.

—אָט אַזוי קומט דאָס! גאָר פּשוט! מיר גרייטען צו גזר-דינים פאָראויס אויף אַלע מינים נעמען, וואָס זענען נאָר פערהאַן אין דער וועלט—און אַז ס׳קומט צו דער זאַך, איז ביי מיר קיינמאָל קיין מניעה נישטאָ אָן אַ גזר-דין. דו פערשטעהסט?

—אוי, ווי איך פערשטעה נאָך!—האָב איך געענטפערט מיט אַ ביטערן זיפץ.

—נו, איז אויב דו פערשטעהסט, טאָ מאַך נישט קיין שהיות, דערלאַנג די נשמה; דיר איז געבליבען נאָר אַ פּאָר רגע׳ס!

ביטער איז מיר געוואָרען אויפ׳ן האַרצען און איך האָב אָנגעהויבען צו טענה׳ן:

—ווי הייסט עטליכע רגע׳ס! וואָס וועל איך קאָנען אויספיהרען אין אַזאַ קורצער צייט? איך וועל קוים צייט האָבען אָבצוזאָגען וידוי, היינט ווען וועל איך זיך געזעגענען מיט ווייב און קינדער, ווען וועל איך זיי בענשען?

—על פי הדחק,—האָט מיר געענטפערט דער אכזר,—קאָן מען אויסקומען אָהן געזעגענישען אויך.

—סטייטש! דאָס לעצטע מאָל דאָך!—האָב איך אויסגעשריען.

—וואָס עפּעס דאָס לעצטע מאָל?—האָט ער מיך גענומען בערוהיגען.—דאָס ווייב און די קינדער וועלען דאָך קומען צו דיר אויפ׳ן בית-עולם.

—אַ פיינער זעהן-זיך אויפ׳ן בית-עולם!—איך וועל ליגען

אונטער אַ באַרג ערד און וועל אפילו זייערע ליכטיגע פנימ׳ער נישט זעהן?

—נויטיג דאַרפסטו זעהן זייערע פנימ׳ער! וואָס אַרט דיך, אַז דו וועסט אויסהערען זייערע בכיות. וועסטו נישט זעהענדיג, גוט פערשטעהן, וואָס פאַר אַ פנימ׳ער זיי קאָנען האָבען.

—אָבער געוואַלד!—האָב איך ווייטער גע׳טענה׳ט,—ווי האָסטו דאָס אַ האַרץ אָבצורייסען אַ יודען פון זיין משפחה, פון ווייב און קינדער, פון אַ קנעלונג, פון אַלץ! ביזט דאָך חס ושלום נישט קיין טאָטער!

—אָט הויבט זיך אָן מיט אַ יודען,—האָט ער אויסגערופען נישט קאָנטעט.—אַז איך נעהם נשמות ביי יונגעלייט, שרייט מען כּכרוכיא: „סטייטש! די רציחה! יונגע קינדער! תינוקות של בית רבן!״ און אַז איך טרעט צו צו עלטערע יודען, האָט מען צו מיר ווידער טענות: דאָס ווייב, די קינדער, די אייניקלעך! נו, זאָג, אדרבה, ווער איז דיר שולדיג, וואָס דו האָסט זיך אַזוי לאַנג פערלעבט? וואָלסט שטאַרבען אין דער יוגענד, וואָלסטו פערשפּאָרט אַ טרחה צו שטאַרבען אויף דער עלטער.

—אָ-אוי, טוב לו לאדם שלא נברא!...—האָב איך אַרויסגערעדט מיט אַ טיפען זיפץ און האָב זיך צעוויינט.

אַפּנים דעם מלאך המות האָט דאָס אַ ביסעל דערנומען און ער האָט זיך אָבגערופען אַ ביסעל ווייכער:

—שוטה! וואָס וויינסטו? איך זאָג דיר, דו וועסט אפילו נישט מרגיש זיין, ווי די נשמה וועט ביי דיר אַרויס! דו בערעכען אָקאָרשט, אויף וואָס האַלט זיך ביי דיר די נשמה? אויף אַ האָר! נישט פערגעס, אַז איך בין אַ גרויסער מומחה און אַז דו וואָלסט נישט מאַכען קיין עסקים, וואָלט איך דיר שוין לאנג אָבטהון דיין רעכט און דו וואָלסט איצט געווען אַ פרייער פויגעל...

ער האָט אַ שאַרף געטהון דעם חלף און מוסף געוועזן:

—נעכטען בין איך געקומען צו אַנ׳אַלטען מלמד נעהמען די נשמה. אַז ער האָט מיך דערזעהן, האָט ער זיך צעקלאָגט, האָט געכאַפּט דעם מעבר יבוק, האָט אָנגעהויבען שרייען „שמע

ישראל!״ און אַז עס איז געקומען צו דער זאַך, האָט זיך אַרויס-געוויזען, אַז ער האָט קיין כח נישט געהאַט אפילו צו שטאַר-בען און איך האָב נאָך געמוזט איהם געבען אַ ביסעל חיות, אַ ביסעל קוויקעניש, ער זאָל כח האָבען צו שיידען זיך מיט דעם צעוועהטאָגטען שטיקעל נשמה.

ביי די ווערטער האָט ער מיך אָנגענומען ביי דער גרגרת און האָט אויסגעשטרעקט די האַנד מיט'ן חלף...

דאָ בין איך מפסיק. אי״ה די קומענדיגע וואָך וועל איך ממשיך זיין מיין סיפור.

ממני ידידך מרדכי חב״ד ז״ל.

## מכתב ז.

לידידי הנחמד המופלג ומפורסם, מוהר״ר שלומיאל נ״י

כאשר כתבתי לך—ווי איך האָב דיר שוין געשריבען במכתבי האחרון, אין מיין לעצטען בריף, האָט דער מלאך המות שוין צוגעגרייט זיך אָבצוטהון מיר מיין רעכט. ער האָט מיך שוין אָנגענומען פאַר'ן גרגרת און אויפגעהויבען דעם חלף, נאָר איך האָב איהם אָנגעכאַפּט פאַר'ן האַנד און אויסגעשריען:

—נאָך אַ רגע! איך האָב דיר צו זאָגען עפּעס וועגען אַ זעהר וויכטיגען ענין.

—וואָס ווייטער? ווידער וועלכע עס איז טענות? גענוג! איך האָב קיין צייט נישט,—האָט ער געענטפערט.

—נישט קיין טענות. איך וויל דיך מעהר נישט, פרעגען וועגען אַנ'ענין, וואָס איז שייך צו דיר אַליין.

דער מלאך המות האָט מיר אָבגעלאָזט די גרגרת, האָט אָבגעפיהרט דעם חלף און געזאָגט:

—נו, פרעג, אָבער בקיצור, אָהן מליצה, אָהן הקדמות און צו דער זאַך!

—פערשטעהסט מיך, מלאך המות,—האָב איך אָנגעהויבען,—

איך ווייס נישט, צי איך וועל זיך נאָך ווען עס איז מיט דיר זעהן. וואָלט איך וועלען פאַר דעם אָבשיידען זיך פון דיר, דער-געהן אויף ריכטיג, צי איז דאָס אמת וואָס מען דערצעהלט וועגען דיר אין אונזער עולם התהו?

—וואָס אַזוינס דערצעהלט מען וועגען מיר?—האָט ער אויסגערופען מיט אַ שטיקעל אימפּעט. אדרבה, אדרבה, דערצעהל, לאָמיך הערען!

אַז איך האָב דערזעהן, דאָס מיינע רייד האָבען געמאַכט אַ רושם אויפ׳ן מלאך המות, האָב איך זיך אָבגערופען:

—גוט צו זאָגען: דערצעהל! ביי מיר האָט איבערגעטרי-קענט אין האַלז, וועסט מוחל זיין וואַרטען אַ ווייל׳ע, איך וועל אָבדאַווענען פון פאָרענט וועל איך דורכנעצען דעם האַלז מיט אַ גלעזעלע וואַרעמס, נאָכדעם וועל איך דיר דערצעהלען.

—ביזט משוגע, צי חסר דעה?—האָט מיר איבערגעשלאָגען די רייד דער מלאך המות.—ווי ווילסטו דאָס נאָך וידוי טרינקען? האָסטו דען פערגעסען, אַז צווישען וידוי און שטאַרבען איז פער-באָטען צו עסען און צו טרינקען?

—אמת, דאָס איז מיר גאָר פון זינען אַרויס,—האָב איך געענטפערט מיט אַ זיפץ.—נו, טאָ הער, וואָס איך וועל דיר דערצעהלען. אָבער איך נעהם מיט דיר אויס אַ תנאי, זאָלסט קיין פעראיבעל נישט האָבען, אויב איך וועל דיר פוגע בכבוד זיין מיט מיין סיפור.

—איך בין נישט קיין קפדן,—האָט ער געענטפערט מיט אַ שמייכעל.

—מען דערצעהלט וועגען דיר,—האָב איך אָנגעהויבען,—אַז אין דער יוגענד האָסטו חתונה געהאַט, און עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזען, אַז דיין ווייב איז אַ מורא׳דיגע ארורה...

—וואָס הייסט אַנ׳ארורה...—האָט אַרויסגערעדט דער מלאך המות, אַראָבלאָזענדיג אַ ביסעל פערשעמט אַלע טויזענד אויגען.—גאָרנישט קיין ארורה... גלאַט, זי איז געווען זיך, ווי זאָגט מען דאָס, אַ ביסעל נערוועז... אַ ביסעל היסטעריש...

—מען דערצעהלט ווייטער, אַז דו האָסט סוף כל סוף פון

איהר נישט אויסגעהאַלטען און ביזט אַנטלאָפען וואו פעפער וואַקסט.

—כזב ושקר!—האָט ער זיך אָבגערופען.—איך בין גאָר־נישט אַנטלאָפען. מיר זענען זיך פשוט פונאַנדערגעגאַנגען און איך בין אַוועקגעפאָהרען אָברוהען זיך אַ ביסעל אַהין וואו פעפער וואַקסט. דאָרטען איז דער קלימאַט זעהר אַנ׳איידעלער...

—נו, ווי די מעשה איז, נאָר איהר האָט זיך געשיידט. זי איז געבליבען פון דיר מעוברת און האָט געהאַט אַ זוהן, וועלכער איז אויסגעוואַקסען אַ לא יצלח. אַז ער איז צוגעשטאַנען צו דיר דו זאָלסט איהם געבען אַ וועלכע עס איז פרנסה, האָסטו איהם געהייסען ווערען אַ רופא און האָסט איהם אָנגעזאָגט אַ סימן, אַז בשעת ער וועט קומען צו אַ חולה, זאָל ער די ערשטע זאַך אַ קוק טהון, וואו דו שטעהסט: שטעהסטו צוקאָפּענס, זאָל ער זאָגען, אַז עס איז קיין שום תרופה נישטאָ און זאָל פאַר קיין שום געלד נישט אָננעהמען זיך היילען, שטעהסטו צופוסען—זאָל ער זיך זיכער אָננעהמען, און וואָס פאַר אַ רפואה ער וועט דעם חולה נישט געבען, וועט יענער אַלצאיינס געזונדט ווערען. ער האָט אַזוי געטהון און האָט בעקומען אין דער וועלט אַ שם פאַר דעם גרעסטען רופא. ויהי היום—איז קראַנק געוואָרען דעם מלכ׳ס איינציגע טאָכטער און דער מלך האָט געלאָזט אויסרופען אין אַלע מדינות, אַז ווער עס וועט אויסהיילען די בת־מלכה, וועט ער יענעם אַוועקגעבען אַ האַלבע מלוכה און די בת מלכה פאַר אַ ווייב, און אויב עמיצער וועט זיך אָננעהמען און נישט אויסהיילען, וועט מען יענעם קעפען. און ווי דיין זוהן האָט דאָס דערהערט, איז ער אַוועק צום מלך און האָט זיך אָנגענומען אויסהיילען זיין טאָכטער, נאָר אַז מען האָט איהם אַריינגעפיהרט צו איהר אין חדר, האָט ער דערזעהן אַז דו שטעהסט ביי איהר צוקאָפּענס. ער האָט אָנגעהויבען זיך בעטען ביי דיר, דו זאָלסט אַוועקגעהן. נאָר וויפיל ער האָט זיך נישט געבעטען, האָסטו זיך נישט גערירט פון אָרט. נאָר מיטאַמאָל האָט ער אַ געשריי געטהון: „טאַטע! די מאַמע געהט!!"—און דו ביזט אַנטלאָפען.

דער מלאך המות האָט מיך אויסגעהערט מיט אַראָבגעלאָזענע אויגען און האָט שטיל אַרויסגעמורמעלט:

—די מעשה איז כמעט אינגאַנצען אמת, נאָר איך בין נישט אַנטלאָפען... גלאַט, מיר האָט זיך נישט געוואָלט ווידער בעגעגענען זיך מיט איהר, האָב איך געגעבען דריי שפּיי און בין אַוועקגעגאַנגען.

—איך האָב אַליין אויך גערעכֿענט, אַז דו ביזט נישט אַנטלאָפען, נאָר האָסט געגעבען דריי שפּיי און אַוועקגעגאַנגען,—האָב איך איהם נאָכגעגעבען.—נאָר חוץ דעם, איז הייסט דאָס, די מעשה אַנ'אמת'ע?

—הלואי וואָלט דאָס אַזוי נישט זיין אַנ'אמת, ווי דאָס איז אַנ'אמת,—האָט ער אָבגעזיפצט.

—און זאָג מיר,—האָב איך מאריך געווען,—איך האָב נאָך געהערט זאָגען, אַז אַצינד געפינט זיך דיין פלונית'טע גאָרנישט וויים פון דאַנען, מיט אַ האַנד צו דערלאַנגען, און זי קאָן יעדע רגע אַריינגעהן אַהער אין שטוב. וואָלט אפשר גלייכֿער געווען דו זאָלסט נישט מאַכֿען קיין שהיות און זאָלסט בעצייטענס געבען דריי שפּיי און אַוועקגעהן?

—אַ גרויסען דאַנק פאַר אַ פריינדליכֿער עצה,—האָט ער זיך אָבגערופען מיט אַ פערביסענעם שמייכֿעל.—נאָר איך קאָן דיך בערוהיגען. איצט מאַכֿט מיר נישט אויס מיט איהר צו בעגעגענען זיך. מיר זענען שלום געוואָרען.

—ווי אַזוי?—האָב איך מיך פערוואונדערט.

—גאָר פשוט, דער זוהן האָט געמאַכֿט צווישען אונז אַ גוט לעבען. פערשטעהסטו מיך, בשעת ער האָט אויסגעהיילט די בת מלכה, האָט מען איהם אַ ביסעל אָבגענאַרט. מען האָט איהם די בת מלכה נישט אָבגעגעבען פאַר אַ ווייב, נישט געשענקט קיין האַלבע מלוכה, גאָר און גאָר האָט מען איהם געמאַכֿט פאַר אַ שני למיניסטער, פאַר אַ מין שר האופים. דעמאָלט האָט ער אַוועקגעוואָרפען זיין דאָקטאָריע און אָנגעהויבען פיהרען געשעפטען מיט תבואה. די מאַמע האָט ער גענומען צו זיך. דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז טיף אין האַרצען האָט זי מיך ליב געהאַט.

זי האָט דעם זוהן געגעבען אַנ׳עצה, אַז ער זאָל זיך נעהמען פערגרינגערן מיר די מלאכה אויף די עלטערע יאָהרען. זי האָט גוט געוואוסט, אַז שווערער פאַר אַלץ, קומט מיר אָן אַרויסצוּבעקומעז די נשמה ביי אַ פויער, האָט זי איהם געגעבען אַנ׳עצה אָנצוהויבען צושטעלען תבואה פאַר הונגעריגע פויערים, און בזה האופן צוגרייטען זייערע נשמות, אַז זיי זאָלען זיך גרינג שיידען מיט׳ן גוף. וכך הוה. זינט ער האָט זיך גענומען דערפאַר, איז מיר די מלאכה אין די דערפער געוואָרען כמעט אַזוי גרינג, ווי אין די יודישע שטעדט. איך זאָג דיר אַ חיות, בנאמנות! איידער איך קום נאָך, ליגט שוין דער פויער מיט אַנ׳אָפענעם מויל מוכן ומזומן אָבצוגעבען מיר זיין שטיקעל גוי׳שע נשמה. פון דעמאָלט אָן איז געוואָרען אַ שלום צווישען מיר און מיין פלונית׳טע.

—אַזוי איז די מעשה?—האָב איך זיך אָבגערופען,—נו, און צי קאָנסטו מיר אפשר נישט זאָגען, ווער האָט דיר פערגרינגערט די מלאכה, בשעת צונעהמען די נשמות פון הערצער...

איך האָב קיין צייט נישט געהאַט גומר צו זיין מיינע ווערטער, ווי איך האָב מיטאַמאָל דערפיהלט אַ מין געגעץ-ציה אין אַלע אברים, אין די אויגען איז מיר געוואָרען ליכטיג, ווי עס וואָלטען זיך אָנגעצונדען אַ שאָק מנורות, אין די אויערן האָבען אָנגעהויבען קלינגען תקיעות און תרועות. איך האָב דערפיהלט דעם ריח פון שטאַרקען ווייררויך און אין מויל, דעם טעם פון מים המאררים. איך האָב געגעבען אַ שטאַרקען נאָס—און פערטיג!... איך בין שוין געווען צוטיילט אויף צוויי, דער גוף איז געלעגען אויף דער ערד און די נשמה האָט אומגעשוועבט אין ספרים-אַלמער און געזוכט דורך וואַנען אַרויסצורייסען זיך פון שטוב...

אין דעם קומענדיגען בריף וועל איך דיר בעשרייבען וואָס מיט מיין נשמה האָט פאַסירט באַלד נאָך מיין פטירה.

ממני ידידך מרדכי חב״ד ז״ל.

# מכתב ח.

לידידי הנכבד הנחמד, המופלג ומפורסם מוהר״ר שלומיאל נ״י.

וכאשר יצאה נשמתי—און ווי נאָר פון מיין גוף איז אַרויס די נשמה, אַזוי האָט זי באַלד דערפיהלט, אַז אין שטוב איז פינסטער, ענג, שמוציג און עלענד, און האָט אָנגעהויבען רייסען זיך אַרויף, צום טיפען הימעל, צו דער זון און די שטערן, צום ליכטיגען כסא הכבוד. נאָר אַז זי האָט אַ קוק געטהון אַראָב, אויף דעם גוף, האָט איהר אָנגענומען אַ מאָדנער צער.

איך קאָן זיך נישט בערימען, אַז בשעת׳ן לעבען בין איך געווען אַ גרויסער סמעליאַק, צי אַנ׳איבעריגער מזיק. איך בין זיך געווען אַ שטילער און אַ מעסיגער יודישער לץ. פונדעסטוועגען האָב איך אין זיך געהאַט אייניגע תנועות פון אַנ׳איש מלחמה, פון אַ שטיקעל גבור: אַז מען פלעגט זיך נאָר אָנצילען צו געבען מיר אַ קלאַפּ, פלעג איך גלייך אויסשטעלען דעם עלענבויגען; אַז מען פלעגט מיך שלאָגען, פלעג איך וויינען און אַנ׳אַנדערש מאָל אפילו שרייען. אַז מען פלעגט מיך אַרומשטעקען מיט פעדערן, פלעג איך ווייזען אַז איך בין ברוגז און אָפטמאָל אפילו ענטפערן מיט אַ קללה, און (האָב קיין פּאַראיבעל נישט), אַז מיר פלעגט בייסען, פלעג איך זיך קראַצען. אין דעם אַלעם, פערשטעהט זיך, האָט נישט געשטעקט קיין גרויסע גבורה, נאָר פונדעסטוועגען זענען דאָס פּאָרט געווען תנועות פון אַ מענשען. און דאָ איז מיטאַמאָל מיין גוף געבליבען ליגען אַ שטומער, אַ טויבער, אַנ׳אָבהענדיגער, אָהן אַ שום תנועה, אָהן אַ שום חוש, כאָטש שפּאַר מיט איהם אונטער אַ פּאַרקאַן. און די נשמה האָט זיך פערקוקט מיט אַנגסט אויף איהר אָרימען שותף און איז געבליבען אין שטוב, ביז מען האָט איהם אָבגעטהון זיין רעכט. זי האָט אויסגעהערט אַלע יללות פון מיין אלמנה און די יתומים, פון די גוטע פריינד און קלאָג-מוטערס; האָט

אויסגעהערט אַלע בקשות, מיט וועלכע מען האָט זיך צו איהר געווענדט, האָט גוט איינגעַ׳חזר׳ט פאַר וועמען צו זיין אַ גוטער בעטער, מיט וועמען זיך צו זעהן אויף דעם עולם האמת, און אויף וועלכע אומגערעכטיגקייטען זיך צו קלאָגען. און אַז מען האָט דעם גוף אַריינגעלעגט אין אָרון און אַרויסגעטראָגען פון שטוב, איז זי גלייך נאָך איהם אַרויסגעפלויגען.

זי האָט זיך אַ לאָז געטהון ווי אַ פייל פון בויגען אַרויף, אין הימעל גלייך צום כסא הכבוד. זי איז געפלויגען מיט אימ-פעט און מיט רוגזא. זי האָט געטראָגען מיט זיך אַ גאַנץ יודיש לעבען, אַ ביטערס און אַ פינסטערס, דורכגעדרונגען מיט צער, דחקות, חרפה און רדיפות; געטראָגען בערג מיט טענות און קשיות; געטראָגען גאַנצע לאָגלען מיט נישט אויסגעוויינטע טרעה-רען, הויפענס מיט זיפצען, טייכען מיט זודיגען בלוט. זי האָט זיך געאיילט וואָס גיכער צו קומען צום זיבעטען הימעל און מיט אַנגסט און צאָרן אַ וואָרף טהון דאָס אַלץ צום שוועל פון כסא הכבוד און אַ געשריי טהון דעם כביכול: זעה, וואָס אין דיין וועלט טהוט זיך!! און זי איז געווען זיכער, אַז דאָס וועט מאַכען אַ רושם אין אַלע הימלען, וועט אַרויסרופען אַ גערודער אין אַלע עולמות, און אַלע מלאכים און שרפים, וואָס קאָמאַנדע-ווען אין אייער עולם התהו, וועלען אַרויסגערופען ווערען צום שרעקליכען דין והחשבון און עס וועלען מקוים ווערען די היי-ליגע ווערטער פון „ונתנה תוקף": „ומלאכים יחפזון וחיל ורעדה יאחזון, ויאמרו הנה יום-הדין, לפקוד על צבא מרום בדין, כי לא יזכו בעיניך בדין". דאָס הייסט: „און די מלאכים וועלען אָנ-הויבען איילען, און זיי וועט אָננעהמען אַ ציטערניש און אַ פלאָ-טערניש און זיי וועלען זאָגען: אָט איז דער טאָג פון משפט געקומען צו דערמאָהנען זייערע מעשים נאָכ׳ן דין נאָך, ווייל אין דיינע אויגען וועט קיינער פון זיי נישט גערעכט בלייבען אין דין".

זי איז געפלויגען אַלץ העכער און העכער. די ערד אונ-טער איהר, ווייט-ווייט, אַ קליינינקע און אַ פער׳חושכ׳טע, האָט אויסגעוויזען ווי אַנ׳אַלטער פערשמאָלצענער ארבע-כנפות, וואו

דער חלל אין מיטען האָט פאַרגעשטעלט דער ים הגדול. שטענדיג האָבען אויסגעוויזען ווי אַרבעס, לענדער—ווי אָבגעריסענע בלעט-לעך פון בוימער, טייכען—ווי פעדים פון ציצית.

אין אָנהויב איז זי אַ קורצע צייט געפלויגען אַליין, נאָר באַלד האָט זי דערזעהן אַרום זיך גאַנצע כּתּות פון חברים, וועלכע האָבען זי אָנגעיאָגט. אַרום איהר, העכער, נידעריגער און פון אַלע זייטען, זענען געפלויגען אויך צום כּסא הכּבוד, נאָך אַנדערע נשמות, אַלטע און יונגע, מיאוסע און שעהנע, שמוציגע און ריינע. זיי אַלע זענען אויך געפלויגען מיט צער און רוגזא און האָבען מיט זיך געטראָגען פעק מיט טענות, נאָכדעם האָבען זיך בעוויזען גאַנצע מחנות מיט מלאכים, וואָס האָבען מיט אימ-פעט געטראָגען תּפילות, זיפצען, קרעכצען, אמן'ס, פרומע רעיונות, הרהורי תשובה און אַלערליי מעשים טובים. און גלייך נאָך זיי האָבען זיך געטראָגען אַנדערע שוואַרצע און ווילדע מחנות פון מקטרגים און שטן'ס, וואָס האָבען מיט אַ בייזען גע-לעכטער געשלעפּט נאָך זיך שלעכטע הרהורים, נבול-פּה-ווערטער, זינדיגע מעשים, שמייכלען פון חניפה און בליקען פון שנאה. און צווישען זיי האָבען זיך אומגעטראָגען, אָהן מלאכים און אָהן מקטרגים, עלענדע, ווי דורכ'ן ווינד פון אַ בוים אַראָבגע-ריסענע בלעטלעך, ברכות און קללות, שבועות און חרמות, טראָ-פענס בלוט און טרעהרען און שוויס, שטומע בליקען אין הי-מעל פון ליידענדע, שטילע כליפּענס פון פערשמאַכטע קינדערשע ליפּעלעך און אַ שרעקליך האַלב פערשטיקט איבערגעריסענער געשריי פון דער גאַנצער ערד, וואָס פערכליינעט זיך אין בלוט.

און וואָס ווייטער די נשמה מיינע איז געפלויגען, איז אַרום איהר געוואָרען אַלץ ענגער און געדיכטער, אַלץ שטאַר-קער, הילכיגער און שטורעמדיגער, דער רעש און דער גערודער. עס האָט געקאָכט ווי אין אַ קעסעל. מען האָט זיך שוין גע-שטויסען, געשטיקט און מיט גרויס מיה און פּיין געצויגען ווי פון פעך אין דער הויך. נאָך אַ ווייַלע, און זי איז שוין גע-ווען צונויפגעדריקט, צונויפגעפּרעסט צווישען אלפי אלפים און רבי רבבות מלאכים, מקטרגים, נשמות, הרהורים, תּפילות, קרעכ-

צען, געשרייען, טרעהרען און אַלערליי מעשים, וועלכע האָבען זיך געצאַפּעלט, געריסען און פערדולט אַלע הימלען.

—גיב זיך געשווינד אַ ריס אָן אַ זייט, צו כף-הקלע, אַנישט ביזטו פערפאַלען!—האָט די נשמה דערהערט אַ שטילען פערשטיקטען קול.

זי האָט זיך אַרומגעקוקט און האָט דערזעהן נעבען זיך אַ יונגינקע מלאכ׳ל, אַ צושלאָגענעם, מיט צוריסענע פליגעלעך, וועלכער האָט געטראָגען אַ פערשמאַכטע קינדערשע נשמה.

—איז דען נישטאָ קיין שום מעגליכקייט דורכצורייסען זיך צום זיבעטען הימעל?—האָט זי אַ פרעג געטהון דעם מלאכ׳ל.

—קיין שום מעגליכקייט!—האָט ער געענטפערט.—גיב נאָר אַ קוק אין דער הויך. זעהסטו דאָרטען קלאָרע, ליכטיגע הימלען? דו מיינסט, אַז נאָר זיבען אַזעלכע הימלען זענען דאָ? זאָג איך דיר, אַז דו האָסט אַ טעות. עס זענען פערהאַן הימלען אָהן אַ צאָהל, און יעדען טאָג ווערען בעשאַפען אַלץ נייע. און ווייסטו פון וואָס זיי ווערען בעשאַפען? פון אונז, פון אָט דעם אַלעם, וואָס צאַפּעלט און רייסט זיך איצט מיט אַזאַ אַנגסט צום כסא הכבוד. אַלע טאָג און אַלע שעה קומען אָן פון דער ערד, ווי געדיכטע וואָלקענס, אַזוינע מחנות—און מחמת דעם וואָס זייער צאָהל איז אָהן אַן ערך גרויס, קאָנען זיי נישט דורכדרינגען דעם שטח און ווערען צונויפגעדריקט, פערגליווערט—און פון זיי ווערט אַ נייער הימעל.

מיין נשמה האָט אָנגענומען אַ שרעק און אַ ציטערניש. זי האָט אָנגעהויבען פערלירען אַלע חושים. נאָר זי האָט זיך אָנגעטהון אַ כח, האָט זיך אַ ריס געטהון אָן אַ זייט—און אין אַ רגע אַרום האָט זי שוין געשוועבט אין אַזאַ מקום, וואו עס איז נישט געווען, נישט קיין צייט און נישט קיין שטח, נישט קיין אויבען און נישט קיין אונטען, נישט קיין ליכטיגקייט און נישט קיין פינסטערניש. דאָס איז געווען דער כף-הקלע.

אין מיין קומענדיגען בריף וועל איך דיר בעשרייבען, וואָס מיט איהר האָט זיך פּאַסירט ווייטער.

ממני ידידך מרדכי חב״ד ז״ל.

## מכתב ט.

לידידי הנחמד המופלג ומפורסם מהור"ר שלומיאל נ"י.

דעתי—איך ווייס, ידידי שלומיאל, אַז דו ביזט מוכן ומזומן צו שטעלען מיר אַ קלאָץ קשיא: היות, וויבאַלד אַז מיין גוף ליגט טיף אין דער ערד און מיין נשמה לייטערט זיך אין כף הקלע, היינט ווער-זשע איז דער „איך", וואָס שרייבט דיר בריף אונטער דעם נאָמען מרדכי חב"ד?

אויף דער קשיא קאָן איך דיר ענטפערן: הגם על פי שכל קומט אויס, אַז נאָך דעם צושיידען זיך פון דעם גוף מיט דער נשמה בלייבט שוין נישט קיין שום „איך"—פונדעסטוועגען איז ער אָבער פאָרט דאָ—און ער בעשטעהט אינגאַנצען אין דעם קני-פּעלע, וועלכעס האָט בשעת'ן לעבען צונויפגעהעפט די נשמה מיט'ן גוף און האָט זיך בשעת דער פטירה מעהר נישט, ווי אָבגעטהון, נאָר איז נישט פערשוואונדען געוואָרען. אָט דאָס קני-פּעלע, וועלכעס בעשטעהט נישט פון רוחניות און נישט פון גשמיות, האָט אין זיך חושים אי פון גוף, אי פון דער נשמה. דאָס זעהט און פיהלט און פערשטעהט זיי ביידען און כאָטש עס געפינט זיך אַליין מחוץ למחנה, נישט דאָ און נישט דאָר-טען, פיהלט עס זיך שטענדיג אי דאָ אי דאָרטען, אי טיף אין דער ערד אי ווייט אין כף הקלע און האַלט אויף אַ ניצוץ פון אחדות צווישען גוף מיט דער נשמה און לאָזט ביי זיי ביידען נישט פערלאָשען ווערען די האָפנונג אויף תחית המתים.

איך מוז דיר מודה זיין, אַז בשעת'ן לעבען איז צווי-שען מיין נשמה מיט דעם גוף קיינמאָל נישט געווען קיין גוט לעבען. זיי האָבען זיך קיינמאָל נישט איבריגס ליב געהאַט און נישט רעכט פערשטאַנען איינער דעם אַנדערן. אָפט פלעגען צווישען זיי אויסברעכען גרויסע מחלוקת'ן. די נשמה, וואָס איז שטענדיג געווען פערטיפט אין רוחניות, האָט געקוקט אויפ'ן גוף

ווי אויף אַ „גראָבע זאַך", ווי אויף אַ חומר, וואָס האָט קיין שום השגה נישט, וואָס קאָן גאָר טהון וואָס מען הייסט איהם און געהן אַהין, וואו מען פיהרט איהם, און איז מיט אַלע זיינע גראָבע חושים נישט העכער און נישט איידעלער פון אַ בהמה, וואָס האָט גאָר קיין נשמה נישט. און דער גוף, כאָטש ער האָט שטענדיג געפאָלגט, וואָס די נשמה פלעגט איהם הייסען, האָט זיך שטענדיג געבלאָזען, איז ברוגז געווען, און פלעגט שטענדיג טענה'ן אַז ער איז דער גאַנצער האָראָפּאַשניק, אַז די נשמה האָט אויף איהם אַרויפגעוואָרפען די גאַנצע עבודת פּרך און אַליין זיצט זי זיך בחדרי חדרים ווי אַ פּריצ'טע, קאָמאַנדעוועט און איז שטענדיג פערטראָגען אין פוסטע רעיונות און חלומות. מעהר ווי זיי ביידע האָב איך געליטען פון די מחלוקת'ן, איך, דאָס הייסט דאָס קניפּעלע, וואָס האָט צונויפגעהעפט די נשמה מיט'ן גוף.

והיום, און איצט, אַז איך האָב זיך פון זיי אָבגעשיידט און זיי זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען, האָט זיך, ווי געזאָגט, נאָך נישט איינגאַנצען איבערגעריסען צווישען זיי דער צוזאַמענבונד. דער גוף, ווי פערדריקט ער איז נישט מיט אַ באַרג ערד, ווי צופוילט און ווי זיינע רמ"ח אברים זענען נישט צוריסען און צוביסען פון אַלערליי גרויסע און קליינע ווערעם, האָט ער נאָך פונדעסטוועגען אין זיך אַ חוש פון דער נשמה, ער געדענקט וואו ס'זענען זיינע אָבגעריסענע אברים און איז פול מיט אַנ'-אונבעוואוסטער תשוקה צו תחית המתים. און די נשמה, ווי ווייט זי איז זיך נישט פערפליגען פון דעם גוף, געדענקט זי איהם, זעהט איהם שטענדיג פאַר איהרע רוחניות'דיגע אויגען און פערשטעהט אַלץ וואָס מיט איהם טהוט זיך. זי זעהט יעדען וואָרעם וואָס טאָטשעט זיין לייב, זעהט יעדען פאַס, וואָס עס לעגט זיך אויף איהם פון די שדימ'ס שמיץ, יעדע וואונד, וואָס עס בלייבט אויף איהם פון די שדים-נעגעל, פון די גליהענדע צוואַנגען און אַנדערע חבוט-הקבר כלי-זיין; זי פערשטעהט און זוכט המצאות ווי אַזוי דער גוף זאָל זיך קאָנען אויסדרעהען פון די ענויים, ווי ער וואָלט געקאָנט אָבטרייבען פון זיך דעם, אָדער יענעם

עקדעש, אראָבוואַרפען דעם אָדער יענעם וואָרעם, ווי ער, דער גוף, וואָלט געקאָנט מיט איין גוטער בעוועגונג, אראָבוואַרפען פון זיך דאָס בערגעל ערד, וואָס דריקט איהם צונויף און האַלט איהם אין אַ חושך ואפלה. און אין דעם פערברענגט זי די גאַנ-צע צייט פון איהר לייטערונג.

אין אָנהויב האָב איך אַ לאַנגע צייט נישט געקאָנט פער-שטעהן, אין וואָס בעשטעהט די לייטערניש פון דער נשמה אין כף הקלע, וואו עס איז נישטאָ קיין קעסלען מיט פעך און שווע-בעל און נישט קיין שדים און מלאכי חבלה. די נשמה שוועבט זיך דאָרטען אום פראַנק און פריי, קיינער פרעגט ביי איהר נישט קיין דין וחשבון און זי האָט אפילו ביכולת דורכצודרינ-גען מיט'ן בליק אַלע הימלען ביז צום כסא הכבוד, צו זעהן, וואָס עס טהוט זיך אי אין גן עדן, אי אין אַלע זיבען מדורי גהנום, נאָר איצט, אַז איך האָב זיך גוט אַריינגעלעגט אין דעם ענין, האָב איך פערשטאַנען דעם תוך פון דער לייטערונג אין כף הקלע.

אַלץ זעהן, אַלץ בעגרייפען און פערשטעהן, האָבען ביכולת צו מאַכען די גרעסטע הסברות, בויען די ברייטסטע פּלענער, איבערבויען און איבערקעהרען אין זינען גאַנצע עולמות—און אַליין נישט האָבען אין זיך קיין שום ממשות, נישט האָבען די מעגליכקייט, צו בעוועגען אפילו אַ פעדער אונטער'ן נאָז ביי אַ בר מינן, נישט קאָנען אפילו דערשטיקען אַ פער'עפּוש'טען וואָ-רעם, וואָס זויגט זיך איין אין אַ מאַכטלאָזען גוף—אַזאַ צושטאַנד איז ערגער פון גהנום, ערגער פון חבוט הקבר. דאָס איז די שווערסטע לייטערניש, אָט דאָס איז דער כף הקלע!

ממני ידידך מרדכי חב״ד ז״ל.

# מכתב י'.

לידידי הנחמד המופלג ומפורסם מוהר"ר שלומיאל נ"י!

יום אתמול—נעכטען האָט זיך מיר פערגלוסט אַ שפּאַציר צו טהון מיט'ן בליק אין גהנום. איך האָב זיך אפילו שוין לאַנג געקליבען מאַכען דעם שפּאַציר, נאָר אַזוי ווי איך האָב דערצו קיין איבעריגע תשוקה נישט געהאַט, האָב איך אַלץ אָבגעלעגט. דאָ אין כף הקלע איז אַזוי טויט-שטיל, און די גאַנצע שטימונג איז אַזוי פערזונקען, אַז איך בין שוין אָבגעוועהנט געוואָרען פון אַ וועלכען עס איז הו-האַ, ובפרט פון אַזאַ טומעל און גערודער, ווי עס קומט פאָר אין גהנום. דערצו נאָך, ווי עס ווייזט אויס, זענען ביי מיר די לעצטע צייט אַ ביסעל פערטעמפּט געוואָרען די חושים. איך געדענק, אין דער יוגענד, אַז איך האָב דעם ערשטען מאָל דערהערט, אַז אין גהנום שמייסט מען מיט אייזערנע ריטער, האָט מיך אָנגענומען אַ שרעק פון אַזאַ מין אכזריות. און איצט הער איך אַלע טאָג: „היינט האָט מען אַזוי פיל צעהנדליג בעלי-עברה'ס אָבגעקאָכט אין קעסעל אָדער אָבגעבראָטען אויף סקאָוואָראָדעס, אָדער אויפגעהאָנגען פאַר די צונג צי פאַר'ן גאָרגעל, און עס וואָלט דאָס מיך אפילו אַ ריהר טהון. אַ וואָכעדיגע זאַך! און אַז איך בעגעגען זיך אַמאָל שוועבענדיג מיט הערשעל אָסטראָפּאָליער, מיט שייקע פייפער, צי מיט משה יאָג און גיב זיי אַ וואונק: „ווי געפעלט אייך וואָס ס'טהוט זיך אין גהנום?" ענטפערן זיי מיר קאַלטבלוטיג: „אונזער דאגה! אויף דערויף איז דאָך דאָס אַ גהנום. און דערצו זענען זיי טאַקי ווערט, די שקצים! האָבען זיי נישט געזאָלט הרג'ענען קיין פליי אום שבת!" ווי געפעלט דיר דער ענטפער?

נאָר—צו דער זאַך.

קודם כל מוז איך דיר זאָגען, אַז בשעת איך האָב אַריינגעדרונגען מיט'ן בליק טיף אין גהנום, בין איך נשתומם געוואָ-

רען. איך האָב דאָרטען נישט געטראָפען אפילו קיין זכר דערפון, וואָס עס ווערט דערצעהלט וועגען גהנום אין דעם „ראשית חכמה” און אין אַנדערע ספרי יראים. עס זענען דאָ פאָרגעקומען די גרעסטע אומענדערונגען.

אָנגעהויבען האָט זיך דאָס פון גן עדן. אַזוי ווי די מלאכים און שרפים האָבען זיך פון טאָג צו טאָג געפרוכפערט און געמעהרט און זיי איז צו ענג געוואָרען אויף אַלע תרפ״ט אלפים הימלען, האָבען זיי זיך אין איין שעהנעם פריהמאָרגען אַריינגעריסען אין גן עדן, אַרויסגעטריבען פון דאָרטען אַלע צדיקים (אחוץ די אבות און אמהות, פאַר וועלכע זיי האָבען געלאָזען אַ חדר מיוחד), האָבען זיך דאָרטען בעזעצט, פערכאַפּט דעם לויתן, מיט דעם שור הבר מיט דעם יין המשומר און האָבען אָנגעהויבען לעבען אַ גוטען טאָג. אַ צוטריט צום גן עדן האָבען זיי געלאָזען נאָר פאַר יענע צדיקים, וועלכע זענען מסוגל אָנצונעהמען די געשטאַלט פון מלאכים אָדער שרפים. נאָר היות ווי מען האָט דאָך נישט געקענט די אַלע איבעריגע צדיקים לאָזען אין דרויסען, מחוץ למחנה, האָט מען פאַר זיי אָבגעגעבען עטליכע מדורים פון גהנום. אַזוי, אַז פון דער ווייטען קוקענדיג, קומט דאָס אויס, אַז איצט זענען אַלע, אי די צדיקים, אי די רשעים גלייך געוואָרען: אַלע אין גהנום. נאָר אין תוך איז דאָס אַקוראַט קאַפּויער. די רשעים פוילען טאַקי אין גהנום, און פאַר די צדיקים האָט מען די מדורי גהנום אַזוי איבערגעבויט און איינגעאָרדענט, אַז דאָרטען איז נישט ערגער ווי אין גן עדן, אין אייניגע פרטים נאָך אפילו בעסער.

איך וועל דיר דאָ בקיצור בעשרייבען די אַלע זיבע מדורי גהנום, ווי איך האָב זיי געזעהן מיט מיינע אייגענע אויגען.

אין דעם ערשטען מדור איז ליכטיג און פרעהליך, עס שטעהען גאַנצע פעסער מיט יין המשומר, עס ליגען שטיקער לויתן און שור הבר און פעטע גענז,—אַלץ געבראַכט פון גן עדן,—און מען עסט און מען טרינקט און מען איז זיך משמח.

אין דעם מדור זיצט די חברה „יחידי סגולה״, פייערדי-גע חסידים און אנשי מעשה, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט זייער התלהבות. זיי שרייען נאָכאַנאַנד: „טאַטע פאָטער!״ פאַלען זיבעציג מאָל אין טאָג כורעים און זינגען מיט גרויס גדלות: „אתה בחרתנו מכל העמים, אהבת אותנו, ורצית בנו״. און אַז זיי דערשפירען וואו דעם ריח פון אַ בעל-עבירה, הויבען זיי אָן צו ליאַרעמען: „שפך חמתך על הגוים אשר לא ידעוך!״ אָדער „ובכן תן פחדך!״ אַז זיי ווערט אומעטיג, לויפען זיי אין די אַנדערע מדורים, וואו עס געפינען זיך די אמת׳ע בעלי-עבירה׳-ניקעס, וואַרפען אונטער האָלץ אין די קאַלך-אויוועגס, שטעכען מיט גאָפלען די בעלי-עבירה׳ס, וואָס בראָטען זיך אויף די סקאָ-וואָראָדעס, און מאַכען קולות, אַז אין גהנום איז דאָס פייער נישט גענוג שטאַרק.

אין דעם צווייטען מדור, איז כמעט אַזוי ליכטיג און פרעה-ליך ווי אין דעם ערשטען, נאָר דאָרטען קומט אַלץ פאָר מיט וועניגער גערודער. דאָרטען הערשט אַן׳ערב-יום-טוב׳דיגע שטי-מונג, ווי בשעת מען גרייט זיך צו אַ חתונה. דאָרטען זיצען פרומע לייט, אַ ביסעל מתנגדים, וואָס האַלטען שטאַט; זיי אַלע געהערען אָן צו דער חברה „גם זו לטובה״, זיי שאָקלען שטענ-דיג צו מיט׳ן קאָפּ, באַמקען זיך און זינגען „אדיר במלוכה״ און האַלב פערגלאָצענדיג די אויגען, שעפטשען זיי שטיל „אתה אחד ושמך אחד!״

אין דעם דריטען מדור, איז שוין אַ בין-השמשות׳דיגע ליכ-טיגקייט, דאָרטען זענען די טהירען האַלב אָפען אי רעכטס, אי לינקס. אין דעם מדור זיצען לייט פון דער חברה „שים נא ידך תחת ירכי״, דאָס זענען מיני אַנדרוגניס׳ן (רחמנא לצלן!)—נישט צדיקים, נישט רשעים; ביי אמת׳ע חסידים זענען זיי פעררע-כענט פאַר די גרעסטע אפיקורסים, און ביי די אפיקורסים פאַר פרומע בטלנים. די לייט האַלטען אין דער רעכטער האַנד דעם „יורה דעה״ און אין דער לינקער האַנד—אַ „סוואָד זאַקאָן״, זו-כען אין דער תורה אַ הכשר אויף חזיר עסען, זיי זידלען די רבנים און דינים און שטילערהייד, זוכען זיי אַליין סמיכה אויף

רבנות. האלב טרויעריג און האלב פרעהליך זיצען זיי און זינ-
גען צו שחרית: „שערי שמים פתח ואוצרך הטוב לנו תפתח!"
און צו מעריב: „איכה ישבה בדד". ארום דעם מדור דרעהען
זיך שוין אפילו מלאכי חבלה, נאר זיי ריהרען נאך דערווייל
קיינעם נישט אן.

אין דעם פערטען מדור איז שוין פינסטער און ענג, דאס
איז שוין אנ'אמת'ער גהנום, כאטש נאך אהן קעסלען, נאר מיט
מלאכי חבלה, מיט ריטער און אנדערע ענויים. דא זיצען בלויז
עם-הארצים, קוקען אראב און פיהלען נישט די ערד אונטער די
פיס. זיי שרייען מיט פיל גרייזען, ווי עם הארצים, אבער מיט
גרויס צער: „השמים שמים לד' והארץ נתן לבני אדם!"

די איבעריגע דריי מדורים, דער פינפטער, זעקסטער און
זיבעטער, זענען בעהעפט אינאיינעם. דאס איז שוין א גהנום ווי
אין „ראשית חכמה" איז בעשריבען. דא שטעהען קעסלען און
קאלך-אויוועגס. מען בראט, מען קאכט און מען רייסט פאסען.
אין די מדורים זיצען טאקי יוסטע בעלי-עברה'ס, כופרים בעיקר,
מומרים להכעיס. דא זענען פערהאן אי רויטע יודעלעך, אי
אזעלכע, וואס זענען געזעסען א לאנגע צייט הינטער די הרי
חושך, אי אלערליי אנדערע עזות פנים'ער. דא איז דער גערו-
דער גרויס אהן אנ'ערך. און נישט קוקענדיג אויף די ענויים
קשים,—קומען דא פאר שטארקע וכוחים און מחלוקת'ן. דעם
ערשטען ארט פערנעהמט דא די חברה „אין קמח אין תורה",
וועלכע איז צוטיילט אויף צוויי כתות. איין כתה שטעהט אויף
דעם באדען פון „נקדישך ונעריצך" און די אנדערע שטעהט אויף
דעם באדען פון „נעריצך ונקדישך" און מען קריגט זיך צווישען
זיך און יעדע כתה דרעהט אויף איהר שטייגער דעם נגון פון
„תנו רבנן!" און אלע אינאיינעם, זינגען מיט גרויס אמונה און
התלהבות „אץ קוצץ, בן קוצץ, קצוצי לקצץ, בדיבור מפוצץ,
רצוצי לרצץ!" פערדולט קאן מען ווערען!

א ביסעל אן דער זייט האלט זיך די חברה „האוחז בידי".
זי מאכט נישט קיין איבעריגען ליארעם. איהרע גדולים האלטען
זיך ווי למד-וואו'ניקעס, א ביסעל נסתר'דיג. זיצען אין די ווינ-

קעלעך און לערנען שטיל די הלכות פון „איזהו מקומן" און פון „במה מדליקין".

און חוץ זיי געפינען זיך אין די מדורים נאָך אַנדערע חברה'ס, חברה „תהו ובהו", חברה „הבל הבלים", חברה „כאַפּ-לאַפּ" וכו'.

ווי דו זעהסט, ידידי שלומיאל, זענען די אמת'ע כופרים בעיקר גאָרנישט אַראָבגעפאַלען ביי זיך. וואָס פאַר אַ פערקאָכטע הערצער דאָס זענען, אַ גוואַלד!

ממני ידידך מרדכי חב"ד ז"ל

# ווייער „הגדה של פסח"

מיט פיל יאָהרען צוריק, בעת איך בין אַרומגעפּאָהרען איבער מצרים, האָב איך אין שטאָדט גושן געקויפט ביי אַ מצרי, אַנ׳אַנטיק-הענדלער, פאַר אַ שפּאָט-ביליגען פּרייז, אַנ׳אַלטען, האַלב-צופוילטסן פּאַפּירוס, אויף וועלכען עס זענען געוועזן קוים צו בעמערקען אותיות פון פלעקעל-כתב. וואָס דאָרט איז געוועזן געשריבען—האָב איך נישט געוואוסט, נאָר פערשטאַנען האָב איך, אַז דער פּאַפּירוס מוז זיין פון די אוראַלטע צייטען און האָבען אַ גרויסען ווערט.

אומקעהרענדיג זיך אַהיים, בין איך אַוועק צו מיינעם אַ גוטען בעקאַנטען, אַ בעוואוסטען עגיפּטאָלאָג און בעוויזען איהם דעם פּאַפּירוס. ווי ער האָט נאָר אַריינגעקוקט אין איהם, איז ער אויפגעשפּרונגען מלא שמחה און אויסגעשריען:

—ווייסט איהר, וואָס פאַר אַ זעלטענע מציאה איהר האָט בעקומען? דאָס איז אַ דאָקומענט פון די צייטען פון ראַמזעס (ר׳עמסס) דעם גרויסען! אַלט אַנ׳עֵרך פיערטויזענד יאָהר!

—וואָס איז אין איהם געשריבען?

—דאָס ווייס איך נאָך נישט. איך מוז איהם דורכשטודירען אות באות. נאָר וואָס אין איהם זאָל נישט זיין געשריבען, איז עס אַ דאָקומענט פון ערשט-קלאַסיגען ווערט און וועט געוויס מאַכען אַנ׳עפּאָכע אין דער עגיפּטאָלאָגישער וויסענשאַפט.

איך האָב איהם איבערגעלאָזען דעם פּאַפּירוס און מיט אַ פערשטענדליכער אונגעדולד געוואַרט אויף ענטפער. אין אַ פּאָר טעג אַרום בעקום איך אַ שטאָדטישע טעלעגראַמע:

—„הוראַ! איהר האָט ענטדעקט אַנ׳אוצר! דער פּאַפּירוס איז אַ „הגדה פון פסח״, אָבער גאָר פון אַנ׳אַנדער נוסח: נישט קיין יודישע, נאָר אַנ׳עגיפּטישע.

דאָס האָט מיך שטאַרק פעראינטערעסירט. אַז די מצריים זענען נישט גאָר צופרידען געוועזען פון דעם נס של פסח, דאָס איז פאַר מיר געוועזען קלאָר. אָבער ווי האָבען זיי בעלויכטען דאָס גאַנצע געשעהעניש?

עטליכע חדשים האָט געדויערט ביז מיין בעקאַנטער האָט פונאַנדערגעקליבען דאָס פלעקעל-כּתב פון פּאַפּירוס. אַז ער האָט געענדיגט די אַרבייט, איז ער געקומען צו מיר מיט דעם זעל-טענעם דאָקומענט:

—דאָ פעהלט דער אָנהויב,—האָט ער מיר געזאָגט,—אין מיטען פעהלען אויך גאַנצע זאַצען. אָבער דאָס, וואָס עס איז פערבליבען אויפ׳ן פּאַפּירוס, גיט אונז אַ זעהר קלאָר בילד פון די געשעהענישען פון יענער צייט. הערט נאָר.

און ער האָט גענומען לייענען:

„...אַ שקלאַף פון אַנ׳אומבעקאַנט לאַנד, אַ געפעהרליכער טרוימער און אַ פּותר חלומות. זעהר מעגליך, אַנ׳אונטערגעשיק-טער פון אַ שכנ׳ישען פיינדליכען פאָלק, כּדי אויסצופאָרשען דאָס לאַנד״... דאָ פעהלט אַ היבש שטיק. ווייטער: „...פערזעצט אין תּפיסה פאַר אַ שענדליכען פערברעכען געגען די הויכע און ריי-נע זיטען פון באַבלען לאַנד מצרים״... „מיט גלאַטע רייד גע׳-גנב׳עט דאָס הארץ פון געטליכען פּרעה״... „פערכאַפּט די אוי-בערמאַכט״... „אויפגעקויפט די גאַנצע תּבואה״... „געוואָרען ער-בעהרונגס - דיקטאַטאָר״... „אַראָבגעבראַכט פון כּנען די גאַנצע

משפחה, פערכאַפּט די בעסטע פּראָווינץ גושן״... „געפרוכפערט און געמעהרט זיך״... געוואָרען בעלי-הבתים אין לאַנד. גאַנץ מצרים געקרעכצט אונטער דער לאַסט פון זייער יאָך״... דאָ פעהלט ווייטער אַ גרויס שטיק, נאָכדעם איז געשריבען:

„כדי צו געוועהנען די יודען צו פּראָדוקטיווער אַרבייט, איבערגעגעבען זיי דאָס אויפבויען פּיתום און רעמסס״... „געפוילט זיך צו אַרבייטען״... „געמוזט איינפיהרען צוואַנגס-אַרבייט״... „שרעקליכע פרוכפערקייט...״ „געמוזט בעזייטיגען קינדער זכרים. אָבער דערפאַר אַלע נקבות געלאָזט לעבען״... „גרויסע פעלשונגען, כדי אויסצומיידען די געזעצען וועגען קינדער זכרים״... „דער געטליכער און מילדער פרעה האָט נישט פער׳מיאוס׳ט די שמוציגע יודישע קינדער, ערלויבט צו וואַשען זיין היילינג לייב מיט זייער בלוט״. ווייטער: „...אויסגעזוכט זיך אַ יודליק מיט׳ן נאָמען משה״... „געשטעלט פאָדערונגען...״ „גערעדט מיט אַן׳אונערהערטער חוצפה״... „פרעה האָט מיט פעראַכטונג אָפגעוואָרפען די פאָדערונגען. בעשטראָפט די מורדים״...

ווידער פעהלט אַ היבש שטיק. נאָכדעם:

„אומגליקליכער מצרים! דער פערברעכער משה האָט מיט כשוף אָנגעשיקט אויפ׳ן לאַנד די שווערסטע פּלאָגען און אומגליקען, בלוט און שמוץ, פינסטערניש און עפּידעמיעס״... „אָנשטאָט צו אונטערדריקען די רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג מיט׳ן שווערד, האָט פרעה, מיט זיין געוועהנליכער לייטזעליגקייט, נאָכגעגעבען די פאָדערונגען פון די מורדים. ערלויבט זיי צו געהן בוקען זיך צו זייער אייגענעם גאָט״... „אויפגעפלאַקערט דער גרימצאָרן פון אַלמעכטיגען אָבגאָט אַפּיס״, „געשטראָפט מצרים״... „אָנשטאָט דאַנקבאַרקייט, האָבען יודען, אַוועקגעהענדיג, נידערטרעכטיג בע׳גנב׳עט די מצריים, צוגענומען גאָלד און זילבער״. „געיאָגט זיך נאָך די גנבים״... „פאָרגעקומען די גרויסע קאַטאַסטראָפע. די יודען מיט געשרייען און זייערע שווינדלערישע שטיק, האָבען אויפגערודערט דעם ים-סוף און ער האָט איינגעשלונגען דעם גאַנצען חיל פון מצרים, מיט זיינע פערד און רייטוועגען״...

די הגדה האָט זיך פֿערענדיגט מיט די ווערטער:

„אָט אַזוי איז דאָס חרוב געוואָרען, דורך אַ נידערטרעכ־טיגער אומה, דאָס גרויסע און רייכסטע לאַנד מצרים, וואָס האָט געשמ׳ט אין דער גאַנצער וועלט מיט איהרע גרויסע און שטאַר־קע פֿערד! זאָל דער אַלמעכטיגער אַפּיס נעהמען נקמה פֿון דעם פֿאָלק פֿון מורדים און בעטריגער און זאָל זיי פֿערטיליגען פֿון דער וועלט״...

געענדיגט לייענען די הגדה זענען מיר אַ ווײַלע געזעסען פֿערטראַכט.

—וואָס מיינט איהר,—האָט זיך אָבגערופֿען דער עגיפּטאָ־לאָג,—ווי עס ווייזט זיך אַרויס, זענען זיי טאַקי גערעכט.

—אין וואָס זענען זיי גערעכט?—האָב איך געפֿרעגט.

—אין אַלץ. באמת, געווען אַ שטאַרקע מלוכה, געהאַט די גרעסטע פֿערד. און דורך וועמען איז זי חרוב געוואָרען, אויב נישט דורך יודען?

—וואַרט אָקאָרשט,—האָב איך זיך אָבגערופֿען,—לאָמיר זיך פּרובען פֿונאַנדערקלויבען אין דעם ענין. זאָגט מיר, ווי אַ ספּע־ציאַליסט, אַנ׳עגיפּטאָלאָג, מוזט איהר דאָך וויסען: זענען פֿאַר יוסף׳ן געווען אין מצרים יודען?

דער עגיפּטאָלאָג האָט אַ ווײַלע געטראַכט, נאָכדעם אַרויס־געזאָגט בעשטימט:

—ניין!

—הייסט עס, איז דער ערשטער יוד, וואָס איז געקומען קיין מצרים, געווען יוסף. איהר וועט נישט אָבלייקענען, אַז גע־קומען איז ער אַהין נישט מיט׳ן גוטען ווילען, נאָר אַ שקלאַף, וועלכען מען האָט מיט געוואַלד פֿערקויפֿט?

—זאָל זיין!

—ווייטער. יוסף איז געווען אַ בעל-חלומות, אַ געפֿעהרלי־כער טרוימער. דאָס בין איך מיט אײַך איינשטימיג...

—און דערצו אַ פֿאַסקאַזש!—האָט אונטערגעכאַפּט דער עגיפּ־טאָלאָג.

—זאָל זיין אַ פֿאַסקאַזש. אָבער זאָגט מיר, ווער האָט גע־

נויט די מצריים מאַכן איהם פאַר אַ האַר איבער זיך? די איי-גענע ברידער זענען נישט צופרידען געווען מיט זיינע טרוימע-רייען, זענען זיי פּטור געוואָרען פון איהם, אויף אַ באַרבאַרישען אופן, אָבער דערוויטערט איהם. און וואָס האָבען געטהון די מצריים? זיי האָבען געזוכט זיינע טרוימערייען. געלאָפען צו איהם אין תּפיסה, געבעטען זיך, ער זאָל זיי פּותר-חלום זיין. האָט ער זיי פּותר-חלום געווען, ווי עס געהער צו זיין! אַ מצוה אויף אַ נאַר!

—נו, און גושן? וואָס יודען האָבען פערכאַפּט דעם פרוכט-באַרסטען קאַנט פון מצרים? איז דאָס נישט קיין עולה?

—און זיידער יוסף האָט אַראָבגעבראַכט זיין משפּחה, איז גושן נישט געווען קיין גושן?—האָב איך זיך אָבגערופען.—פאַר-וואָס האָבען איהם די מצריים נישט פערכאַפּט? דערפון איז דאָך געדרונגען, אַז נישט די יודען האָבען פערכאַפּט אַ פרוכטבאַר לאַנד, נאָר זיי האָבען געמאַכט גושן פרוכטבאַר. האָבען דאָך די מצריים געדאַרפט זיין גאָר דאַנקבאַר זיי דערפאַר.

אַ ווײַלע האָבען מיר ביידע געשוויגען.

—איך פערהאָף,—האָב איך געזאָגט,—אַז נישט קוקענדיג אויף אייער לאָיאַליטעט, וועט איהר, פונדעסטוועגען, נישט זעהר שטרענג בעשולדיגען די יודען, וואָס זיי האָבען זיך געמיהט אַרומצוגעהן און פעלשען דאָס געזעץ וועגען וואַרפען אין טייך זייערע קינדער-זכרים?

—פערשטעהט זיך, עס איז שווער זיי דערפאַר צו משפּט'ן. דאָס געזעץ איז באמת אַ ביסעל צו שטרענג. אפילו איך מוז אייך זאָגען, דאָס איך האַלט, אַז ווי שטרענג אַ געזעץ זאָל נישט זיין, מוזען איהם די בירגער פּינקטליך ערפילען. נאָר לאָ-מיר עס לאָזען. די הויפּט-שולד פון די יודען לגבי מצרים ליגט אין די מכות. בערעכענט נאָר: אָבגעלעבט אַ לאַנגע צייט אין אַ לאַנד, פיערהונדערט יאָהר געגעסען דאָרט ברויט, און אַז אַ ברעה דערפילט נישט אַזוי גיך די פאָדערונגען, לאָמיר זאָגען פון אַ נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, אָדער אַ „מינדערהייטס-רעכט",

נעהמט מען און מען שיקט אָן אויפ׳ן לאַנד די שרעקליכסטע מכות! נו, איז דאָס נישט אַ פערברעכן?

—הערט, וואָס איך וועל אייך זאָגען!—האָב איך זיך אָבגערופען שוין אויפגערעגט.—איך האָב זיך נישט געריכט, אַז איהר זאָלט אויך גלויבען אין דעם נאַרישען בלבול, אַז דאָס האָבען יודען אָנגעשיקט די מכות אויף פרעה׳ן און זיין לאַנד! ווי אַ געלעהרטער מאַן, דאַרפט איהר וויסען, אַז מכות, ובפרט נאָך אַזעלכע, ווי בלוט און קרעץ, כנים און חושך, קאָנען פון דרויסען נישט אָנגעשיקט ווערען אויף אַ פאָלק. זיי קומען בלויז פון אַנ׳איגערליכער קרענק. אַזעלכע מכות האָדעוועט אויס אַ פאָלק ביסלעכווייז אויף זיך אַליין. אויב משה האָט דאָ געשפּילט אַ ראָלע, איז נאָר די, וואָס ער האָט מתרה געווען פרעה׳ן.

—אפשר זענט איהר גערעכט,—האָט מיט אַ האַלבען מויל צוגעשטימט דער עגיפּטאָלאָג.

—אָבער די רויבעריי! דאָס אויסנאַרען גאָלד און זילבער!—האָט ער זיך אַ כאַפּ געטהון.—זאָגט אַליין, מען גיט אַ פאָלק אַנ׳אויטאָנאָמיע, און זיי הויבען אָן „אויסלעדיגען מצרים״. עס איז דאָך אַ שרעק!

—איך וועל נישט לייקענען,—האָב איך געענטפערט,—אַז די פאָרם, מיט וועלכער די יודען האָבען געמאַכט די „לאַנגדויערנדע הלואה״ אין מצרים, געפעלט מיר נישט איבעריג. נאָר וואָס קאָן מען פאָדערן פון שקלאַפען? אין תוך אָבער, בערעכענט זיך, האָבען דען יודען נישט געהאַט רעכט אויף דאָס ביסעל גאָלד, וואָס זיי האָבען אויסגעבייטעלט אין מצרים? פיערהונדערט יאָהר שווערע אַרבייט, אויסגעבויט אַ פיתום און אַ רעמסס. דערצו נאָך האָבען זיי דאָך אַוועקגעהענדיג, איבערגעלאָזט וועלכע-עס-איז גיטער, הייזער, פעלדער, וויינגערטנער. ווי פערשקלאַפט יודען זענען נישט געווען, האָבען זיך דאָך צווישען זיי געפונען עטליכע צעהנדליג מיליאָנערן, וואָס האָבען געהאַט זייערע וויללעס און פּאַלאַצען. דאָס אַלץ איז פערבליבען. און וויפיל, מ׳שטיינס געזאָגט, האָבען דאָס יודען געקאָנט אָנלייהען ביי די מצריים! דערביי פערגעסט נישט, אַז גאָלד און זילבער

איז דעמאָלט נישט געווען אַזאַ טייערע סחורה ווי איצט. די וואַליוטע איז דעמאָלט אין מצרים געשטאַנען זעהר הויך.

דער עגיפּטאָלאָג האָט אַ ווײַלע געשוויגען.

—איך רעכען,—האָב איך געזאָגט.—אַז איהר וועט לכל הפּחות נישט אונטערהאַלטען די לעצטע טענה פון די מצריים, אַז די יודען זענען שולדיג, וואָס דאָס חייל און די רייטוועגען פון מצרים זענען אונטערגעגאַנגען...

—איהר האָט אַ טעות!—האָט מיט היץ אויסגערופען דער עגיפּטאָלאָג.—איך האַלט, אַז אַקוראַט די בעשולדיגונג איז די וויכטיגסטע און די שווערסטע.

—סטייטש!—האָב איך אויסגערופען,—וואָס זענען די יודען שולדיג, וואָס די מצריים האָבען זיך אַליין געוואָרפען אין ים?

—שולדיג!—איז ער געשטאַנען אויף דאָס זייניגע.—עס פערשטעהט זיך, אַז יורידיש בעגרינדען די בעשולדיגונג קאָן מען נישט, אָבער מאָראַליש פאַלט די גאַנצע שולד אויף יודען!

—ווי אַזוי?

—גאָר פּשוט! פאַר די פיערהונדערט יאָהר האָבען יודען אַריינגעבראַכט קיין מצרים אַ חלומות-שטימונג. דערצו האָט דער מצרי ביסלעכווייז צוגעוועהנט זיך צו קוקען אויף די יודישע טרוימערייען, ווי אויף אַ רעיעלער זאַך. אַ יוד איז אַ בעל-חלומות. אָבער ער ווייסט אויך דעם פּתרון פון זיינע חלומות. עס האָט זיך געשאַפען אַן׳איבערצייגונג, אַז „אַ יוד ווייסט וואָס ער טהוט״. און דאָס האָט געקוילעט די מצריים! אַז זיי האָבען זיך געלאָזט יאָגען נאָך די יודען, וואָלטען זיי אַליין בשום אופן נישט קריכען אין ברויזענדען ים. נאָר דערזעהענדיג, אַז יודען לויפען אין וואַסער, האָבען זיי זיך אויך אַ לאָז געטהון: „ע! אַז אַ יוד קריכט, מסתמא איז קיין געפאַהר נישטאָ. אַ יוד ווייסט וואָס ער טהוט״. און האָבען זיך אַ וואָרף געטהון אין ים. זענען דען די יודען נישט שולדיג אין דעם?

—גוואַלד!—האָב איך אויסגעשריען,—איך פערשטעה נישט, ווי אַזוי קאָנען יודען זיין שולדיג אין דעם, וואָס די מצריים האָבען זיך אויפגעפיהרט ווי בהמות?

—אַט איהר פערשטעהט נישט און איך פערשטעה!—האָט ער אָבגעענטפערט איינגעשפּאַרט.

ביי אונזער געשפּרעך איז געזעסען נאָך אַ געלעהרטער, אַ סעמיטאָלאָג. ער האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו אונזער געשפּרעך, נאָר האָט די גאַנצע צייט געשוויגען. דאָ האָט ער זיך מיטאַמאָל אָבגערופען:

—איך ווייס נישט ווער צו וועמען קאָן האָבען מעהר טענות. די מצריים צו די יודען, אָדער די יודען צו די מצריים. נאָר דאָס ווייס איך אויף געוויס, אַז וויפיל די יודען זאָלען נישט טענה'ן, וועלען זיי קיינמאָל נישט איבערצייגען די מצריים, אַז ווער אַנדערע, חוץ יודען, זענען שולדיג אין זייער חורבן. דאָס האָט שוין דעמאָלט גוט פערשטאַנען משה...

—ווער? משה רבינו?—האָב איך זיך פערוואונדערט.

—יאָ, ער. איהר געדענקט, וואָס ער האָט געזאָגט: „כי אשר ראיתם את מצרים היום לא תוסיפו לראותם עוד עד עולם" (ווי איהר האָט היינט געזעהן מצרים, אַזוי וועט איהר איהם שוין מעהר קיינמאָל נישט זעהן). משה האָט גוט פאָראויסגעזעהן, אַז נאָך די אַלע מכות, נסים און מופתים, וועט זיך אין מצרים שאַפען אַזאַ שטימונג צו יודען, אַז זיי וועלען מעהר נישט קאָנען אַהין ווייזען די אויגען...

און, טראַכטענדיג אַ ווײַלע, האָט ער צוגעגעבען:

—איך בין זיכער, אַז די מכות, דאָס גאָלד און זילבער, אפילו דאָס אומגעקומענע חייל, וואָלטען די מצריים מוחל געווען. אָבער די פערד, די גרויסע וועלט-בעריהמטע פערד פון פרעה'ס רייטוועגען—דאָס וועלען די דינער פון היייליגען אָקס אַפּיס קיינמאָל נישט מוחל זיין די יודען!...

---

בשעת'ן געשפּרעך האָבען מיר ביידע, דער עגיפּטאָלאָג און איך, געטייט אין פּאַפּירוס מיט די פינגער, אָנווייזענדיג דעם אָדער יענעם אָרט. זענענדיג שטאַרק צוהיצט אין וכוח, האָבען מיר אַליין נישט בעמערקט, ווי מיר האָבען צופליקט און צורי-

סען דעם צופוילטען פאַפּירוס. אַז מיר האָבען זיך בעזינט, איז שוין געווען צו-שפּעט: פון זעלטענעם דאָקומענט פון די צייטען פון ראַמזעס דעם גרויסען, איז קיין שריד ופליט נישט גע-בליבען.

דער שאָדען איז אַ מורא׳דיגער! נאָר וויכטיג איז דאָס, וואָס איצט ווייסען מיר אויף ריכטיג, ווי די מצריים האָבען אויפגעפּאַסט אונזער יציאת-מצרים און בכלל, וואָס זיי האָבען וועגען אונז געטראַכט...

# צווייטע אָבטיילונג
## לידער

# דער צושמעטערטער ים־צוים.

פון גערשוני.

(איבערזעצט פון רוסיש.)

אין לאַנד פון דעם קאַלטען און פינסטערן צפון,
אין לאַנד, וואו עס הערשען די שרעקליכע ווינדטען,
די ווינדטען וואָס גליווערן אַלץ וואָס עס אָטעמט,
אין לאַנד, וואו די פיכטען און טאַנען די אַלטע,
בעדעקט מיט די ווייסע תכריכים פון ווינטער,
בעמערקען נאָר זעלטען דעם שמייכעל פון שטראַהלען,—
אָט דאָרט האָט זיך ווייט אין דעם ים איינגעשניטען
אַ שרעקליכער מויער פון ריזיגע פעלזען,
אַ מויער, דורך מענשליכע הענד אַ געבויטער.
מיט שטאָלץ און מיט עזות האָט ער זיך ערהויבען,
ערהויבען זיך איבער די כוואַליעס פון אָבגרונד,
ער האָט זיך געשפּאָט איבער זייער גערוישע
און רוהיג געשטאַנען זיך, שוואַרץ ווי אַ תפיסה...

די מעכטיגע כוואַליעס, די פרייע, די הויכע,
זיי פלעגען זיך שטענדיג נאָר שטויסען און וואַרפען
מיט האַסט און מיט אימפּעט אַנטקעגען די פעלזען,
וואָס האָבען פערצוימט זיי די אָפענע וועגען
פון ים פון דעם פרייען, דעם גרויסען און ברייטען.

עס האָט זיך פיל הונדערטער יאָהרען געצויגען
דער מוטיגער קאַמף פון די מעכטיגע כוואַליעס
אַנטקעגען דעם פינסטערן צוים פון די פעלזען...
געוואונען דעם קאַמף האָבען ענדליך די כוואַליעס,
זיי האָבען דעם שרעקליכען מויער צעשמעטערט!

און אַלע פריהמאָרגען אין פריהלינג און זומער
בשעת די זון פון דעם הימעל דעם טיפען
צוזייהט און צושפרייט איהרע פרעהליכע שטראַהלען
אין לופטען און איבער דעם שפיגעל פון אָבגרונד,—
דאַן הויבען זיך אויף מיט אַ שמחה די כוואַליעס,
געקרוינטע מיט פערעל און ריינע בריליאַנטען,
און פאַנגען און האַלזען און קושען די שטראַהלען,
זיי שפילען צוזאַמען, זיי טראָגען זיך מונטער
ווייט-ווייט איבער ים, וועלכער האָט נישט קיין גרענצען
און זינגען און ברומען דאָס ליד פון נצחון!...

---

וויי פויגעלעך זענען זיך פרייע געוועזען
אַמאָל, אין די אַלטע פאַרצייטיגע יאָהרען,
די כוואַליעס פון ים, די גבורים פון אָבגרונד,
עס האָט זיי דער ים, ווי אַ ליבענדע מוטער,
געוויגט אונטער הילכיגע שטורמווינד-לידער.
זיי האָבען זיך איבער דעם זידענדען אָבגרונד
געטראָגען ווי בליצען אָהן זאָרג און אָהן קומער...

נאָר אָט איז געקומען צו לויפען פון ווייטען
אַ בריאה משונה, אַ ווילדער רוצח,
אַ מענש פון דער פרעמדער און קאַלטער יבשה,
אַ בלוטיגער שונא פון ליכט און פון פרייהייט.
ביי איהם האָט אין האַרצען דאָס גליק פון די כוואַליעס
דערוועקט די געפיהלען פון האַס און פון קנאה,

און ער האָט געשוואָרען, אַז ער וועט די כוואַליעס
פערצוימען די וועגען, פערזעצען אין תפיסה,
אַז ער וועט ביי זיי אין די הערצער דערשטיקען
די ליבע צו פרייהייט, דעם מוטיגען ווילען,
אַז ער וועט זיי שטעלען פון פעלזען אַ גרענעץ,
זיי זאָלען נישט קאָנען זיך טראָגען ווי העלדען,
ווי פרייע, ווי מוטיגע איבער דעם אָבגרונד.

געשיקט האָט דער רויבער אַ מחנה פון שקלאַפען,
זיי זאָלען די פינסטערע אַרבייט ערפילען.
און זיי, די געהאָרכזאַמע, בלינדע און שטומע,
זיי זענען געגאַנגען אָהן שאלות, אָהן טענות
און האָבען אין דר'ערד, אין דער קאַלטער יבשה
געגראָבען פיל טיפע און פינסטערע היילען,
זיי האָבען פון דאָרטען מיט אַנגסט און מיט ליידען
אַרויפגעבראַכט פעלזען, פער'חושכ'טע, שוואַרצע
און האָבען גענומען זיי וואַרפען אין אָבגרונד...

דער ים האָט זיך לוסטיג צולאַכט פון דער אַרבייט.
די כוואַליעס, די פרייע און לוסטיגע כוואַליעס,
זיי האָבען געקוקט זיך אָהן זאָרג און אָהן פּחד,
געקוקט ווי עס פאַלען און פאַלען און פאַלען
צום אָבגרונד די שטומע פער'חושכ'טע פעלזען
און האָבען גענומען די אורחים די קאַלטע
אי קושען, אי גלעטען, אי האַלזען מיט ליבע.
דערביי האָבען שטיל זיך מיט פרייד און מיט אימפעט
די כוואַליעס גע'סוד'עט: „אַ פרעהליכעס לעבען!
עס זענען אַהער־צו די אורחים געקומען
פון פינסטערע היילען, פון דר'ערד פון דער שוואַרצער
זיי זענען זיך נעבעך פערצאָגט און פערביטערט!
מיר וועלען זיי אויפנעהמען פריינדליך, ווי ברידער,
מיר וועלען זיי זינגען אַ פרעהליכען נגון,

מיר וועלען צוזאַמען מיט זיי, מיט די אורחים,
אי בענשען, אי לויבען די ליכט און די פרייהייט!"

די וועכטער פון אָבגרונד, דער ווינד און דער שטורעם,
זיי האָבען פערשטאַנען די גרויסע סכנה
און האָבען בעגעגענט די שרעקליכע אורחים
מיט בייזע יללות, מיט אימפעט און צאָרן,
מיט פייפען און קולות פון האַס און פון דראָהונג
די פעלזען די קאַלטע, די טויבע און שטומע,
זיי פאַלען זיך איינע נאָך איינע גאַנץ רוהיג
אין אָבגרונד דעם טיפען, און פאַלען און פאַלען
און לעגען זיך ענג מיט איינאַנדער צוזאַמען,
און וואַקסען אין ים ווי אַ שרעקליכע בריאה.
עס וואַקסט זיך און וואַקסט פון די פעלזען אַ פעסטונג,
אַ שרעקליכער מויער, אַ לאַנגער, אַ ברייטער.
זיין גוף הויבט זיך אָן שוין בעווייזען פון וואַסער
און הויבט זיך אָן ציהען אַלץ העכער און העכער...
עס זענען פערצוימט שוין די וועגען פון אָבגרונד,
עס זענען פער'שטב'ט די ליכטיגע שטראַהלען,
פערשמידט איז דער ים און פערציטערט פון פחד,
און לעקט שוין מיט חניפה די פיס פון דעם רויבער.

---

די כוואַליעס פון ים, די גבורים פון אָבגרונד,
זיי האָבען שוין קלאָר די רציחה פערשטאַנען!
זיי בלייבען צוטומעלט, צורודערט, דערשראָקען
און וואַרפען פערצווייפעלטע אַנגסטליכע בליקען
אין אַלע פיער זייטען פון אָבגרונד און הימעל.
זיי פרובען זיך קייקלען און פליהען ווי פריהער—
און שטויסען זיך אָן אָן די שפיציגע פעלזען
און שפרינגען צוריק אָב מיט קרעכצען און זיפצען
און ווערען צושפרייט, ווי צוהאַקטע מיט שווערדען.

דער גרויזאַמער מויער בלייבט קאַלט ווי אַ תּלין,
עס ציטערט פון שרעק און פון צער דער אָבגרונד,
עס לויפען די כוואַליעס, בעדעקטע מיט טרויער,
זיי שרייען פערצווייפעלט: „פעררעַטונג! פעררעַטונג!
מיר האָבען ווי ברידער בעגעגענט די פעלזען,
די אורחים די קאַלטע, די שטילע, די פרומע,
און זיי, די רמאים, זיי האָבען אָהן רחמים
פערזעצט אונז אין תפיסה, פערצווימט אונז די וועגען,
זיי האָבען בערויבט אונזער ליכט, אונזער פרייהייט,
די פרייהייט, די פרייהייט, די הייליגע פרייהייט!״

עס דונערט און פייפט מיט די כוואַליעס צוזאַמען
דער פאָטער פון אָבגרונד דעם טיפען, דער שטורעם,
עס קלאָגען די וואָלקענס, עס טענה׳ן די ווינדטען.
זיי שרייען: „אָ, פעלזען! אָ, גרויזאַמע פעלזען!
האָט איהר דען אַליין נישט געאָטעמט מיט פרייהייט?
פאַרוואָס-זשע האָט איהר מיט אַ קאַלטער רציחה
גע׳גזל׳ט די פרייהייט ביי אונזערע קינדער?!״
עס ענטפערן קאַלט און פערקומערט די פעלזען:
„מיר, פעלזען, מיר האָבען קיין אייגענעם ווילען,—
מיר טהוען נאָר דאָס, וואָס עס ווערט אונז בעפוילען״.
עס טראָגט זיך אַרום איבער ים ווי אַ קללה
דער פינסטערער ענטפער פון מערדער און שקלאַפען.

דער ווינד און דער שטורעם—זיי פליהען און ברומען
און רופען פון אַלע פיער זייטען די כוואַליעס.
זיי זאָגען זיי אָן וועגען מויער, די בשורה
און פליהען און טראָגען זיך ווייטער און ווייטער
און מיידען דעם ים מיט שרעקליכע פעלזען
און פליהען אַלץ ווייטער און ווערען פערשוואונדען.

די כוואַליעס די אַלטע, די גרויע, די פרייע,
זיי קאָנען קיין שקלאַפישע קייטען נישט טראָגען.

זיי לאָזען אַראָב זיך אין אָבגרונד דעם טיפֿען
און בלייבען דאָרט ליגען פֿערצאָגט און פֿערקומערט,
די כוואַליעס די יונגע, וואָס בלייבען פֿון אויבען,
זיי קייקלען זיך שטיל, ווי געשמידטע אין קייטען,
ווי בלינדע און שטומע פֿערוואָגעלטע שקלאַפֿען...
עס קלינגען נישט מעהר אויף דעם ים קיין נגונים,
קיין שבחים דעם ליכט און דער הייליגער פֿרייהייט.
דער הימעל איז שטענדיג פֿער׳חושכ׳ט, פֿערוואָלקענט
די זון ווען-נישט-ווען שיקט דערשראָקענע שטראַהלען,
זיי פֿאַלען אין פֿינסטערן אָבגרונד ווי טרעהרען.

אַנ׳אַנדערש מאָל טרעפֿט, אַז די כוואַליעס די יונגע,
פֿעראומערט פֿון שקלאַפֿישען לעבען אין תּפֿיסה,
פֿערלירען געדולד און זיי הויבען אָן רעש׳ן
און וואַרפֿען זיך מוטיג אַנטקעגען די פֿעלזען,—
עס גיט זיך קיין ריהר נישט דער פֿינסטערער מויער
עס הערען זיך מעהר נישט ווי קרעכצען און זיפֿצען:
דאָס זענען די יונגע גבורים געפֿאַלען,
זיי האָבען די ברוסט אָן די פֿעלזען צובראָכען,
דער אָבגרונד בעוויינט זיי מיט ביטערע טרעהרען.

עס זענען פֿיל טעג און פֿיל יאָהרען פֿערגאַנגען
עס זענען פֿיל מחנות פֿון יונגע גבורים
געפֿאַלען אין קאַמף מיט די ריזיגע שטיינער.
דער מוט פֿון די כוואַליעס איז שוואַכער געוואָרען
זיי האָבען געליטען די קייטען געדולדיג
און האָבען געהאָפֿט און געוואַרט און געשוויגען.
געהערשט איבער ים האָט אַ שרעקליכער חושך.

עס זענען זיך ווידער פֿיל יאָהרען פֿערגאַנגען,
דערווייל האָבען זיך אָהן אַ רעש געוואַקסען
אין אָבגרונד דעם טיפֿען פֿיל מעכטיגע כוואַליעס,

זיי האָבען זיך שטיל מיט איינאַנדער פעראייניגט
און האָבען פונאַנדערגעשיקט פון זיך שלוחים
אין אַלע פיער זייטען פון ים פון דעם ברייטען,
צו וועקען און רופען די קעמפער די אַלטע.
עס האָבען אַ ביטערן ענטפער געגעבען
די כוואַליעס די גרויע פון תהום פון דעם טיפען:
„מיר האָבען פערלוירען שוין אונזערע כחות,
נישטאָ שוין ביי אונז דער געוועזענער אימפעט,
מיר קאָנען שוין מעהר קיין מלחמה נישט פיהרען!"

עס פליהען די שלוחים אין ווייטע מדינות
און זוכען דאָרט צווישען די בערג און די טהאָלען
דעם ווינד און דעם שטורעם—די וועכטער פון אָבגרונד.
ווייט-ווייט אין דעם מדבר געפינען זייביידען.
„מיר גריסען אייך,—זאָגען זיי,—מעכטיגע קעמפער!
מיר זענען די שלוחים פון אייערע קינדער
און זענען געקומען אייך רופען צום אָבגרונד,
אַז איהר זאָלט אונז פיהרען אין שטרייט פאַר דער פרייהייט,
אַז איהר זאָלט אונז העלפען צוברעכען די צוימען,
צעוואַרפען די תפיסה, דעם מויער פון פעלזען.
עס שרעקט אונז דער טויט נישט! דער קאַמף איז אונז הייליג,
דער ים מוז בעפרייט זיין פון שקלאַפישע קייטען!"

עס האָבען זיך אויפגעוואַכט מונטער און האַסטיג
דער ווינד און דער שטורעם און האָבען געענטפערט:

„מיר פליהען, מיר פליהען מיט שמחה צום אָבגרונד!
מיר פליהען צו פיהרען די כוואַליעס צו קעמפען
אַנטקעגען דעם קאַלטען רוצח פון פעלזען,
מיר פליהען אין שטרייט פאַר דער הייליגער פרייהייט!"

עס שטורעמט און דונערט דער מעכטיגער אויפרוף,
ער וועקט און ער קרעפטיגט די כוואַליעס די יונגע.

זיי שטעלען זיך איינע נאָך איינע אין מחנות
און רייסען זיך פליהען אין שטרייט געגען שונא.
דער שטורעם—ער טראָגט זיך אַרום אין די מחנות,
ער פליהט ווי אַ בליץ און ער זאַמעלט די כוואַליעס,
דער ווינד מאַכט אַן אויפרוף מיט קולות וברקים:
„איהר, מוטיגע! פאָרווערטס פאַר רעכט און פאַר פרייהייט!
אין קאַמף וועט איהר, העלדען, די פרייהייט ערווערבען.

עס פליהען מיט אימפעט די מחנות פון כוואַליעס
זיי טראָגען זיך גיכער, זיי ווערען אַלץ העכער
און וואַרפען זיך האַסטיג, מיט האַסט און מיט צאָרן
אַנטקעגען דעם שטאַרקען און בלוטיגען שונא.
עס דויערט אַ רגע—און ס'פאַלען אין אָבגרונד
הרוגים פערבלוטיגט, צובראָכענע כוואַליעס...
די שפּיציגע פעלזען בעוואַשען זיך רוהיג
מיט זודיגען בלוט פון די מוטיגע קעמפער...
עס קלאָגט און עס יאָמערט דער שטורעם: „אָ, קינדער!
עס איז אייער מחנה די ערשטע געפאַלען
און ס'וועלען נאָך פאַלען און פאַלען קרבנות,
נאָר ענדיגען וועט זיך דער קאַמף מיט נצחון!"

עס פליהען און טראָגען זיך כוואַליעס נאָך כוואַליעס
אין ווינד און אין שטורעם, עס בליצט און עס דונערט,
דער ים איז צורודערט פון טויזענדער קולות,
ער הויבט אָן פערפלייצען די ווייספּעס, די ברעגעס
און קלויבט פאַר די קעמפער אַלץ נייע חברים.

עס פליהען און טראָגען זיך כוואַליעס נאָך כוואַליעס
זיי ווערען אַלץ העכער און שטאַרקער און גרעסער,
קיין סוף איז נישטאָ צו די מוטיגע מחנות,
געפאַלענע רופען די יונגערע ברידער,
זיי זאָלען אויף זייערע ערטער זיך שטעלען.

און דאָרטען, וואו איינצעלנע זענען געפאַלען,
דאָרט פליהען און שטרייטען שוין הונדערט און טויזענד.

עס פליהען און טראָגען זיך כוואַליעס נאָך כוואַליעס,
די נאַכט איז פערגאַנגען, דער הימעל ווערט העלער,
דער שטרייט ווערט אַלץ מעכטיגער, הייסער און שטאַרקער,
דער שטורעם־ווינד אַקערט און רודערט און דונערט,
עס ברענט און עס פלאַקערט אין ים די מלחמה.
דער שטרייט ווערט געפיהרט צו אויף טויט צו אויף לעבען
צושמעטערט מוז ווערען די תפיסה פון פעלזען!

עס פליהען און טראָגען זיך כוואַליעס נאָך כוואַליעס,
עס וואַרפט זיי דער שטורעם מיט האַסט אויף די פעלזען
און באַלד כאַפט ער אונטער אַלץ נייע חילות
און וואַרפט זיי און דרעהט זיי מיט מעכטיגען אימפעט,
עס גיט זיך שוין דייטליך אַ טרייסעל דער מויער,
עס גיבען פאַר פחד אַ ציטער די פעלזען.
זיי ציטערן אָפטער. זיי האָבען פערלוירען
די גאווה די קאַלטע, דעם מוט און די אחדות,
זיי ווערען אַלץ שוואַכער, זיי הויבען אָן קרעכצען
און הויבען אָן ריידען פון רחמים און יושר.

עס פליהען און טראָגען זיך כוואַליעס נאָך כוואַליעס,
זיי פליהען מיט נייע געטאָפּעלטע כחות
און מאַכען דעם אָנפאַל דעם שטאַרקסטען, דעם לעצטען.
דער ים איז פערהילכט פון די שרעקליכע קולות.
עס דוכט זיך, די וועלט האָט פערלוירען די גרענצען.
די כוואַליעס, דער אָבגרונד, די לופט און דער הימעל—
זיי האָבען זיך אַלע פעראייניגט אין שטורעם.
אַ קרעכץ און אַ קראַך! און אַ שרעקליכער דונער...
געפאַלען דער מויער! געפאַלען דער מויער!
געפאַלען די שוואַרצע, די שענדליכע תפיסה,

צושמעטערט, צובראָכען די גרויזאַמע פעסטונג!
בעפרייט איז דער ים, און די פינסטערע פעלזען —
זיי ליגען צוזייט און צושפרייט אין דעם אָבגרונד...

עס רעש'ט דער אָבגרונד און שרייט צו די פעלזען:
„נישט דאָ איז אַנ'אָרט איהר זאָלט ווערען בעגראָבען,
דאָ ליגען די העלדען וואָס זענען געפאַלען
אין מוטיגען שטרייט פאַר די ליכט און די פרייהייט!"
עס האָט זיך דער תהום פון דעם אָבגרונד געעפענט
און האָט די פערפלוכטע מיט קללות דערשלינגען...

---

עס לעבט און עס פרעהט זיך דער ים דער בעפרייטער
עס קרוינט איהם די זון מיט דעם גלאַנץ פון די שטראַהלען,
עס פליהען און טראָגען זיך כוואַליעס נאָך כוואַליעס,
זיי טראָגען זיך רוהיג און פרעהליך און מונטער
זיי טראָגען זיך פריי אויף דעם אָבגרונד אָהן גרענצען
און זינגען אַ שבח פאַר די מעכטיגע העלדען,
וואָס האָבען דאָס לעבען געאָפּפערט פאַר פרייהייט.
געלויבט זאָלען זיין די געפאַלענע העלדען!
אַ ליכטיגע פרייהייט פאַר די, וועלכע לעבען!...

# ווי ג־ליד

(פון נעקראַסאָוו)

שרעקליכע ליידען!... איך בין שוין אָהן כח!...
גלייך ווי אַ קרבן, וואָס אויף דעם מזבח
ציהט מיך די שוואַרצע, די פינסטערע האַנד
פון מיין חולאת... אַ ביטערער שטאַנד!

---

—„וואו ביזטו, געטין פון מיינע לידער?
„קאָן איך נאָך האָפען צו זעהן דיך ווידער?
„קאָן איך נאָך האָפען דיך זעהן איין מאָל?
„קאָן איך נאָך האָפען צו הערען דיין קול?

---

און זי איז געקומען, שוין הינקענדיג, אַלט,
די אויגען פערלאָשען און טויט דאָס געשטאַלט:
„בישטאָ שוין קיין לידער, די ליפען שוין קאַלט!...
איך קום דיר צו זאָגען: די ענדע איז באַלד"...

---

אַ זיפֿץ און אַ כליפּע און שטיל-שוואַכע טריט...
פֿערשוואונדען מיין געטין! געשטאָרבען מיין ליד!

---

נאָר א״דער דער טויט וועט מיר געבען זיין חתימה,
בין איך נישט פֿערלאָזען, בין איך נישט אַליין:
איך הער פֿון מיין מוטער די טייערע שטימע,
איך הער איהרע ווערטער, איך הער איהר געוויין:

---

„גענוג האָט דיך, מיין ליבער זוהן,
„די נאַכט געשטיקט, געבאַקט די זון,
„גענוג געקלעמט דיין האַרץ דאָס ליד—
„שלאָף איין, שלאָף איין, דו ביזט שוין מיד!

---

„ס'איז גאָרנישט שלעכט, מיין זוהן, אין קבר,
„איך בין מיט איהם שוין גוט בעקאַנט
„עס רוהט אָב דאָרטען יעדער אבר:
„פֿון צער דאָס האַרץ, פֿון שטרייט די האַנד.

---

„ס'וועט דיך, מיין זוהן, שוין מעהר נישט וועקען,
„ס'וועט דיך, מיין זוהן, שוין מעהר נישט שרעקען
„קיין שטורעם-ווינד, קיין קעלט, קיין היץ,
„און נישט קיין דונער, נישט קיין בליץ,

---

„און נישט קיין עולה, נישט קיין דין
„און נישט קיין פּליג, און נישט קיין שפּין
„און נישט קיין שטורעם פֿון טרומייטען
„און נישט דער קלונג פֿון ברודערס קייטען!

---

„דער שמן ט׳פֿאַרן ליכט אַנטרינען
„ס׳וועט קלינגען אומעטום דיין ליד,
„דו וועסט אַ שטילע רוה געפֿינען,
„באַי-באַי, שלאָף איין, דו ביזט שוין מיד!...

---

„בעקום דעם קראַנץ פֿון דיינע ליידען,
„פֿערגעס דיין צער, פֿערגעס דיין פּיין:
„מיר וועלען זיך שוין מעהר נישט שיידען...
„באַי-באַי, באַי-באַי, שלאָף רוהיג איין"...

## די מוטערס

(פֿון נעקראַסאָוו)

מיך נעהמט אָן אַ פּחד, מיך נעהמט אָן אַנ׳אימה
אַז מ׳דערצעהלט מיר די שרעק פֿון מלחמות...
ס׳איז נישט די אלמנה, און נישט די יתומה
און אויך נישט די אָרימע יונגע קרבנות,
וואָס וועקען אין האַרצען אַ טיפֿען רחמנות.

---

גאַנץ גיך וועט אַ טרייסט די אלמנה געפֿינען,
דער נעהנטעסטער פֿריינד וועט דעם טויטען פֿערגעסען,
נאָר אָבער ביי איינער אין האַרצען, אין זינען,
וועט זיך אויף אייביג דער אומעט נישט לעשען.

---

דורך אונזער פֿאַלשקייט און אונזער רמאות,
וואו יעדערער זוכט נאָר דעם אַנדערענס טעות
האָב איך בעמערקט, ווי די ליכטיגע שטערען—
נאָר אייניגע ערנסטע הייליגע טרעהרען.

---

דאָס זענען פון מוטערס די ביטערע טרעהרען,
אַ מאַמעס צוועהזאָגט הארץ קאָן נישט שווייגען,
אַזוי, ווי עס קאָנען נישט אויסגעגלייכט ווערען
פון אַלטע ערבות די וויינענדע צווייגען...

## דער קבר

(פון ניקיטין)

דער קבר איז פאַרטיג, דער קבר איז אָפען...
אַ לעבען אָהן פריידען, אַ לעבען אָהן האָפען,
אַ לעבען פון אומעט און ביטערער נויט,
אַ לעבען פון צרות, פון פיין און פון לייד,
אַ לעבען אָהן ליבע, אָהן גליק און אָהן מאַכט,
אַ לעבען—אַ שטילע אַ פינסטערע נאַכט.
טרויעריג ביזטו זיך נעבעך געגאַנגען
און ווי אין מדבר אַ פייער פערגאַנגען!
שלאָף זשע איין רוהיג מיין מזל דער שטרענגער
אַ דירה אַ שמאָלע, אַ פּאַלאַץ אַנ׳ענגער,
עטליכע ברעטער, עטליכע שטיינער,—
און אויף גאָטס וועלטעל ט׳פעלען נאָר איינער
אַ נפש אַ שטילער, אַ נפש אַ קליינער.
דער היזק וועט קיינעם נישט טשעפּען, נישט ריהרען,
אויפ׳ן קבר ט׳קיינער קיין טרעהר נישט פערלירען...
עס הערט זיך פון ווייטען—אַ פויגעלע זינגט,
עס וויינט, עס צוגיסט זיך, עס יאָמערט און קלינגט,—
פויגעלע, שטילער... קיין לידער, קיין טרעהרען,
ווער ס׳ליגט שוין אין קבר, ט׳נישט לעבעדיג ווערען...

# מיין מוטער

(פריי פון יאקובאָוויטש)

מיר האָט זיך מיין מוטער געחלומ׳ט די נאַכט,
געוועזן איז איהר פנים פערצאָגט און פערטראַכט.
זי האָט מיך דערזעהן און האָט זיך צוקלאָגט
און האָט מיר דורך טרעהרען די ווערטער געזאָגט:

---

„אָ, זוהנעלע, זוהנעלע, וועה מיר און ווינד!
„איך האָב דיך פערלוירען, מיין איינציגעס קינד!
„מ׳האָט מיר נאָר איינמאָל בעוויזען דיין פנים
„אין תפיסה דורך ביקסען פון שטרענגע יונים.

---

„איך בין שוין אָהן כח, דאָס האַרץ טהוט מיר וועה
„די האָר פון מיין קאָפּ זענען ווייס ווי דער שניי
„פון ביטערע טרעהרען די אויגען שוין בלינד.
„איך פיהל דיינע צרות, מיין אָרימעס קינד!

---

„דאָס הערט זיך מיר וואָגיג דער קלונגען פון קייטען,
„די שלעסער פון תפיסה דונטען זיך מיר...
„אַ בייזער געדאַנקען!!, זיי ווילען דיך טויטען!!
„דער תּלין... דער יון... דער שומר ביים טהיר...

---

„אָ, זוהנעלע, זוהנעלע! איך בין שוין אַלט...
„כאָטש איין מאָל אַ בליק טהון נאָך אויף דיין געשטאַלט.
„כאָטש איין מאָל אַ קוק טהון נאָך דיר אין די אויגען,—
„און נאָכדעם שוין רוהיג אין קבר זיך לעגען!...

---

מיין אָרימע מאַמע, איך הער דיין געוויין,
עס פאַלט יעדער טרעהר אויף מיין האַרץ ווי אַ שטיין,
און ווען איך וואָלט האָבען דריי לעבענס צו לעבען,
וואָלט איך זיי מיט פרייד אַלע דריי אָבגעגעבען,
און וואָלט ווי אַ פויגעל אַ פרייער געפלויגען
צו קושען מיין מוטער די הענד און די אויגען...

---

נאָר אָבער די קייטען—זיי לאָזען נישט לויפען!...
עס בלייבט נאָר איין מיטעל—דעם נפש פערקויפען...
ווילסטו, מיין מוטער, פון פריידען געניסען:
צו זעהן דיין זוהן אָהן אַ ריינעם געוויסען?...
ווען איך וואָלט די שרעקליכע עולה געטהון
וואָלט איך דען בלייבען ווי פריהער דיין זוהן?

---

איך זעה, ווי מיין מוטער צוגעהט פון געוויין,
איך הער אָבער דייטליך זי ענטפערט מיר:
—ניין!!

# ליד פון קאַטאָרזשניקעס

(פריי פון פּ. יאַקובאָוויטש)

דאָרטען, דאָרטען אין עק וועלט
וואו עס ברענט די שאַרפע קעלט,
ביז די גריבער, טיף אין דר'ערד
אונטער וואַך פון בלויזען שווערד
וועלכער קאָן אונז רוהיג טויטען,
שטעהען מיר געשמידט אין קייטען
מיט די האַלב־געגאָלטע קעפּ,
און עס הערען זיך די קלעפּ
פון די האַמערס אין די ווענדט...
בישט געזשאַלעוועט די הענד
בישט די קרעפטען, בישט די ביינער
האַקען מיר די קאַלטע שטיינער
און מיר האַקען טאָג און נאַכט.
ווער האָט אונז אַהער געבראַכט?
וועמעס זינד און וועמעס מאַכט?...

## סלו־שאַ־אַי!!

(פון גאָלין־מיללער)

ווי שוואַרצע מחשבות ביים מסור אין זינען,
איז פינסטער פון טיף-הערבסט די נאַכט,
נאָך שוואַרצער פאַר איהר איז די תפיסה, דער בנין,
וואָס שטעהט ווי אַ דמיון פערטראַכט.
עס געהען אום רונד און אַרום איהר די וועכטער
און ס'ציהט זיך דער לאַנגזאַמער שריי,
ווי עמיצער שרייט אונטער מעסער ביי'ן שעכטער:
סלו-שאַ-אַי! סלו-שאַ-אַי!

כאָטש הויך איז די וואַנד אַרום פינסטערן מויער,
די שלעסער—געגאָסענער שטאָהל,
כאָטש אַלץ איז פערזונקען אין אומעט און טרויער,
מען הערט נישט קיין מענשליכען קול,—
און דאָך איז די תפיסה נאָך ווייט נישט געשטאָרבען,
דו, וועכטער, פערדרעמעל נישט זיי,
נישט גלויב, אַז אין תפיסה שלאָפט רוהיג אַ קרבן!
סלו-שאַ-אַי! סלו-שאַ-אַי!

אָט שטעהט דער פערהאַפטער ביים פענסטער דעם הויכען,
דער קאָפ ביי דער קראַטע, פערטראַכט,
די ברענענדע אויגען פון פנים דעם בלייכען
פערזונקען אין חושך פון נאַכט.

ס'איז שטיל... נאָר עס שרייט ווען נישט ווען אויס אַ שפּאַרבער,
צי ס'הערט זיך אַ הונדס בילעריי,—
און ס'ציהט זיך דער נגון, דער טרויעריג-האַרבער;
סלו-שאַ-אַי! סלו-שאַ-אַי!

„נישט טעג און חדשים, נאָר יאָהרען און יאָהרען
„זיץ איך דאָ אין תּפיסה פערשמידט!
„מיין האַרץ איז אָהן פרייהייט צעוועהטאָגט געוואָרען...
„ניין! ליידען מעהר קאָן איך שוין נישט!
„אָט דאָרט, הינטער וואַנט, איז די היילינע פרייהייט,—
„און דאָ—נאָר אַ שפּיז אָדער בליי!
„אָ, פינסטערע נאַכט, דו בעוויז מיר דיין טרייהייט!
„סלו-שאַ-אַי! סלו-שאַ-אַי!

אַ שפּרונג און אַ פאַל... גיכע טריט... אַ גערודער...
אַ קנאַק און אַ בליאַסק און אַ שאָס!...
אַ מענש האָט פערגאָסען דאָס בלוט פון זיין ברודער
און פרעגט איהם, און פרעגט איהם, „פאַרוואָס?"
עס הערט זיך דעם שטאַרבענדענס לעצטע יללה:
„—אָ! פרייהייט!... אָ! לעבען!... פערביי!..."
עס ענטפערט אויף דעם נאָר אַ שימף און קללה...
סלו-שאַ-אַי! סלו-שאַ-אַי!

עס האָט דורך דעם וואָלקען די בלייכע לבנה
געגעבען פון הימעל אַ בליק
און ווי אַ פערצאָגטע פערוויינטע אלמנה
בעהאַלטען דעם פנים צוריק.
און ווידער אין תּפיסה איז אַלץ ווי געשטאָרבען,
און ס'יאָמערט דער קול אויף דאָסניי.
ווי עמיצער קלאָגט אויף דעם קבר פון קרבן:
סלו-שאַ-אַי! סלו-שאַ-אַי!

# די שבועה.

## אין זאלציגען ים.

איך זאלציגען ים פון די מענשליכע טרעהרען
געפינט זיך א שרעקליכער תהום
ער קאן שוין נישט טיפער נישט פינסטערער ווערען
איהם צייכענט א בלוטיגער שטראם...

---

דעם תהום האבען טויזענדער יאהרען געגראבען
אמונה און שנאה און פיין,
און טויזענדער יאהרען אלץ טראפען נאך טראפען
עס גיסען זיך טרעהרען צריין.

---

און פול איז דער תהום... דאָס איז יודישע טרעהרען.
נאָר האָט נישט קיין טעות אין זיי:
אַ בלוטיגע טרעהר טהוט דעם קבצן געהערען,
דעם נגיד—אַ ווייסע ווי שניי.

---

נאָר אייך בעלי-מלאכות, אביונים, קבצנים,
געהערט דאָך דער בלוטיגער תהום,
און אייערע „ברידער", די רייכע גזלנים,
געהערט נאָר פון אויבען דער שום.

---

שוין פול איז דער ים און פערפלייצט אַלע ברעגען.
וואו זענען די העלדען, די לייט,
די, וועלכע וועלען זיך מוטהיג דערוועגען
צו וואַרפען אין תהום זיך, אין שטרייט?

---

דעם אַרבייטער ווער-זשע וועט ענדליך ערלייזען
פון הונגער און אייביגע לייד?
און ווער וועט דעם וועג איהם צו פרייהייט בעווייזען
צו ברידערשאַפט, גלייכהייט און פרייד?

---

די גבירישע קינדער, משכילים, רבנים—
זיי רופען אין ציון דעם יוד,
אַ לידעל אַנ׳אַלטע פון אונזערע שונאים:
„אַ געטאָ דעם אייביגען זשיד!"

---

זיי רופען און זוכען, די קאַלטינקע מתים,
פון הייליגע קברים אַ לאַנד,

אונ דאָס, וואָס עס ליידען און זיפצען „הקדושים״—
צו דעם איז מען טויב ווי די וואַנד!

---

משיח און יודענטום -ביידע געשטאָרבען,
אַנ׳אַנדער משיח קומט אָן:
דער יודישער אַרבייטער (גביר׳ישער קרבן)
הויבט אויף שוין פון פרייהייט די פאָהן.

---

דער העלד וועט די וועלט אי בעפרייען, אי היילען,
ער ט׳גרייכען דעם תהום ביז׳ן גרונד!
זאָל לעבען פון רוסלאַנד, פון ליטאָ און פוילען
דער יודישער „אַרבייטער-בונד״!

# אויף װעמען קלאָגט זײן גײסט.

(געװידמעט מײן פרוי, אסתר)

„צװישען דעם שרעקליכען חורבן, פון װאַנען עס האָבען זיך געטראָגען געשרײען אין זיפצען פון די לעבעדיג־בעגראָבענע, האָבען אומגעװאַנדערט מענשען, װי פערלוירענע, האָבען װילד אַרומגעקוקט זיך, װי זײ װאָלטען זיך געשראָקען פאַר אַלעם װאָס זײ האָט אַרומגערינגעלט, אױסשפּרײטענדיג די הענד צום הימעל, האָבען זײ געלעסטערט גאָט. אַנדערע האָבען צובראָכען זײערע הײליגע בילדער, האָבען זײ געטראָטען מיט די פיס, געװאָרפען אין פײער און אין שמוץ״...

(װעגען מעסינאַ ערדציטערניש)

## א

אַ ציטער האָט געטהון
פון טיפען שלאָף די ערד,
װאו, דינענדיג זײן גאָט,
האָט זיך דער שװאַכער מענש
געפּראַװעט שטיל און שװער
זײן לעבענס-פײערטאָג.
און אַ גן-עדן-פעלד,
אַ בליהענדיגעס לאַנד,
איז חרוב און פערװיסט
און דורכגענעצט מיט בלוט...
קײן פּאַלאַץ און קײן קירך.

קיין וויינגאָרטען, קיין הויז,—
נאָר חורבות אָהן אַ צאָהל
אין אַש און שטויב און בלוט
און קברים אָפּענע,
וואָס גוסס׳ן אָהן הילף,
און מתים הויפענווייז,
און איבער זיי—דער טויט
שוועבט אום און שאַלט זיין זיג.
און אָט ביי דיזער שעה,
ווען ס׳האָט די קראַנקע ערד
געציטערט און געזיפצט
און ווען דער הימעל האָט
געדונערט און געברומט
און אינדען פון דעם ים,
צורייסענדיג דעם צוים
געוואָרפען זיך מיט האַסט
אויף דעם געפּלאָגטען לאַנד,—
דאַן האָבען זיך פון שטויב
פיל מענשען ווי ערוואַכט,
די, וועלכע ס׳האָט דער טויט
פערגעסען אין זיין שלאַכט.
—בעטראָגען איז דער מענש
פון הימעל און פון דר׳ערד!!—
האָט זייער שטורעם-קלאָג
פערהילכט דאָס טויטע לאַנד.
און אויסגעשטרעקט די הענד
האָב׳ן זיי מיט אַנגסט און האַס
צום וויימען הימעל-רוים
און האָבען גאָט דעם האַר
געלעסטערט און געפלוכט
פאַר דער צעשטערטער היים
פאַר דאָס פערוויסטע לאַנד

און פאַר די טייכען בלוט
פון ברודער, ווייב-און-קינד.
און נאָכדעם האָבען זיי
די בילדער גאָטס און אַלעס,
וואָס הייליג איז געווען
פאַר זיי ביז יענער צייט,
צוברעכען און פערברענט,
געטרעטען מיט די פיס,
געוואָרפען עס אין שמוץ
און אין חזרים-שטאַל...

ב

אין מענשליכער געזינד
פון אומות פון דער וועלט
איז דאָ איין אַלטעס פאָלק
אַ זקן, זאַט מיט טעג,
אַ לעהרער פון גאָטס דינסט
פון דורות אָהן אַ צאָהל.
דאָס פאָלק האָט אויך געפיהלט
די שטויסונג און די קלעפ
פון דער צורייצטער ערד...
נישט נאָר אַ בייזע שעה,—
צוויי לאַנגע טויזענד יאָהר
האָט אונטער זיינע פיס
געוואָרפען זיך די ערד,
ווי אינדען פון דעם ים
וואָס ווייסען נישט קיין צוים.
דאָס פאָלק האָט אויך פיל מאָל
ביי חורבנ'ס אָהן אַ שיעור
אין פייער און אין בלוט,

אין שטורעם-ווינד פון האַס
פערלוירען אָהן אַ צאָהל
פון זיינע בעסטע זיהן
גבורים, יונג און אַלט,
פערלוירען גוט-און-האָב,
ירושה פון דעם שטאַם
און קערנער פון גליק
געזייעט מיט אַרבייט-שווייס
פאַר'ן קומענדיגען דור.
און ס'האָט פיל מאָל די ערד,
ווי אַ צורייצטער פיינד
געוואָרפען זיך מיט איהם,
ביים קאַלטען האַס און שפּאָט
פון רוחות אַלערליי,
אין אַלע עקען וועלט,
וואו ס'איז נאָר דאָ אַ לאַנד,
וואו ס'איז נאָר דאָ אַ פאָלק.
און ס'האָט זיך ערגיץ נישט
געפונען אויף דער ערד
פאַר זיינע מידע פיס
קיין שטייפער באָדען-גרונד,
קיין רוהיג לאַנד, קיין היים...
דאָס פאָלק האָט אויך די הענד
צום הימעל אויסגעשטרעקט,
נאָר נישט צו פלוכען גאָט...
אין צייט פון בייזע שלעק,
אַז איבער איהם האָט ווילד
געראַשט און געברומט
דער שטורעם-ווינד פון האַס,
פון פייער און פון בלוט
און אונטער זיינע פיס
האָט ברייט געעפענט זיך

פון גיהנום דער תהום
איהם איינצושלינגען גרייט,—
האָט עס זיך פון זיין גאָט
נישט אָבגעזאָגט און האָט
זיין נאָמען נישט פערשוועכט...
נישט קיין נקמה-גאָט
מיט'ן בלויזען שווערד אין האַנד
האָט עס געזעהן דאָרט
אין ווייטען הימעל-רוים,—
געזעהן האָט דאָס פאָלק
אַ צאַרטען פאָטער-גאָט,
אין טרויער טיף פערהילט.
אַ גאָט וואָס האָט בעהעפט
זיין הערשאַפטליכען שטאַנד
מיט'ן גורל פון זיין פאָלק.
און יעדע נאַכט ביי חצות,
אין תפילות און געזאַנג
גיסט אויס דאָס אַלטע פאָלק
זיין טרויער און זיין פיין
נישט אויף דעם אייגען יאָך,
נאָר אויף דעם פ אָ ט ע ר ס צער.
עס וויינט און קלאָגט דאָס פאָלק
און טרויערט נאָר אויף דעם,
וואָס חרוב איז גאָטס הויז
און וואָס די שכינה איז
דערנידערט און פערצאָגט.
עס קלאָגט אויף דעם, וואָס גאָט,
פערוואָגלענדיג זיין פאָלק,
איז אויך אַראָב דערביי
פון קעניגליכען טראָהן
און האָט אויף זיך אַליין
אַרויפגעלעגט דעם יאָך
פון גלות און פון פיין...

# מיין ליד.

מיין ליד איז געוועבט פון טרעהרען און שמערץ,
איך שרייב עס מיט בלוט וואס כ'טריפט פון מיין הערץ...
איך וואלט עס נישט זינגען, כ'וואלט רוהיג געשוויגען,
ווען איך וואלט נאר קאנען מיין אומעט בעזיגען!

---

דו הערסט, ווער ס'צוגיסט זיך פון קלאג און געוויין?
עס יאמערט דער ביטערער עלענד אליין.
אין ליפען, מיט וואונדען אינגאנצען בעדעקט,
מיט צער און בזיונות אינגאנצען פערפלעקט,
מיט שרעק מיט רחמנות קוקט עס ארויס
פון דחקות, פון הונגער, עס שטארבט, עס געהט אויס...

---

די שטילע קרבנות—זיי פאלען ווי פליגען,
פיל יאהרען געליטען—פיל יאהרען געשוויגען.
געפאלען אהן כחות, צובראכען, צומאהלען,
פון הונגער פערגאנגען, פון הונגער געשוואלען,
עס וויינען יתומים, עס קלאגען אלמנות,—
צי זעהט ווער די טרעהרען? צי האט ווער רחמנות?

---

די רייכע, די זאַטע, די רוהיגע מחות,
וואָס אַרט זיי די טרעהרען, די בלוטיגע ליחות?
וואָס אַרט זיי דער ברודער, וואָס טרינקט זיך אין בלוט,
אַז זיי לעבט זיך רוהיג, אַז זיי לעבט זיך גוט?

---

פערפאַלענע זיפצען, פערלוירענע טרעהרען,
די שטיינערנע הערצער וועלען ווייכער נישט ווערען.

---

מיין ליד איז געוועבט פון טרעהרען און שמערץ
איך שרייב עס מיט בלוט, וואָס טריפט פון מיין הערץ,
איך וואָלט עס נישט זינגען, כ'וואָלט רוהיג געשוויגען
ווען איך וואָלט נאָר קאָנען מיין אומעט בעזיגען!...

## דער שניידער.

די שטוב איז קליין, די שטוב איז אַלט,
אין יעדען ווינקעל—מיסט און קויט,
ס'איז פינסטער, אומעטיג און קאַלט,—
אַ קראַנקער שניידער זיצט און נעהט...
דער שניידער נעהט,
די נאָדעל געהט,
דער מוח דרעהט:
ס'איז גרויס די נויט
נישטאָ קיין ברויט,
נישטאָ קיין ברויט!

---

דער פנים געל, פערצאָגט, פערטראַכט,
די נאָדעל רודערט טאָג און נאַכט!
פון צייט צו צייט אַ פוסטער הוסט
האַלט אויף די האַנד, רייסט אויף די ברוסט...
דער שניידער נעהט א. אַ. וו.

---

אין שטוב איז אומעטיג און פוסט.
פון בעט אַ זיפץ, פון וויג אַ הוסט.
אַ קליינער לעמפּעל ברענט זיך שוואַך...
אַ דראָבנער רעגען קלאַפּט אין דאַך...
דער שניידער נעהט א. אַ. וו.

---

—וואָס טהוסט דו, שניידער, אויף דער וועלט?...
„איך... לעב...“—אַ שווידערליכע קעלט
נעהמט אָן ביים האַרץ. פערפלוכטע נויט!
אַז דו הייסט לעבען,—וואָס איז טויט?!
דער שניידער נעהט,
די נאָדעל געהט,
דער מוח דרעהט:
ס'איז גרויס די נויט,
נישטאָ קיין ברויט,
נישטאָ קיין ברויט!

# עלענד.

אַז רונד און אַרום איז אַ פֿינסטערע נאַכט,
אַז אַלץ איז פֿערלוירען: דער מוט און די מאַכט,—
צו וועמען, צו וועמען נאָר קאָן מען זיך ווענדען?
צום נאָהנטען קבר? צום קרוב דעם פֿרעמדען?

---

קאַלט ווי דער טויט איז דער שטיין פֿון מצבה,
קאַלט איז דאָס וואָרט און דער בליק און די טובה,
פֿון יענע וואָס רופֿען זיך „נאָהענטע פֿריינד“.
ס׳איז הייס נאָר די שנאה פֿון בלוטיגען פֿיינד!

---

אַז רונד און אַרום איז אַ פֿינסטערע נאַכט,
אַז אַלץ איז פֿערלוירען: דער מוט און די מאַכט,
דאַן ראַט איך דיר, ברודער, צו קיינעם נישט געהן,
דאַן ראַט איך דיר, ברודער, צו בלייבען אַליין,
ביזט עלענד, ביזט עלענד אָט ווי פֿון אַ שטיין!

## די נאַכט.

די לופט איז קלאָר, דער הימעל ריין,
די נאַכט איז שטיל און פול מיט חן,
די שטערן פינקלען גרויס און קליין,
דער וועג ווייזט אויס פון מירמעלשטיין
און די לבנה רייך און שעהן,
ווי אויסגעטאָקט פון עלפאַנד-ביין...
אָ, שטאַרקער גאָט! דיין וועלט איז שעהן
ווי אַ בריליאַנט אין קייזערס קרוין
און איך, דיין זוהן, ווי פון אַ שטיין,
בין איך אָרעם, עלענד און אַליין.

## צו לעבעדיגע מתים.

פסול'ע מזוזות, שמות, פאַפּוסעס
קריכט הינטער אָרון, קריכט אָהן דבורים!
נייע נוסחאות אויף פיוט און קדושות,
נייע נוסחאות פון נייע סדורים,
ברומען און קלינגען אין אַלע מנינים
נייע סדורים און נייע חזנים.
קריכט זשע אַהין צו די אַלטע הושענות,
לעגט זיך און שטאַרבט ווי געהעריג, אָהן טענות.

* * *

פאר ו. ר.

געבענשט, געבענשט זאָל זיין דיין טאָג און נאַכט
מיין יונגע טויב מיט אָדלערישע פליגעל.
דו האָסט מיין האַרץ פערזיגעלט מיט דיין זיגעל
דו האָסט מיין גייסט בעצויבערט מיט דיין פראַכט.

דו האָסט מיט זיך דעם פריהלינג מיר געבראַכט,
דיין קול—אַ קירכען-קלאַנג פון איידעלסטע מעטאַלען,
די פייער-האָר צושיטען זיך ווי שטראַהלען,
דיין דרייסטער יונגער בליק איז פול מיט מאַכט.

דיין גייסט איז רייך מיט בילדער און געדאַנקען.
דיין לעבענס-לוסט פערפלייצט נאָך נישט די ברעגען
און קלאָר איז נאָך דער בליק פון דיינע אויגען.
אַ צייט וועט קומען און דו וועסט מיר דאַנקען,
וואָס איך האָב אָנגעצייכענט פרייע וועגען,
פאַר אַלע פאַרבען פון דיין רעגענבויגען.

# דאָס נייע ליד.

(געווידמעט פרידה און לייב יאַפע)

## א

שוין טויזענדער יאָהרען
ווי ס'ברענט אונזער דאָרן
אין צער און צאָרן
און ווערט נישט פערברענט.

פון גלות צו גלות
דורך טרעהרען און קללות,
דורך בייזע מפּלות
פון גוי'שע הענד,—

געפלויגען, געלאָפען,
אָהן חייל, אָהן וואָפען,
אָהן היקף און אָהן האָפען,
אָהן ריק און אָהן לענד.

אַ נע ונד אומה
אַ שוואַכע, אַ שטומע
ביי יעדער מהומה
ווער שיער נישט פערלענדט

די הערשער, די גדולים,
די שטאַרקע ערלים,
פאָראויס מיט'ן צלם
געבערענט און געשענדט.

געלעגט אויף אונז יאָכן,
געשריען: „פערקראָכען
אַ ברודיגער שכן
אין מיינע פיער ווענד...

ב

און פלוצלונג אַ וואונדער, וואָס טרעפט זיך נאָר זעלטען:
עס טראָגט זיך אַ בשורה פון מעכטיגע וועלטען,
„ישראל, ערוואַך זיך! צו דיינע געצעלטען,
„דיין נחלה וועט ווערען פערזייהט!

אין שטח פון יודישען גלות דעם ברייטען,
עס פלאַטערן פאָהנען און שאַלען טרומפייטען,
עס הויבען אָן פלאַצען פון גלות די קייטען,
אַ פאָלק איז צום אויפלעבען גרייט.

עס ציהען זיך יודען פון נאָהענט, פון ווייטען,
עס איילען חלוצים פון אַלע פיער זייטען,
צונויפקניפען ווידער מיט ביבלישע צייטען,
די יודישע גאָלדענע קייט!

ג

עס זענען אין אָנפאַנג געוועזען נאָר חלומות
פון העלדישע טהאַטען, פון הייליגע מקומות.

עס האָבען פון חלומות זיך אויסגעוועבט תפילות,
תפילות פון טויזענדער יודישע קהילות.

צוגאָסען זיך האָבען די תפילות אין טרעהרען,
אין קלאָרע און צאַרטע, ווי לויטערע שטערען.

עס האָבען די טרעהרען געשאַפען פערלאַנגען
צו אויפלעבען צייטען, וואָס זיינען פערגאַנגען.

אויסגעשמידט האָבען פערלאַנגען אַ ווילען,
וואָס שטעלט זיך ווייט-גרייכענדע, ריזיגע צילען,

אַ מעכטיגער ווילען וועט וואונדער בעשאַפען,
ער ט'מאַכען פאַר העלדען די נעכטיגע שקלאַפען!

1920 23/V

# אינהאלט

פון

# אכטען באנד

## ערשטע אָבטיילונג

### הומאָרעסקען


| | זייט |
|---|---|
| אשמדאי (1904) | 5 |
| בריף פון יענער וועלט | 83 |
| זייער „הגדה של פסח" | 123 |


## צווייטע אָבטיילונג

### לידער


| | |
|---|---|
| דער צושמעטערטער ים-צוים | 135 |
| וויג-ליד | 145 |
| די מוטערס | 147 |
| דער קבר | 148 |

| | |
|---|---|
| | ז״ט |
| מיין מוטער | 149 |
| ליד פון קאַטאָרזשניקעס | 151 |
| סלושאַ־אַ־י | 152 |
| די שבועה | 154 |
| אין זאַלציגען ים | 155 |
| אויף וועמען קלאָגט זיין גייסט | 158 |
| מיין ליד | 163 |
| דער שניידער | 164 |
| עלענד | 166 |
| די נאַכט | 167 |
| צו די לעבעדיגע מתים | 〃 |
| * * | 168 |
| דאָס נייע ליד | 169 |

ש. אַנ–סקי

(שלמה־זנוויל ראַפּאָפּאָרט)

# געזאַמעלטע שריפטען

## ניינטער באַנד

פערלאַג „אַנ־סקי"

ווילנאָ־ווארשא־ניו־יאָרק תר"פ"ד — 192

אויסגעפירהט דורכן פערלאַג ש. שרעבערק.

פערקויף געזעלשאַפט „צענטראַל" ווארשא

Printed in Poland.

SZ. AŃ—SKI.

Tom dziewiąty

# W PRĄDZIE

Warszawa, 1922

Wydawnictwo „AN—SKI" Wilno-Warszawa-Nowy-Jork.

---

SH. AN—SKY

Volume ninth

# IN THE STREAM

Warsaw, 1922

Publishing Company „AN-SKY" Vilno-Warsaw-New-York

Druk. Sikora i Mylner. Warszawa, Nowolipki 6.

ש. אַנ—סקי.

# אין שטראָם.*)

## ערצעהלונג

*) די ערצעהלונג איז איבערגעדרוקט לויט דער איבערזעצונג פון „פריינד" 1907. לויט דעם רוסישען טעקסט זענען אין דער איבערזעצונג געמאַכט געוואָרען איינינע קופּירען, ווארשיינליך לויט דעם ווילען פון מחבר. מיר האָבען דעריבער די קופּיורען איבערגעלאָזט אויך אין דעם איצטיגען איבערדרוק.

רעד.

איבערדרוקען און איבערזעצען אָהן דער ער־
לויבעניש פון אויטאָרס צואה־פערוואַלטער
איז שטרענג פערבאָטען.

Copyright Dr. Ch. Zhytlowsky
Marquand Ave Bronxville
New-York. U. S. A.

הילע פון י סף זיידענבייטעל.
ו
צינקאָלישען אויסגעפיהרט דורך ח. גאָלדבערג.

דעם זאַץ האָט אויסגעפיהבט פייגע שריפטגיסער.

„ואעבור עליך ואראך מתובססת בדמיך
ואומר לך בדמיך חיי, בדמיך חיי“.
(יחזקאל ט״ז, ו׳)

# א

אַ הייסער תמוז-טאָג 1905.

אויף דער גרויסער גאַס פון דער שטאָט ב. (אין ליטאָ), איז מיד און לאַנגזאַם געגאַנגען אַ פרוי מיט אַ קאָשיק אין האַנד. דער קאָשיק איז געווען צוגעדעקט מיט אַ שמוציגען האַנדטוך. די פרוי האָט אויסגעוויזען כמעט ווי אַ יונג מיידעל; זי איז געווען אַ קליינינקע, אַ דאַרע, מיט אַ גלאַטען שטערען און מיט גרויסע, טיף-זיצענדיגע אויגען. אַנ׳אַלט, אָבגעקראָכען קליידעל און אַנ׳ענגע קאָפטע, האָבען פעסט אַרומגענומען איהר מאָגערן גוף. נאָר צוקוקענדיג זיך בעהנטער, איז נישט שווער געווען צו דערקענען, אַז דאָס איז נישט קיין יונג מיידעל, נאָר אַ דאַרע, אַלטיטשקע פרוי מיט אַנ׳איינגעשרומפענעם, ווי וואַקס געלען געזיכט און מיט איינגעפאַלענע אויגען. פון אונטערן טיכעל, וואָס איז געווען אָנגערוקט אויף איהר שטערען, האָבען זיך געזעהן גרויע האָר. איהר שרעקליכע דאַרקייט, די געלקייט פון איהר פנים און די גאַנצע פיגור איהרע, האָבען דייטליך געוויזען, אַז זי האָט אויף איהר לעבען פיל איבערגעליטען. די

אַלטיטשקע האָט מען גערופען אסתּר די שוסטערקע, מען האָט זי אויך גערופען: „די יודענע מיט באָב“. זי איז געווען אַנ׳-אַלמנה. איהר חיונה האָט זי געצויגען פון דעם, וואָס זי האָט געהאַנדעלט מיט געקאָכטען באָב, וואָס זי פלעגט פונאַנדערטראָגען איבער׳ן שטאָדט. כּמעט עס איז נאָך געווען גאַנץ פריה, האָט שוין אסתּר בעוויזען אַרומצוגעהן עטליכע גאַסען און אויסברענגען אַ טייל פון איהר סחורה. איצט איז אסתּר אַוועק אויפ׳ן מאַרק.

דער מאַרק איז געווען כּמעט אויף עק שטאָדט, אויף אַ גרויסען און שטענדיג בלאָטיגען פּלאַץ. פוןביידע זייטען זענען געשטאַנען עטליכע רייהען הילצערנע קרעמלעך, וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי ביידלעך, מיט אַלערליי וואָלוועלע סחורות. דאָ אויפ׳ן מאַרק זענען אויך געשטאַנען טישלעך מיט ברויט, פליישׁ און אַנדערע עסענוואַרג. עס זענען געזעסען הענדלערקעס ביי זעק מיט אוגערקעס, קאַרטאָפעל און ביי קאָשיקעס מיט אויבס. דאָ זענען אַרומגעגאַנגען טענדלער, טרעגער און נאָך אַנדערע מאַרק-לייט. אין די מאַרק-טעג, בשעת עס פלעגט פאָרקומען דער האַנדעל, פלעגט דאָ הערשען אַ נערוועזע אויפרעגונג און לעבעדיגקייט. עס פלעגען זיך הערען פערשידענע קולות, געשרייען, שיכּור׳ע לידער, קריגערייען און זידלעריי. אין די וואָכעדיקע טעג פלעגט דער מאַרק זיין אינגאַנצען ווי אויסגעשטאָרבען—דער גאַנצער מאַרק איז געווען פוסט, אָהן מענשען. די קרעמערקעס און די הענדלערקעס זענען געזעסען אויף זייערע ערטער, ווי שלאָפעדיגע היהנער אין זייערע שטייגען.

היינט איז קיין מאַרק-טאָג נישט געווען, און דאָך האָט דאָ געהערשט אַ לעבהאַפטע בעוועגונג. די קרעמערקעס, די הענדלערקעס און די איבעריגע שטענדיגע מאַרק-מענשען, זענען געשטאַנען אין רעדלעך און מען האָט וועגען עפּעס גערעדט מיט היץ.

אסתּר, וועלכע איז נאָך פון לאַנג-אָן געווען בעקאַנט מיט דעם מאַרק-לעבען, מיט אַלע קרעמערקעס און הענדלערקעס, האָט נאָך פון וויטען בעמערקט די אויסערגעוועהנליכע בעוועַ-

גונג און האָט זיך גלייך אָנגעשטויסען, אַז דאָ איז, אַפּנים, פאָרגעקומען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אויפגערעגט דעם גאַנצען מאַרק. זי האָט צוגעאיילט איהרע טריט, און מיט אַ געפיהל פון אומרוהה איז זי צוגעגאַנגען צום נאָהנטסטען רעדעל מענשען, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון אַ גאַלאַנטעריי-קרעמעל. די בעל-הבית'טע פונ'ם קרעמעל, בלומע, אַ הויך, דאַר ווייבעל, מיט אַ לענגליכען פּנים, אָהן פאָדערשטע צייהן, האָט די ערשטע דערזעהן אסתּר'ן און זיך אַ וואָרף געטהון צו איהר מיט אַ מין פרייד.

—אָט איז אסתּר אויך!—האָט זי אויסגעשריען מיט אַזאַ טאָן, ווי זי וואָלט נאָר געוואַרט אויף איהר.—וואָס זאָגט איהר, אסתּר'קע, אויף דעם גרויסען אומגליק, וואָס אונז האָט געטראָפען? מען האָט דאָך דער'הרג'עט סטעפּאַן דעם געלען.

סטעפּאַן איז געווען אַ גאָראָדאָוואָי, און זיין אָרט איז כמעט שטענדיג געווען אויפ'ן מאַרק, דעריבער איז ער גוט בעקאַנט געווען דעם מאַרק-עולם.

אסתּר האָט זיך פון שרעק אַזש אַ טרייסעל געטהון. אַ שוואַכע פון דער נאַטור, איז זי די לעצטע צייט נאָך מעהר נערוועז געוואָרען, און ביי יעדער אומגעריכטער בשורה פלעגט זיך ביי איהר—ווי זי פלעגט עס אַליין אָנרופען—„ווי עפּעס אָברייסען אין האַרצען".

—וואָס רעדט איהר!—האָט זי אויסגעשריען אין איין שרעק.

—ווי איך בין אַ יודישע טאָכטער!—האָט בלומע געענט-פערט גיך און פרעהליך.—דערשטאָכען אויף טויט!

—נעבען זיין אייגענער שטוב, ווי ער איז נאָר אַרויסגע-גאַנגען, האָט מען איהם גלייך-געלעגט אויפ'ן אָרט גופא,—האָט צוגעגעבען אַ געל מיידעל, מיט זומערשפּרענקעלעך אויפ'ן פּנים, וואָס איז געזעסען ביי אַ טישעל מיט ברויט.

—און קיינעם נישט געכאַפּט! קיינעם נישט געכאַפּט!—האָט צוגעגעבען אַנ'אַנדערע.

אסתּר איז נאָך אַלץ נישט געקומען צו זיך און האָט מיט

אַ פרעגענדיגען בליק געקוקט אַרום זיך. אָבער דאָס געלעכטער און די פרעהליכע פנימ׳ער, וואָס אַרום איהר, האָט זי עטוואָס בערוהיגט, און זי האָט אַרויסגערעדט מיט אַ שוואַכען שמייכעל:

—נו, ווער עס וועט נאָך איהם ווייגען מיט איין אויג, זאָל יענעם אַרויסקריכען דאָס אַנדערע!

—עס דארף איהם נאָר הנך-בערל בעקלאָגען! יענע וואָך האָט איהם סטעפּאַן אויסגעריסען אַ האַלבע באָרד.—האָט זיך אָבגערופען אַ הענדלערקע מיט אוגערקעס, וואָס איז געזעסען אויף דר׳ערד.

—ציפּע וועט מסתמא אויך האָבען גרויס צער, וואָס מען האָט איהם דער׳הרג׳עט,—האָט צוגעגעבען אַ יונגע קרעמערין, וואָס איז נאָר-וואָס צוגעגאַנגען.—איהר געדענקט, ווי ער האָט געכאַפּט אַ הויפען מיסט און אַריינגעוואָרפען איהר אין קר׳אָם אַריין אויף די הערינג, אויף די פּוטער, אויפ׳ן מעהל? אודאי אויף צוויי קאָרבען סחורה גע׳פּטר׳ט איהר.

—און מיר?—האָט זיך אָבגערופען בלומע.—מיר האָט ער אויך צוויי מאָל אַריינגעוואָרפען מיסט אין קראָם, דערפאַר וואָס איך האָב איהם נישט געגעבען אַזוי גיך דעם צעהנער.

—ביי מיר האָט ער דאָס בלוט אויסגעזויגען,—האָט צוגע-געבען דאָס געלע מיידעל.—ערשט יענעם מיטוואָך האָב איך איהם אַ צעהנער געגעבען, און נעכטען האָט ער שוין ווידער געבעטען. נאָך גוט, וואָס איך האָב איהם נישט געגעבען... איך האָב איהם צוגעזאָגט הייגט צו געבען.

—איצט, אַז מען וואָלט גע׳פּטר׳ט מיכאַלקע דעם לאַנגען,— האָט זיך אָבגערופען מיט אַ רוהיגען טאָן אַ טרעגער, שוין אַנ׳-עלטערער מענש.

—זיי רוהיג, ווען די „אָרגאַניזאַציע״ האָט זיך שוין גע-נומען פאַר זיי, וועט זי זיך שוין מיט מיכאַלקע׳ן אויך אָברע-כענען!—האָט בלומע רוהיג אַ זאָג געטהון.

—פון וואַנען ווייסטו, אַז סטעפּאַנ׳ען האָט דער׳הרג׳עט עמ׳ץ פון דער „אָרגאַניזאַציע״?—האָט אַ פרעג געטהון מיט אַ

קוים בעמערקבאַרען טאָן פון פּראָטעסט אַ בלייך מיידעל, וואָס איז געשטאַנען ביי אַ קרעמעל מיט פּאַרטיגע קליידער.

—געוויס די „אָרגאַניזאַציע"!—האָט זיך בלומע אָבגערופען ענטשלאָסען.

—און איך רעכען, אַז געוויס נישט די „אָרגאַניזאַציע",—האָט געענטפערט מיט אַ פעסטער שטים דאָס בלייכע מיידעל.—אַט זאָל עלקע זאָגען!—האָט זי צוגעגעבען, אַ קעהר טהוענדיג זיך צום מיידעל, וואָס איז געשטאַנען בייםביידעל מיט זעלצער-וואַסער.

עטעל, וועגען וועלכער מען האָט גערעדט אויפ'ן מאַרק, אַז זי האָט אַ שייכות צו דער אָרגאַניזאַציע, איז פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צו דעם רעדעל און, אַ ביסעל אויפהויבענדיג דעם קאָפּ, האָט זי אַ זאָג געטהון מיט אַ זיכערן טאָן:

—איך בין איבערצייגט, אַז דאָס איז נישט די אָרגאַניזאַציע, אַז איך זאָג, ווייס איך וואָס איך זאָג. די אָרגאַניזאַציע האָט אַ פּראָגראַם... אין דער אָרגאַניזאַציע זענען נאָר בעוואוסטזיניגע אַרבייטער, און זיי איז פערבאָטען אַזוינע זאַכען. דאָס רופט זיך „טערעריסט"—האָט זי צוגעגעבען מיט גאוה.

—און די „קעמפּער"? זיי האָבען דאָך ביי זיך „שפּייערס",—האָט זיך אָבגערופען מיט אַ נישט זיכערן טאָן אַ יונג מיידעל.

—מיש זיך נישט, אַז דו ווייסט נישט!—האָט אויף איהר במעט ווי אָנגעשריען עטעל:—חברים... צי „קעמפּער" זענען מעהר נישט, כדי צו נויטען צומאַכען די קראָמען ווען מען דאַרף, אָדער, כדי אָנצושרעקען ווענען עס איז. נאָר הרג'ענען—דאָס האָבען זיי נישט קיין רעכט! אַז איך זאָג, ווייס איך וואָס איך זאָג.

דאָך האָט אויף בלומען איהר זיכערער טאָן קיין שום איינדרוק נישט געמאַכט און, פונאַנדערלאַכענדיג זיך, האָט זי גלאַט אַ זאָג געטהון:

—נו, נאַרישקייט, צוליב סטעפּאַן דעם געלען האָט די אָרגאַניזאַציע געקאָנט אַנדערש פּסק'ענען.

עטעל האָט צונויפגעפּרעסט די ליפּען און, מיט דעם אויס-

זעהן פון אַ מענשען, וואָס איז טיף בעליידיגט אין זיינע פעסטע געפיהלען, איז זי שווייגענדיג אַוועק צו איהר קרעמעל.

אסתר האָט זיך מיט אַנ'אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט צוגעהערט צו זייער שמועס. די פראַגע, צי האָט די „אָרגאַניזאַציע" אַ שייכות צו סטעפּאַנס טויט, האָט אסתר'ן שטאַרק בעאונרוהיגט, כאָטש זי האָט זיך בעמיהט נישט אַרויסצווייזען עס. די אַלטיטשקע האָט געוואוסט, אַז איהר עלטערע טאָכטער, באַשע, איז אין דער אָרגאַניזאַציע, אַז זי שפּילט דאָרט אפילו אַ היבשע ראָלע, און איהר האָט נישט געלאָזט רוהען דער געדאַנק, צי האָט נישט איהר באַשע אויך אַ וואָסער נישט איז שייכות צו דער הריגה. איהר האָט נישט פערדראָסען אויף דעם בייזען גאָראָדאָוואָי, פון וועלכען זי האָט אויך נישט איינמאָל בעקומען אַ שטויס, נאָר צוגלייך האָט זיך איהר ליידענשאַפטליך געוואָלט, אַז די „אָרגאַניזאַציע" זאָל דערצו קיין שום שייכות נישט האָבען.

זי איז אַוועק ווייטער איבער'ן מאַרק און האָט גענומען אויפמערקזאַם צוהערען זיך צו די רייד. אומעטום האָט מען גערעדט וועגען סטעפּאַנ'ען, מען האָט דערמאָהנט, וואָס מען איז פון איהם אויסגעשטאַנען, זיין אכזריות און בלוט-זויגעריי. אַלע זענען געווען צופרידען, וואָס מען האָט איהם דער'הרג'עט, נאָר וואו-נישט-וואו האָבען זיך געהערט אויך אַנדערע רייד.

—פונדעסטוועגען, אַז איך האָב דערהערט, אַז מען האָט איהם דער'הרג'עט, האָט זיך ביי מיר ווי עפּעס אָבגעריסען אין האַרצען,—האָט געזאָגט אַנ'עלטערע, דיקע יודענע, וואָס איז געזעסען אויף אַ בענקעל ביי זיך נעבען קראָם. זי האָט גערעדט הויך און אויף אַזאַ אופן האָט זי זיך דורכגעשמועסט מיט די איבעריגע, וואָס זענען געזעסען נעבען זייערע קראָמען.

—זאָל זיך זיין אַ שלעכטער גאָראָדאָוואָי, אַ משוגע'נער, אַ גזלן, מען איז פּאָרט צו איהם שוין געווען צוגעוועהנט,— האָט מוסיף געווען אַנ'אַלטע יודענע מיט אַ צוקנייטשט פּנים און טרעהרענדיגע אויגען, וואָס איז געזעסען נעבען אַ קאָשיק מיט עפּעל.

—און ווער ווייסט, ווער עס וועט איצט פערנעהמען זיין אָרט! איהר ווייסט דאָך, ווי מען זאָגט: „אויף אַ רשע טאָר מען קיין מפלה נישט בעטען, אויף זיין אָרט קאָן נאָך קומען אַנ׳-ערגערער.

—סטעפּאַן האָט לכל הפחות גענומען,—האָט זיך אָבגערו-פען אַ דריטע קרעמערין.—פּאַר אַ גלעזעל בראָנפען אָדער פּאַר אַ צעהנער, האָט מען געקאָנט מיט איהם מאַכען, וואָס מען וויל.

—ער איז גאָרנישט געווען אַזאַ שלעכטער,—האָט צוגעגע-בען אַ נידעריגער הענדלער, מיט אַ ביסעל אַ דערשראָקענעם פּנים.—פערשטעהט זיך, אַ גאָראָדאָוואָי, האָט ער געשריען, אָבער עס טרעפען זיך נאָך ערגערע פון איהם.

פון אַ קעלער, וואו עס איז געווען אַ שפּייז-קרעמעל, איז אַרויסגעגאַנגען אַ דאַרע אַלטיטשקע, מיט אַ שפּיציגען, מאָגערן פּנים, אין אַ שוואַרצען טשעפּיק, און האָט אַ זאָג געטהון האַס-טיג און פעסט:

—איך טענה מיינס: זיי וועלען זיך דערשפּילען, די גזלנים, אַרומלויפען איבער די גאַסען איז ווייניג, האָבען זיי גאָר אָנגעהויבען הרג׳ענען גאָראָדאָוואָיעס, וואָס, מען וועט זיי דאָס שווייגען?

—נעכטען ביינאַכט האָב איך געזעהן, ווי מען האָט גע-פיהרט פיער מיידלעך. גלייך אין אָסטראָג אַריין האָט מען זיי געפיהרט... פון יענער חברה...—האָט אַ זאָג געטהון דער הענד-לער מיט אַלטוואַרג.

—דאָס, וואָס מען האָט זיי געפיהרט, האָב זיי דאָס שוואַרץ יאָהר!—האָט אויסגעשריען די דאַרע אַלטיטשקע.—נאָר איבער זיי קומען אַלע צרות, אַלע אָנשיקעניסען. איהר וועט זעהן, עס וועט נאָך זיין אַ פּאָגראָם אויך!

—מען רעדט שוין וועגען דעם,—האָט צוגעגעבען דער טענדלער.

—אַז צוויי וואָכען איז גאָר שטיל געווען, קאָנען זיי דאָס אויסהאַלטען, וואָס? איהר וועט זעהן, איצט וועט זיך אָנהויבען. פערברענט זאָל ווערען די גאַנצע „אָרגאַניזאַציע״ זייערע.

—שאַ! וואָס האָט איהר צו דער „אָרגאַניזאַציע"? וואָס האָט זי אייך געטהון? פון וואַנען ווייסט איהר, אַז דאָס איז איהר זאַך?—האָט זיך אָבגערופען אַנ'עלטערע יודענע, וואָס איז געזעסען נעבען אַ זאַק מיט אוגערקעס.

—גיכער פון אַלץ, האָבען דערין די עס-ערן אַ יד...—האָט זיך אָבגערופען מיט אַ האַלבען מויל אַ קרענקליכער יוד מיט אַ טרויעריג אויסזעהן, וואָס איז געשטאַנען נעבען אַ הייפעל אַלטען שוכוואַרג.

—עס-ערס—פרעסערס! האָב זיי אַלעמען דאָס שוואַרץ יאָהר!—האָט געשריען די אַלטיטשקע.—איך וואָלט געגעבען צעהן קאָפּיקעס אויף ר' מאיר בעל-הנס, אַז מען וואָלט זיי אַלעמען געכאַפּט און אַריינגעזעצט...

—שאַ, חנה, שרייט נישט אַזוי,—האָט זי איבערגעשלאָגען די יודענע מיט די אוגערקעס;—אַז זיי וועלען דערהערען, וואָס איהר שרייט דאָ, וועט איהר, דוכט זיך, קיין גרויס הנאה נישט האָבען...

פון קעלער האָט זיך אויפגעהויבען אַנ'אַלטער יוד, אַ הויכער, מיט אַ גרויער באָרד און, אַ שלעפּ טהוענדיג די אַלטיטשקע פאַר'ן אַרבעל, האָט ער אַ געשריי געטהון מיט כעס:

—וואָס האָסטו זיך פונאַנדערגעשריען? וואָס האָסטו זיך צוקאָכט? ניין מאָס רייד איז ביי דיר! שווייג!

די אַלטיטשקע איז מיטאַמאָל ווי מבובל געוואָרען, געבליבען אָבהענדיג און אויסגעשטאַמעלט:

—וואָס האָב איך אַזוינס געזאָגט?... איך האָב גאָרנישט געזאָגט...—און זי האָט זיך גלייך אַראָבגעלאָזט נאָכ'ן אַלטען צוריק אין קעלער.

אסתּר האָט אַ שמייכעל געטהון און איז אַוועק ווייטער איבער'ן מאַרק. אויף דעם אַנדערן עק מאַרק איז געשטאַנען אַ רעדעל יונגעלייט. אסתּר איז צוגעגאַנגען אַהין.

—איצט וועט זיך שוין אָנהויבען!—האָט גערעדט מיט היץ אַ דאַרער בחור, כמעט נאָך אַ יונגעל, אַ בלייכער, אַנ'אָבגעריי-

סענער.—איך ווייס! דאָס איז מעהר נישט אַנ'אָנהויב. „זיי" ווע־לען זיך אַ נעהם טהון צו דער אַרבייט!

—איך האָב געהערט, אַז באַלד וועט ווייטער זיין אַ דע־מאָנסטראַציע,—האָט אַ זאָג געטהון, דורכשטופענדיג זיך אין רע־דעל אַריין, אַ הויך מיידעל מיט אַ פאַטשיילקע אויף די פלייצעס.

—אוי, ס'אַר אַ חיות, ס'אַר אַ גוטסקייט ס'וואָלט געוועזען!—האָט אויסגעשריען פרעהליך אַ דאַר מיידעל, מיט אַ בלייכען פּנים און טרויעריגע אויגען, וואָס איז געשטאַנען מיט ברויט נעבען אַ טישעל.—איהר געדענקט די דעמאָנסטראַציע פון 1-טען מאַי, ווי מען איז דאָס געגאַנגען מיט רויטע פאָהנען און מען האָט געזונגען?—האָט זי צוגעגעבען נאָך מיט מעהר לעבע־דיגקייט.

—געדענקסט, ווי מען איז דאָס געגאַנגען איבערן מאַרק?—האָט זיך געווענדט צו איהר אַנ'אַנדער מיידעל.—די פאָהן האָט געטראָגען סאָניע מענדערסאָן. דאָ, נעבען מיר איז זי דורכגע־גאַנגען, איך זאָל אַזוי האָבען גליק! זי איז געווען אין אַ ווייסען קראַגעלע מיט אַ שניפּסעל, פונקט ווי אַ בחור. זי איז גע־גאַנגען גלייך און געזונגען: „מי זשערטוואָי פּאַלי!"

—אַי, געה! מען האָט גאָר געזונגען „ראַבאָטשי נאַראָד" און די „שבועה",—האָט איהר איבערגעשלאָגען נאָך איינע.

—און איהר געדענקט, ווי מען האָט צוגעמאַכט די קראָ־מען?—האָט דערמאָהנט מיט דער אייגענער התפעלות דער בליי־כער און אָבגעריסענער בחור.—גדלקע, גדלקע—ווי ער איז דאָס אַרומגעלאָפען!

די ערינערונג האָט פערשאַפט אַלעמען גרויס הנאה. אַ מיידעל מיט שוואַרצע אויגען האָט זיך צורעדט מיט בעגייס־טערונג:

—גדלקע! אַ קליינינקער, מען זעהט איהם פון דער ערד נישט, און ער לויפט און פליהט פון איין קראָם צו דער אַנ־דערער: „אין נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע בעט איך אייך צו־מאַכען די קראָם"—און אַלע האָבען גלייך צוגעמאַכט. אָט איז געווען אַ חיות צו קוקען.

—דו ווייסט, גדלקע טראָגט דאָך אַלעמאָל מיט זיך אַ „שפייער״,—האָט שטיל און ערנסט אַ זאָג געטהון דאָס דאַרע מיידעל מיט די טרויעריגע אויגען.

—גדליה—אויך מיר אַ מענש.—האָט זיך כמעט מיט פער-אַכטונג אָבגערופען אַנ׳אַנדער מיידעל.—אשר דער „בונדאָוויעץ״—אָט דאָס איז אַ מענש! איהר האָט געהערט, ווען עס איז, ווי ער רעדט? איך האָב געהערט. „חברים״ זאָגט ער—און דאָס מיידעל האָט אָנגעהויבען איבערזאָגען מיט בעגייסטערונג זיין רעדע:—„מיר שטאַרבען פון הונגער, געהען נאַקעט און באָר-וועס, און די בורזשויעס זיצען זיך אין די מויערן זייערע און טרינקען אונזער בלוט!״... אוי-אוי, ווי ער האָט גערעדט!

—שאַ, שטילער! מיכאַלקע געהט!—האָט מען זיך אָנגע-הויבען צו שושקען. עס איז תיכף געוואָרען שטיל. דער עולם האָט זיך גענומען פונאַנדערגעהן.

פּאַמעליך, כמעט אויטאָמאַטיש, איז זיך געגאַנגען איבער׳ן מאַרק דער הויכער גאָראָדאָוואָי מיכאַלקע. ער האָט געקוקט שטרענג, נאָר פון צייט צו צייט פלעגט ער אַ געשריי טהון צו די קרעמערקעס: „צונעהמען! אויסראַמען!״ און די קרעמערקעס פלעגען זיך איילען ערפילען זיין בעפעהל.

צוגעהענדיג צום צווייטען עק מאַרק, האָט זיך מיכאַלקע אָבגעשטעלט נעבען אַ יודענע מיט אוגערקעס. אַ ווייל איז ער געשטאַנען ווי פערטראַכטערהייד, דערנאָך האָט ער פּאַמעליך אַריינגעשטעקט די האַנד אין זאַק, אַרויסגענומען פון דאָרט אַנ׳אוגערקע און אָבגעביסען. ער האָט רוהיג אויפגעגעסען די אוגערקע און שטיל און זיכער געזאָגט:

—אין פּאָליציי ווייסט מען שוין, ווער עס האָט סטעפּאַנ׳ען דער׳הרג׳עט. ביינאַכט וועט מען איהם כאַפּען.

—נו-נו?

—איך זאָל אַזוי לעבען!—האָט אַ זאָג געטהון נאָך זיכע-רער מיכאַלקע.—און וואָס האָסטו געמיינט?—האָט ער צוגעגעבען מיט אַ שמייכעל—מען וועט איהם נישט געפינען? די פּיסקאַלען וועלען איהם נישט אַרויסגעפינען? אָהאָ! און אַז מען וועט איהם

כאַפּען, וועט מען זיך שוין מיט איהם אָברעכענען, ווי ס׳בעדאַרף צו זיין!

—מען וועט איהם איבערגעבען צום סוד?—האָט איבערגעפרעגט די יודענע שטיל און האַלב-דערשראָקען.

—וואָס פאַר אַ סוד? גלייך אַ קויל אין האַרצען און פאַרטיג!—האָט בעשלאָסען מיכאַלקע.

און בערוהיגענדיג זיך אויף דעם בעשלוס, האָט ער זיך ווייטער גענומען צו דער אוגערקע.

## ב

אסתר איז אַוועק פון מאַרק אין אַ שווערער, אומרוהיגער שטימונג. עפּעס האָט איהר געזאָגט דאָס האַרץ, אַז מיט דער ערמאָרדונג פון סטעפּאַנ׳ען וועלען זיך ווידער אָנהויבען אונרוהען, אַרעסטען, דעמאָנסטראַציעס. עס קאָן זיין, אַז ס׳וועט קומען אפילו צו אַ שיסעריי, ווי ווינטער, בשעת די גרויסע אומאָרדנונגען. דער אַלטיטשקער האָבען זיך פאָרגעשטעלט בילדער פון אַלערליי שרעקען, און אין די אַלע בילדער האָט די הויפּטראָלע געשפּילט איהר טאָכטער. און אין דערזעלבער צייט האָט זי קלאָר און דייטליך פערשטאַנען, אַז זי איז גאָרנישט אימשטאַנד צו טהון געגען דעם אומגליק, וואָס רוקט זיך אָן. „נו, וואָס קאָן מען מאַכען! מיר זענען דאָך אַלע מעהר נישט ווי מענשען, און אַלע זענען ביי גאָט אין די הענד! וואָס דער איבערשטער וועט בעשערען, דאָס וועט זיין!”

פאַר די לעצטע יאָהרען האָט אסתר פיל איבערגעלעבט און איז צו פיל זאַכען געוועהנט געוואָרען. מיט צעהן יאָהר צוריק איז זי געבליבען אַנ׳אלמנה, אָהן שום מיטלען צום לעבען, מיט אַ טאָכטער, וועלכע איז אַלט געווען צוועלף יאָהר. דער גרעסטער וואונש איהרער איז געווען—אַוועקשטעלען די טאָכטער אויף די פיס, ברענגען זי צו אַ תכלית, ערציהען זי, אַז זי זאָל אויך זיין אַזאַ שטילע, גאָטספאָרכטיגע, ווי זי אַליין, אויסגעבען זי פאַר אַנ׳אָרענטליכען מענשען און דערלעבען פון

איהר נחת. קיין גרעסערע גליקען האָט זי זיך נישט געוואונשען. מיט פינף יאָהר צוריק, האָט מיטאַמאָל באַשע, וואָס איז אָנגעקומען גלייך נאָך דעם פּאָטערס טויט אויף אַ פאַבריק, גענומען חבר'ן זיך עפּעס מיט יונגעלייט אין העמדלעך, לייענען ביכלעך און אַרויסזאָגען עפּעס ווילדע געדאַנקען וועגען אָרימע און רייכע—געדאַנקען, וואָס אסתר האָט קיינמאָל אַזוינס נישט געהערט. אסתר האָט זיך באַלד דערוואוסט, אַז איהר באַשע איז אויך צוגעשטאַנען צו דער חברה „דעמאָקראַטען“, וואָס האָבען אין שטאָדט געהאַט נאָך עטליכע שרעקליכע נעמען, למשל: „אחדות“, „ברידער און שוועסטער“, „סטאָטשקייניקעס“, „ברויט מיט פּוטער“, „רויטע העמדלעך“, „עלעקטריקעס“, א. אַ. וו. אסתר איז שיער נישט געשטאָרבען פון שרעק, איהר האָט זיך געדוכט, אַז „דער הימעל האָט זיך געלעגט אויף דער ערד“, אַז ס'איז „צו אַלץ געקומען אַ סוף“. און מיט דער גאַנצער קראַפט פון קבצנ'ישען יאוש און מיט עהרליכער ליבע, האָט זי זיך גענומען טענה'ן מיט דער טאָכטער, בעטען זיך ביי איהר, אַז זי זאָל נישט אַוועק אויף דעם געפעהרליכען וועג. מיט טרעהרען האָט זי זיך ביי איהר געבעטען, מיט טרעהרען האָט זי איהר געשראָקען, אַז גאָט וועט איהר שטראָפען אי אויף דער וועלט, אי אויף יענער וועלט. נאָר באַשע איז געבליבען טויב, אי צו דער מוטערס בקשות, אי צו איהרע סטראַשונקעס, און אסתר האָט אָנגעהויבען ביסלעכווייז צוגעוועהנען זיך צום געפעהרליכען אויפפיהר פון איהר טאָכטער, פונקט ווי זי פלעגט צוגעוועהנט ווערען אין דעם משך פון איהר גאַנצען לעבען צו אַלערליי צרות און פיין. ווען מען האָט דאָס ערשטע מאָל באַשען אַרעסטירט, איז אסתר אַריינגעפאַלען אין אַ טיפען יאוש. איהר האָט זיך געדוכט, אַז איצט איז שוין איהר טאָכטער איינגאַנצען, אויף אייביג פערפאַלען. זי האָט איהר בעקלאָגט, ווי מען בעקלאָגט אַ געשטאָרבענעם, און אין דערזעלבער צייט האָט זי זיך געשעמט פאַר איהרע שכנים און בעקאַנטע; אַ קליינינגקייט צו זאָגען, אַ מיידעל—און זיצט אין אָסטראָג! נאָר אַז אין שטאָדט האָט זיך אָנגעהויבען מאַסענווייז

אַרעסטען, בײַ װעלכע עס זענען אַרײַנגעפאַלען טעכטער אפילו פון די שענסטע בעלי־הבתּים אין שטאָדט, איז אסתּר נישט װי־לענדיג מוסכּים געװאָרען מיט דעם געדאַנק, אַז איהר טאָכטער איז אַנ׳„אָסטראָזשניצע״. ניין חדשים איז באַשע אָבגעזעסען אין טורמע, און דערנאָך האָט מען זי בעפרײַט. און אַז אין אַ האַלב יאָהר אַרום האָט מען זי װידער צוגענומען, איז אסתּר שוין דאָס מאָל נישט געװען אַזוי מבולבל, װי פריהער. נאָכדעם װי באַשע איז צום צװײטען מאָל אַרויס פון טורמע, איז זי אַװעקגעפאָהרען פון ג... אסתּר האָט נישט געװאוסט אויף קלאָר, װאוהין באַשע איז אָבגעפאָהרען, נאָר זי איז געװען זיכער, אַז איהר טאָכטער בעשעפטיגט זיך נאָך אַלץ מיט „יענע זאַכען״, „שפּילט זיך מיט פייער״ און אַז זי קאָן יעדע מינוט אַרײַנפאַ־לען אין אָסטראָג. דאָך איז זי שוין מיט דעם אויך מוסכּים געװאָרען, װי מיט אַ זאַך, װאָס מען קאָן באין אופן נישט פערמיידען. און אַז באַשע איז, מיט אַ חדשים דריי צוריק, גאָר אומגעריכט געקומען צוריק אַהיים, װידער אָנגעקומען אין פאַבריק און זיך בעזעצט בײַ דער מוטער אין שטוב, האָט אסתּר דאָס אויפגענומען פאַר אַ מתּנה פון גאָט, װעלכע זי האָט גאָרנישט פערדינט. ביסלעכװייז און אַליין נישט בעמערקענדיג דאָס, האָט זיך אסתּר צוגעװעהנט צו דער גרויסער ענדערונג, װאָס איז פאָרגעקומען אי אין איהר לעבען, אי אין דעם לע־בען פון דער גאַנצער סביבה. זי האָט זיך צוגעװעהנט דערצו, אַז באַשע געהערט אָן צו דער „אָרגאַניזאַציע״ און טיף אין האַר־צען האָט זי אפילו שטאָלצירט. זי האָט זיך צוגעװעהנט דערצו, אַז בײַ איהר אין הויז זאָל מען אָפּען, אויפ׳ן קול לייענען ביכלעך און „בלעטלעך״, װעגען װעלכע זי האָט מיט עטליכע יאָהר צוריק מורא געהאַט צו ריידען אפילו שטילערהייד. נאָכ־מעהר: זי אַליין האָט אויך מיט מעהר אויפמערקזאַמקייט אָנגע־הויבען צוהערען זיך צו דעם, װאָס מען האָט געלייענט, און זי פלעגט איינגעפונען, אַז אין די ביכלעך איז אָנגעשריבען דער ריינער אמת. זי האָט זיך דערװאוסט נייע װערטער, פון װעלכע זי האָט פריהער אפילו קיין השגה נישט געהאַט.

צו אַלץ האָט זי זיך צוגעוועהנט, די אַלטע אסתר, און דאָך, ביי יעדען טומעל, ביי יעדער אויפרעגונג אין שטאָדט, פלעגט איהר דאָס האַרץ פערקלעמט ווערען פון אימה און שרעק און איהרע בלייכע ליפּען פלעגען אָפּטמאָל שעפּטשען: „רבונו של עולם, פאָטער פון יתומים! האָב רחמנות און היט זי איין פון אַנ'אומגליק!"

פון מאַרק איז אסתר געגאַנגען אין דער גרויסער שוהל און אין עטליכע חדרים, וואו עס זענען ביי איהר געווען שטענדיגע קונדען. דערנאָך איז זי אַוועק אין פּאַרק, וואו עס איז שטענדיג געווען אַנ'עולם. קענענדיג גוט דאָס פּובליקום פון פּאַרק, איז אסתר געווען זיכער, אַז וועגען דעם אויסערגעוועהנליכען צופאַל—די ערמאָרדונג פון סטעפּאַנ'ען—רעדט מען אויך אין דעם פּאַרק, און אַז דאָרטען רעדט מען מכח דעם, פיל קלערער איידער אין מאַרק. זי האָט געהאָפט, אַז פון די דאָרטיגע רייד וועט זי זיך קאָנען אָנשטויסען, צו וואָסערע רעזולטאַטען דער צופאַל קאָן ברענגען.

אין די פריהערדיגע יאָהרען פלעגען אין דעם אַלטען, שאָטענדיגען און לפי ערך גרויסען שטאָדט-פּאַרק, שפּאַצירען נאָר די „פּני", דער רייכער טייל פון דער בעפעלקערונג, און די אָרימעלייט, די אַרבייטער, פלעגען זיך עפּעס נישט דערוועגען אַריינצוגעהן אַהין. נאָר דער נייער גייסט, וואָס האָט צושטערט די אַלטע לעבענס-פאָרמען, ער האָט אָנגעריהרט אויך דעם פּאַרק. עס האָבען זיך אין איהם גענומען בעווייזען אַרבייטער און אַרבייטערינס. ביסלעכווייז, נאָר כסדר האָבען זיי איינגענומען דעם פּאַרק און סוף כל סוף אינגאַנצען אַרויסגעשטופּט פון דאָרטען דאָס „ריינע פּובליקום". דער פּאַרק איז אינגאַנצען אַריבער אין די אַרבייטערס הענד און איז געוואָרען דער ליבסטער אָרט פון זייער שפּאַציר. אין די לעצטע יאָהרען, ווען עס זענען אין דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג אַריינגעצויגען געוואָרען די פאָלקס-מאַסען און די בעוועגונג גופא האָט זיך גענומען רייסען פון אונטער דער ערד אַרויס אויפן גאַס, צום פרייען הימעל—איז דער פּאַרק געוואָרען דער צענטראַלער פּונקט

פונם אַרבייטער-לעבען, אַ מין אַרבייטער-קלוב און ער האָט בע-קומען דעם נאָמען: „די אַרבייטער-בירזשע". אויף דער „בירזשע" פלעגען זיך די אַרבייטער בעגעגענען מיט איינאַנדער און מיט זייערע פאָרשטעהער; דאָרטען פלעגען די מיטגלידער פון די פערשידענע פּאַרטייען בעקומען זייערע אינסטרוקציעס, מען פלעגט דאָרטען פונאַנדערטיילען פּאַרטיי-ליטעראַטור. דאָרטען פלעגען פאָרקומען דעבאַטען, ויכוחים, און אַנ'אַנדערש מאָל אפילו פאָרלעזונגען. די אָרטיגע אַדמיניסטראַציע האָט די ערשטע צייט אפילו געקעמפט מיט דער „בירזשע", זי פלעגט פונאַנדער-טרייבען די אַרבייטער פון פּאַרק. דאַן פלעגט זיך די „בירזשע" אַריבערטראָגען אויף די גרויסע גאַסען, אַנ'אַנדערש מאָל—היב-טער'ן שטאָדט, און זי פלעגט פערשאַפען דער אַדמיניסטראַציע נאָך מעהר זאָרג און טרחה. און סוף כל סוף איז די „בירזשע" ווי אָנערקענט געוואָרען און האָט בעקומען בירגער-רעכט.

די „בירזשע" האָט זיך געהאַט איהר קאָנסטיטוציע. די אַלעען פון פּאַרק זענען געווען שטרענג-פונאַנדערגעטיילט צווי-שען די פערשידענע פּאַרטייען און פראַקציעס.

דער „בונד", וואָס איז געווען די שטאַרקסטע פּאַרטיי אין נ... האָט צוגענומען פאַר זיך די צענטראַלע אַלעען. די זייטיגע אַלעען זענען געווען צוטיילט צווישען די איבריגע פּאַרטייען,— „איסקראָוויצעס", סאָציאַליסטען-רעוואָלוציאָנערען, פערשידענע גרו-פּעס ציוניסטען. צוויי דריי אַלעען זענען געבליבען נייטראַל— און דאָרטען פלעגען זיך בעגעגענען מיטגלידער פון פערשידע-נע פּאַרטייען, כדי צו פיהרען דעבאַטען אָדער „דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען". אויף דער „בירזשע" האָט זיך דאָס פּובלי-קום געהאַלטען פריי און וועגען אַלץ גערעדט אָפען. אַלע האָ-בען כמעט איינער דעם אַנדערן געקענט און פאַר אַ שפּיאָן איז געווען שווער אַריינצוקריכען זיך אין פּאַרק. פרעמדע מענשען פלעגט מען אויף אַנ'איידעלען אופן ווייזען דעם וועג. אפילו די פּאָליציאַנטען, וואָס זענען געשטאַנען נעבען פּאַרק און האָבען גוט געקענט די הויפּט-אָנפיהרער פון די אָרגאַניזאַציעס, אפילו זיי פלעגען זיך נישט שטענדיג דערוועגען אַריינצוגעהן אויף

דער „בירזשע”. די פערזאַמלונגען פלעגען דאָרטען פאָרקומען מעהרסטענטיילס אין אָווענד, נאָך דער אַרבייט, און פלעגען דויערען צוויי-דריי שעה.

עס איז געווען אַרום פיער דעם זייגער בייטאָג. אין פאַרק איז געווען קיהל און היימיש. דער שטענדיגער עולם פון דער „בירזשע”-צייט איז נאָך נישט געווען אין פאַרק, נאָר כמעט אַלע בענק זענען געווען פערנומען—עס זענען אומעטום געזעסען „עקסטרעניקעס”, גימנאַזיסטען, האַלבע אינטעליגענטען און אַרבייטסלײַט. דאָס רוב זענען געזעסען פערטיפט אין רוסי-שע און יודישע צייטונגען. אַנדערע האָבען געלייענט ביכער. אין די זייטיגע אַלעען זענען געשטאַנען גרופּעס יונגעלייט און האָבען צווישען זיך שטילערהייד געשמועסט.

די רוהיגע שטימונג פונ׳ם פאַרק-פּובליקום האָט אסתר׳ן אַ ביסעל פערוואונדערט, נאָר צוגלייך אויך בערוהיגט זי. אויב אָט דאָס פּובליקום, וואָס ווייסט, פערשטעהט זיך, וועגען דער ערמאָרדונג פון סטעפּאַנ׳ען, געפינט דאָך נישט פאַר נויטיג אפילו צו ריידען מכּח דעם, איז עס אַ סימן, אַז קיין שום בייז וועט נישט פאָרקומען.

זי איז אַרומגעגאַנגען דעם גאַנצען פאַרק, זיך אָבגע-שטעלט ביי יעדער באַנק און איבערגע׳חזר׳ט נישט הויך דאָס וואָרט „באָב”. קיינער האָט זיך נישט אָבגערופען, אפילו נישט אַ קוק געטהון אויף דער אַלטער, און זי איז געגאַנגען ווייטער. מעהר נישט, ביים אַרויסגעהן פון פאַרק, האָט זי איינער פון די לעזער אָבגעשטעלט. דאָס איז געווען אַ יונגערמאַן אין אַ שטאַרק פערשמאָלצענעם סורדוק. דאָס צוריסענע היטעל האָט זיך קוים געהאַלטען אויף זיינע נישט-פערקעמטע, לאַנגע האָר. דער יונ-גערמאַן איז געווען אין ברילען. ער איז געזעסען איינגעהוי-קערט אויף דער באַנק, פערטיפט אין אַ בוך. דערהערענדיג דאָס וואָרט: „באָב”, האָט ער, נישט אָברייסענדיג זיך פון בוך, אויף גיך אויסגעשריען:

—הערט, זייט אַזוי גוט! קומט אַהער! גיט מיר דריי מעסטלעך באָב פאַר דריי גראָשען.

קוקענדיג אין בוך, האָט ער אויסגעשטעלט אסתר׳ן זיין פּאָלע. אַז אסתר האָט אָבגעמאָסטען די באָב און בעקומען די דריי גראָשען, האָט זיך פון דער צווייטער באַנק אויפגעהויבען און צוגעגאַנגען צו איהר אַ בחור מיט אַ בלויזען לאַנגען האַלז, אין אַ פאַרוסינעם בגד. אין האַנד האָט ער געהאַלטען אַ גראָ־בען ספר. נישט קוקענדיג אויף אסתר׳ן, האָט ער אַ מור־מעל געטהון:

—גיט מיר אויך פאַר אַ קאָפּיקע באָב.

אויסשטעלענדיג די אָפענע קעשענע פון בגד, האָט ער עפּעס ווי פון דער זייט אַריינגעשטעקט איהר אין האַנד אַ מטבע און זיך געווענדעט צו יענעם בחור, וואָס איז געזעסען אויף דער באַנק:

—וואָס לייענט איהר, שאַכנאָוויטש?

—וואָס לייען איך? איך לייען ניטשען,—האָט געענטפערט שאַכנאָוויטש, נישט אָברייסענדיג זיך פון בוך, און אין אַ ווייל־אַרום האָט ער צוגעגעבען מיט התפעלות: ס׳אַראַ טיפקייט! מורא׳דיג טיף!

—ע! העגעל איז טיפער!... און איך לייען גאָר עפּעס אַ נאַריש ביכעל. ממש אַנ׳עבירה די צייט.

—וואָס פאַר אַ ביכעל?

—די „פּראָבלעמען פון אידעאַליזם”... מען קאָן פּשוט פון זינען אַראָב! מענשען פערשטעהען לגמרי נישט קיין פילאָזאָפיע, האָבען קיין שום השגה נישט פון מאַרקס׳ן, און שרייבען! איך וואָלט זיך גענומען פאַר איין האַלבע שעה מאַכען פון זייערע גאַנצע דיבורים אַש און בלאָטע!

אסתר איז אַוועק פון פּאַרק. אַרויסגעהענדיג אויף דער גרויסער גאַס, האָט זי דערזעהען געגען זיך אַ בחור פון אַ יאָהר ניינצעהן, אַ הויכען, אַ שלאַנקען, מיט אַ ליבליכען, גוטען פּנים, מיט אַ קליין בערדעל, און קלאָרע, דרייסטע אויגען. ער איז געווען אָנגעטהון אין אַ העלע בלוזע, פערגאַרטעלט מיט אַ קונטאָס און אין אַ סטודענטיש היטעל. ער איז געגאַנגען פעסט, זאָרגלאָז און רוהיג.

אסתּר האָט גוט געקענט דעם בחור, וועלכער פלעגט אָפט אַריינגעהן צו איהר באַשען. זי האָט געוואוסט, אַז דאָס איז יעקב באַרקאַנאָוו, דעם בעוואוסטען גביר, וואָלף אפרים׳ס אַ זוהן; זי האָט אויך געוואוסט, אַז ער קעהר זיך אָן צו דער אָרגאַני-זאַציע און געהט עס אָפט אַריין צו באַשען, מסתּמא כּדי צו האַלטען זיך עצות וועגען די עסקים פון דער אָרגאַניזאַציע. דעם יונגען באַרקאַנאָוו׳ן האָט זי געהאַלטען כּמעט פאַר אַנ׳איי-גענעם מענשען. יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט קומען, פלעגט ער איהר זאָגען אַ שעהנעם „גוט מאָרגען״, נאָכפרעגען אויף איהר געזונד, אַנ׳אַנדערש מאָל אַ שמועס טהון מיט איהר וועגען אַלגע-מיינע פראַגען און אַלע מאָל, פאַר׳ן אַוועקגעהן, פלעגט ער איהר געבען די האַנד. איהר פלעגט דאָס אויסווייזען אַ ביסעל טשיקאַ-ווע און קאָמיש. אויף גיך פלעגט זי אויסרייבען אָן פאַרטוך איהר קליינע, דאַרע, צומאָזאָלעטע האַנד און עפּעס איילענדיג, דערלאַנגען זי איהם מיט אַזאַ מינע, פונקט ווי זי וואָלט געטהון בעת-מעשה ערפילען עפּעס אַ מנהיג—אַפילו אַ קאָמישען, נאָר אַנ׳אָנגענומען. דערזעהענדיג באַרקאַנאָוו׳ן, האָט זיך אסתּר עפּעס ווי פער-שעמט, זי האָט גוט געוואוסט, אַז נישט נאָר וואָס באַרקאַנאָוו ברעקעלט זיך נישט מיט אָרימע לייט, נאָר פערקעהרט, ער גיט זיי אָב דעם גרעסטען כּבוד. פונדעסטוועגען האָט זי זיך גלייך דערמאָנט, אָן איהרע אָרימע קליידער און האָט דערפיהלט, אַז זי האָט אויף דער האַנד דעם קאָשיק מיט באָב. באַרקאַנאָוו האָט נאָך פון וויטען אָנגעהויבען פרייגדליך שמייכלען צו איהר. צו-געהענדיג צו איהר, האָט ער איהר אָבגעגעבען אַ הערצליכען „גוט-מאָרגען״ און דערביי צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, ווי ער וואָלט וועלען זאָגען: „מיר וואָלטען געקאָנט פיל אינטערעסאַנ-טעס דערצעהלען איינער דעם אַנדערן, נאָר עס איז קיין צייט נישטאָ״.

—גוט-מאָרגען — גוט-יאָר! — האָט אסתּר געענטפערט אויך הערצליך, נאָר מעהר איינגעהאַלטען.

—איך האָב אייך געוואָלט בעטען אסתּר, — האָט ער איהר געזאָגט, — איבערגעבען באַשען, אַז היינט וועט גאָרנישט זיין,

ווייל דוד האָט זיך נאָך נישט אומגעקעהרט. מאָרגען אין דער זעלבער צייט ווער דאָס זיין. זי ווייסט וועגען וואָס דאָס איז.

—זעהר גוט, איך וועל איהר זאָגען, ווי זי וועט נאָר קומען,—האָט אסתּר ערנסט געענטפערט.

באַרקאַנאָוו האָט נאָכאַמאָל איהר פריינדליך אַ שאָקל געטהון מיט׳ן קאָפּ און איז זיך אַוועק ווייטער.

## ג

אסתּר האָט געאיילט אַהיים. געוועהנליך פּלעגט זי זיך אומקעהרען מיט עטליכע שעה פריהער, איידער באַשע פּלעגט קו־מען פון דער אַרבייט. די פאַבריק, וואו זי האָט געאַרבייט, איז געווען אויף דעם אַנדער׳ן עק שטאָדט, דעריבער איז איהר געווען שווער צו געהן אַהיים עסען וואַרמעס. מחמת דעם פּלעגט אסתּר אין אָווענד הייצען דעם אויוען און קאָכען וויעטשערע. דאָס מאָל האָט זי אַ ביסעל פערשפּעטיגט, דעריבער איז ביי איהר געבליבען מאַכען אַ קאַלטע וויעטשערע. דער שמועס מיט באַר־קאַנאָוו׳ן האָט אויף איהר געמאַכט זעהר אַ גוטען איינדרוק און עס האָט זיך איהר געוואָלט מאַכען עפּעס אַ גוטע וויעטשערע, אָנטהון באַשען אַ פערגעניגען. זי האָט געקויפט צוויי שטיקלעך געוויאָנזלטע פיש, רעטעכלעך, אַ פּאָר אוגערקעס און אַ טעפּע־לע זויער מילך. „עס וועט זיין אַ וויעטשערע כיד המלך״, — האָט זי צופרידען געטראַכט.

אסתּר האָט געוואוינט אין עק שטאָדט, אויף דער אַרביי־טער־סלאָבאָדקע, וואָס האָט זיך גערופען „פּאָדלעסיע״. די גאַנצע סלאָבאָדקע איז בעשטאַנען פון אַ לאַנגער, בלאָטיגער גאַס, וועלכע עס האָבען דורכגעשניטען פיל שמאָלינקע געסלעך. אסתּר האָט געוואוינט אויף אַ דירה, וואָס איז בעשטאַנען פון אַ קליין צימער און אַ האַלבער קיך. דאָס מעבעל איז געווען אַ געוועהנליכעס, ווי אין אַלע קבצנישע ענגע דירות: אַ בעט, אַנ׳אַרומגער־סענער דיוואַן, אַ טישעל און אַ פּאָר קליינינקע בענקלעך. אין ווינקעל

איז געשטאַנען אַ קרומער, האַלב צופויל'טער קאָמאָד מיט שטענ־דיג אָפענע שופלאָדען. אויפן קאָמאָד זענען געשטאַנען אַ פּאָר מעשענע לייכטער און אין איין הויפען זענען געלעגען: אַ צור־ריסענע בלוזקע, אַ שמוציגער האַנטוך, אַ סידור, און דאָס „ער־פורטער פּראָגראַם" פון קויטסקי.

געקומען אַהיים, האָט אסתּר גענומען גרייטען די וויע־טשערע. נאָכדעם ווי זי האָט צוגעגרייט צום טיש, האָט זי זיך גענומען וואַרטען אויף באַשען.

אין שטוב איז אַריין אַ מיידעל, נישט קיין הויכע, אַ געזונדטע, מיט אַ ביסעל אַ ברייטען פּנים, מיט קנייטשען אויפן שטערען און געדיכטע ברעמען, פון אונטער וועלכע עס האָבען אַרויסגעקוקט ערנסט, כּמעט שטרענג, גרויע קלוגע, אויגען. אין דער פיגור, אינ'ם גאַנג פונ'ם מיידעל, איז געווען עטוואָס זעלבּ־שטענדיגעס און שטאַרקעס. פון ערשטען קוק אויף איהר האָט מען גלייך געקאָנט בעמערקען, אַז דער מענש האָט פיל געלי־טען אויף זיין לעבען, פיל איבערגעלעבט, פערשטעהט און קען דאָס לעבען.

—היינט איז, באַשינקע, אַ קאַלטע וויעטשערע,—האָט אסתּר איילענדיג אַ זאָג געטהון דער טאָכטער, איידער יענע איז נאָך אַריבערגעטראָטען די שוועל: פערשפּעטיגט זיך און נישט בע־וויזען צוהייצען.

—נאָך בעסער. גוט, וואָס עס איז שוין געגרייט צום טיש: איך האָב זעהר קיין צייט נישט.

—איך האָב געזעהן באַרקאַנאָוו'ן,—האָט זיך אָבגערופען אסתּר: ער האָט מיר געהייסען זאָגען דיר, אַז היינט וועט גאָר נישט זיין, נאָר מאָרגען אין דער אייגענער צייט... ער האָט געזאָגט, אַז דו וועסט אַליין פערשטעהן, וועגען וואָס דאָ רעדט זיך.

באַשע האָט דאָס גוט פערשטאַנען. די זיצונג פון קאָמי־טעט, וואָס האָט געזאָלט זיין היינט אין אָוועגד, איז, הייסט עס, אָבגעלייגט געוואָרען אויף מאָרגען.

באַשע איז געוואָרען ווי ברוגזליך, זי האָט אונצופרידען

אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד און איז אַוועק אין צימער. נאָר זי איז תיכף אַריינגעקומען צוריק אין קיך, און האָט קורץ אַ פרעג געטהון:

—מעהר, האָט ער גאָרנישט געזאָגט?

—גאָרנישט,—האָט אסתר געענטפערט.

„אָט אַלעמאָל אַזוי, שטענדיג בייט זיך פלוצלונג ביי זיי עפּעס איבער"!—האָט באַשע אונצופרידען געטראַכט. זי האָט שוין איינגעטיילט די צייט פון דעם מאָרגענדיגען אָווענד, אָבגערעדט מיט עטליכע מענשען צו זעהן זיך, צוגעזאָגט קומען אויף אַ פערזאַמלונג און נאָך אייניגע זאַכען אָבגעלעגט אויף מאָרגען. ערשט מיטאַמאָל—נאַ דיר, איצט געה זאָג אַלעמען אָן! און דער עיקר, ער אַליין, נישט פרעגענדיג ביי קיינעם, האָט זיך גענומען און אָבגעלעגט די פערזאַמלונג, גלייך ווי ער וואָלט געווען דער גאַנצער בעל-הבית אין קאָמיטעט. געקאָנט, דאַכט זיך, אַריינגעהן מישב זיין זיך. נאָר דאָך האָט זי זיך פיל נישט אָבגעשטעלט דערויף און תיכף גענומען קלערען וועגען דער אַרבייט, וואָס זי האָט אויף מאָרגען. די מאַסאָווקע קען מען אָבלעגען נאָך אויף עטליכע טעג; מיט עטליכע מענשען וועט מען זיך קאָנען טרעפען אויף דער בירזשע, און די איבעריגע זאַכען וועט עס אויך נישט שווער זיין ווי עס איז איינצוראָרדנען.

—יאָ, איך האָב גאָר פערגעסען!—האָט זיך אסתר מיטאַמאָל געכאַפּט: באַרקאַנאָוו האָט מיר געזאָגט, אַז היינט וועט דערפאַר גאָרנישט ניט זיין, ווייל דוד איז נאָך נישט געקומען... נו, איז ביי מיר אַ קאָפּ! ווי אַ רעשעטע!

—אַ־אַ, אָט וואָס!—האָט באַשע מיט אַ רוהיגען טאָן אויסגערעדט און פון איהר פער׳דאגה׳טען פנים זענען אַראָב די קנייטשען. זי איז עפּעס פרעהליכער געוואָרען און, אַ קוק טהוענדיג אויפ׳ן טיש, האָט זי געזאָגט:

—גוט, מאַמע, וואָס דו האָסט גענומען היינט אויף וויעטשערע געוויאָנזלטע פיש, מיר האָט זיך היינט אַ גאַנצען טאָג אַזוי געגלוסט עפּעס געזאַלצענס, אַז אַ גרויל.

נאָך וויעטשערע, האָט באַשע שוין געקליבען זיך אָוועקצו־געהן, נאָר אין דער מינוט איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב אַ יונ־גערמאַן, אַנ׳ערך פינפאונצוואַנציג יאָהר אַלט, אַ געגאָלטער, מיט פערדרעהטע בלאָנדע וואָנסעלעך און אַ נייעם פּידזשאַק, אַ קאָלירטען שניפּס און אין אַ הוט. ער האָט אויסגעוויזען ווי אַ קאָמיוואָיאַזשאָר אַ פּראַנט. נאָך מעהר עהנליכקייט צו אַ קאָמיוואָ־יאַזשאָר האָט איהם צוגעגעבען דאָס, וואָס ער האָט געהאַלטען אונטער דער פּאַכווע אַ פּעקעל, וואָס האָט אויסגעוויזען ווי אַ פּאַקעט מיט מוסטער־סחורה.

דער יונגערמאַן איז צוגעגאַנגען אויף עטליכע טריט צו באַשען און שווייגענדיג, מיט לאַכענדע אויגען און מיט אַנ׳איינ־געהאַלטענעם שמייכעל אויף די ליפּען, האָט ער זיך אַנידערגע־שטעלט געגען איהר. באַשע האָט אויף איהם אויסגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע אויגען, וועלכע האָבען אויסגעדריקט צו גלייך אי־פרייד, אי פּערוואונדערונג.

—דערקענט?—האָט אַ זאָג געטהון דער יונגערמאַן, און אויף זיין פּנים האָט זיך צוגאָסען אַ ברייטער שמייכעל.

—מאַטוויי?!—האָט באַשע פּערוואונדערט אויסגעשריען, נאָך אַלץ נישט קומענדיג צו זיך. ווי קומסטו אַהער? וואָס, אַנ־טלאָפען? שוין לאַנג?

מאַטוויי האָט אַ מאַך געגעבען מיט דער האַנד און שמייכ־לענדיג געזאָגט:

—איך געדענק שוין אַליין אויך נישט, ווען איך בין אַנ־טלאָפען! שוין מעהר ווי אַ האַלב יאָהר. אין דער צייט בין איך שוין געוועזען אין אויסלאַנד, און אַפילו נאָכאַמאָל געוועזען אַרעס־טירט...

ביי באַשען האָט געלויכטען דאָס פּנים פון פרייד. דאָך האָט זי מיט אַ פּאָרוואורף אַ שאָקעל געטהון מיט׳ן קאָפּ און געזאָגט:

—און איצט ביסטו עס געקומען ווידער אַהער, כדי מען זאָל דיך נאָכאַמאָל אַרעסטירען? יעטוועדעס קינד קען דאָך דיך דאָ!

—דערפאַר קען איך דאָך דאָ אויך יעטוועדעס קינד,— האָט מאַטוויי מיט אַ געלעכטער געענטפערט.

—ניין, דאָס איז אַ משוגעת! האָט באַשע געטענה׳ט איהר׳ס.

—איך האַלט משוגעת פאַר די בעסטע קאָנספּיראַציע...

ניין! די מעשה דערפון איז אָט וואָס—האָט ער אָנגעהויבען ערנסט,— איך האָב גאָרנישט גערעכענט צו פאָהרען אַהער. איך בין גע־פאָהרען צו דער גרענעץ צוליב אַ ספּעציעלען ענין. אויפן וועג האָט מען מיר אָבער געזאָגט וועגען „אַנ׳עסק״ און איך האָב גע־מוזט קומען אַהער זעהן זיך מיט וועמען עס איז פון קאָמי־טעט... קיין „יאַווקע״ האָב איך נישט געהאַט, און איך האָב געוואוסט, אַז דו ביסט שוין אין נ... נאָר אָבשטעלען זיך ביי דיר טויג דאָך נישט... פערפאָהרען אין אַ האָטעל ווילט זיך אויך נישט. דו ווייסט דאָך מסתמא, וואוהין קאָן איך געהן נעכטיגען?...

—געה צו באַרקאַנאָוו׳ן דאָס איז די בעסטע זאַך...

—ווער איז דאָס דער באַרקאַנאָוו? דער גימנאַזיסט?

—ער איז איצט אַ סטודענט שוין, געזעסען אין טורמע אויך. ער איז אין קאָמיטעט... איך בין אויך אין קאָמיטעט — האָט זי צוגעגעבען מיט אַ טרוקענעם טאָן.

—אַ, אָט ווי! קאָן איך דאָך מיט דיר רעדען וועגען אַלץ. איך בין געקומען אַהער מכח געוועהר.

—וועגען דעם וועסטו דאַרפען רעדען מיט דוד׳ן. דאָס איז זיין זאַך...—האָט איהם באַשע איבערגעשלאָגען.

—דוד איז דאָ?—האָט זיך מאָטוויי דערפרעהט:—ער איז דאָ ... גאַנצע צייט?

—די גאַנצע צייט דאָ אין דעם קאָמיטעט, און נאָך אַפילו קיין איינמאָל נישט געזעסען, מעהר נישט, איינמאָל איז ביי איהם געוועזען אַנ׳אָביסק, און דאָס אויך צופעליג. אַ, אָט ער איז אַ קאָנספּיראַטאָר!...

—אַ חידוש, ער איז דאָך עפּעס פון דעם אַלטען בונדי־שען חדר! — האָט מאָטוויי שטאָלץ געזאָגט: יאָ, אָט וואָס—האָט ער זיך דערמאָנט—איך האָב אייך געבראַכט עטליכע בראָנינגס. פון אייער קאָמיטעט האָט מען געבעטען. דאָ זענען זעקס שטיק,—האָט ער געוויזען אויף זיין פּעקעל—נאָר איהר וועט מוזען גלייך בעצאָהלען במזומנים.

—גוט, האָט באַשע געענטפערט, צונעהמענדיג דעם פּאַקעט.

—מאָרגען פאָהר איך אַוועק,—האָט מאַטוויי געזאָגט: מיר ווילט זיך זעהר זעהן זיך מיט די עלטער'ן... ביי נאַכט רעכען איך אַריינגעהן צו זיי...

מאַטוויי'ס עלטערן האָבען געוואוינט אויף דער זעלבער סלאָבאָדקע און באַשע האָט זיי גוט געקענט. דער ערשטער געדאַנק איהרער איז געווען—ענערגיש צו פּראָטעסטירען געגען אַזאַ מין נישט-קאָנספּיראַטיווען שריט. נאָר זי האָט זיך דערמאָהנט, אַז מאַטוויי'ס פאָטער איז שטאַרק קראַנק, און זי האָט זיך בענוגענט נאָר מיט אַ התראה:

—זאָלסט נאָר גוט אַכטונג געבען, אַז קיין זייטיגע מענשען זאָלען דיך דאָרט נישט טרעפען. נו געה, באַלד וועלען מסתּמא קומען אַ הער מענשען, נישט כּדאי זיי זאָלען דיך זעהן.

—ווי קלערסטו, זיי וואָלטען מיך איצט דערקאָנט? האָט מאַטוויי האַלב ערנסט געפרעגט: איך בין איצט עהנליך... נו, אויף וועמען בין איך איצט עהנליך?

—אויף אַ שפּיאָן, האָט באַשע רוהיג געענטפערט.

—אָט אַזוי איז גוט, האָט מאַטוויי אַ זאָג געטהון מיט אַ געלעכטער און האָט זיך אָבגעזעגענט מיט באַשען.

## ד

מאַטוויי איז אַוועק פון באַשען צו באַרקאַנאָוו'ן. עס איז שוין געווען פינסטערליך און אויף דער סלאָבאָדקע, וואו מאַטוויי איז געגאַנגען, האָבען כּמעט נעבען יעדען שטיבעל קינדער געשפּילט. אַנטקעגען זיי, אויף די זאַוואַלינקעס, זענען געזעסען און געשמועסט רעדלעך מיט מענשען, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען אין גאַס עטעמען אַ ביסעל פרישע לופט. אויף דער גאַנצער סלאָבאָדקע האָט געהערשט אַ פרידליכע און רעש'דיגע לעבעדיגקייט.

מאַטוויי איז געווען אַ קינד פון דער סלאָבאָדקע. דאָ אין דער „פּאָדלעסיע" איז ער געבוירען געוואָרען, דאָ האָט ער

פערבראַכט זיינע קינדער-יאָהרען און זיין יוגענד, ביז'ן אַרעסט. בשעת מען האָט איהם אַוועקגעשיקט קיין יאַקוטסק אויף אַכט יאָהר, האָט ער אינגאַנצען שוין פערלוירען די האָפענונג צו קומען ווען-עס-איז צוריק אַהיים. נאָר פון יאַקוטסק האָט זיך איהם איינגעגעבען צו אַנטלויפען, און איצט, נאָכדעם ווי ער איז אָבגעקומען צוויי יאָהר אין אַלערליי טורמעס און נאָכ'ן אַנטלויפען געוועזן נע-ונד אין פערשידענע שטעדט, ווי אַן'אונלעגאַלער, איז ער ווידער געקומען אין די אייגענע שטאָדט, אין די אייגענע סלאָבאָדקע, וואו זיינע עלטער'ן וואוינען נאָך איצט און וואו איהם איז בעקאַנט יעדעס ווינקעל, יעדע קלייניגקייט, יעדעס שטיינדעל אַפילו.

ווי אַ מענש, וואָס איז שוין געוועהנט צו זיין „אָבגעהיט", איז ער אויך איצט געגאַנגען נאָר אין מיט'ן גאַס, ווייט פון די הייזער, כאָטש ער איז געווען זיכער ביי זיך, אַז אַפילו פון דער נאָהנט וועט איהם אויך קיינער פון די סלאָבאָדקער איינוואוינער נישט דערקענען. קיינעם וואָלט אַפילו אין מוח נישט אַריינגעפאַלען, אַז אָט דער פריץ מיט דעם וועלאָסיפעד'ן-היטעל, מיט דעם געפּרעכטען אויבער-העמד, מיט דעם קאָלירטען האַלזטוך, וואָס געהט זיך אַזוי רוהיג, פּאַמעלעך,—איז אליקום דעם סופר'ס זוהן—מאַטוויי איז געווען זיין פערשטעלטער נאָמען—דער זעלבער זעליג, וועלכער פלעגט אומגעהן ווי אַ ניהיליסט, געטראָגען לאַנגע האָר, שטענדיג געאיילט זיך, שטענדיג געפלויגען.

מאַטווייען איז געוואָרען שרעקליך שווער אויפ'ן האַרצען. ער האָט פון דער ווייטענס צוגעקוקט זיך צו די מענשען, וועלכע זענען דאָ געזעסען און געשטאַנען און האָט זיי אַלעמען דערקענט. צווישען זיי זענען געווען זיינע בעקאַנטע, אייגענע, פריינד און חברים. ער האָט געפיהלט, אַז ווען ער וואָלט נאָר צוגעהן צו וועמען עס איז פון זיי און זיך לאָזען דערקענען, וואָלטען פיל פון זיי זיך אַ וואָרף טהון איהם אויפ'ן האַלז מיט פרעהליכע אויסרופען, מיט טויזענדער פראַגען. און גיך ווי אַ בליץ וואָלט זיך פונאַנדערגעטראָגען איבער פּאָדלעסיע, אַז זעליג אליקום'ס, זעליג דער „בונדאָוויעץ" האָט זיך אומגעקעהרט אַהיים, און גיך

וואָלט די בשורה אַוועקפליהען אויפ׳ן עק סלאָבאָדקע, אין יע־נעם געסעלע, צו דעם קליינעם שטיבעל, וואו עס וואוינען זיי־נע עלטערן.

מאַטווייען האָט פערקלעמט דאָס האַרץ און ער האָט דערפיהלט אַ טיפע בעליידיגונג. עפּעס אַנ׳אויסערליכע, אונגע־זעהענע קראַפט און אין דער זעלבער צייט אַנ׳אכזריות׳דיגע, אומברחמנות׳דיגע, ווערגט איהם, פערשמידט זיין ווילען, זיינע געפיהלען, אַלע זיינע בעוועגונגען, האַלט איהם איין פון צולויפען צו די עלטער׳ן, שטעלט צווישען איהם און זיין אייגענער סלאָבאָדקע אַ מחיצה, ווי אַ גראָב־גלעזערנע וואַנד, דורך וועל־כער ער קאָן אַלץ זעהן, נישט זענענדיג ביכולת צו געהן צו ווען עס איז. אויף אַ ווײַלע האָט זיך איהם אויסגעוויזען ווילד, וואָס ער גיט זיך איצט אונטער אָהן אַ שום ווידערשטאַנד דער־פיינדליכער, בעהאַלטענער קראַפט, אין דער צייט, ווען בשעת ער האָט זיך געפונען אין די הענד פון אָט דער קראַפט, פנים אל פנים מיט איהר, האָט ער זיך קיינמאָל נישט אונטער־געגעבען איהרע בעפעהלען און האָט אָפען, דרייסט אַרויסגעווי־זען איהר זיין שנאה, זיין פעראַכטונג.

ער איז שוין כמעט דערגאַנגען ביז׳ן עק סלאָבאָדקע, ווי ביי איהם אין האַרץ האָט פלוצלונג אויפגעוואַכט אַ געפיהל פון כעס און ענטשלאָסענקייט, איינס פון יענע געפיהלען, וועלכע די חברים פלעגען אָנרופען, אונזיניגע, כאָטש טיף אין האַרצען האָבען זיי עס הויך געשעצט.

מאַטווייען זענען געווען גוט בעקאַנט אַזעלכע שטורעמדיגע געפיהלען, דורך וועלכע ער איז שוין נישט איינמאָל געשטאַ־נען אין געפאַהר. דערפאַר אָבער האָבען איהם אויך די זעלבע שטורעמדיגע געפיהלען פון פערצווייפעלטער ענטשלאָסענקייט נישט איינמאָל געראַטעוועט. וואָלט ער דען נישט געווען אַרעסטירט מיט עטליכע חדשים צוריק, בשעת פּאָליציי איז געקומען אויף אַ קוואַטיר פון זיינעם אַ חבר, וואו ער האָט זיך בעהאַלטען, ווען ער וואָלט מיטאַמאָל נישט אַראָבגעוואָרפען די לאָמפּען און בשעת׳ן טומעל נישט אַרויסשפּרונגען פון פענסטער, פערכאַפּענדיג

מיט זיך אַ פּעקעל ליטעראַטור?

מאַטוויי האָט זיך מיטאַמאָל אָבגעשטעלט, שטאַרק אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד, און גלייך ווי עמיצער וואָלט איהם געטריבען, האָט ער זיך אויף גיך אומגעקערט און איז אַוועק צו דעם געסעל, וואו עס האָבען געוואוינט זייַנע עלטער׳ן.

אַריינגעהענדיג אין געסעל, האָט ער זיך אויף אַ רגע אָבגעשטעלט און אַרומגעקוקט זיך. ווי לאַנג, ווי שרעקליך לאַנג ער איז שוין אַוועק פון דאַנעט! וויפיל האָט מען דאָס איבערגעלעבט אין דער צייט, וויפיל גרויסע היסטאָרישע געשעהעניש׳ען, ענדערונגען זענען עס פּאָרגעקומען. און דאָ? גלייך, ווי דאָס געסעל האָט גאָר קיין שייכות נישט מיט דער וועלט. אַלץ איז דאָ ווי מיט צוואַנציג יאָהר צוריק, אַז זעליג איז נאָך געווען אַ חדר־יונגעל. די זעלבע אָרימע, אַלטע, פערלאָזענע הייזלעך, די זעלבע בלאָטע און מיסט אין מיט׳ן גאַס,—אָט איז די זעלבע בערוועגע מיט די צוויי שטיינער נעבען חיים דעם מלמד׳ס הויז, די זעלבע אָבגעריסענע און פערזשאַווערטע שילד ביי הענעך דעם שוסטער; אַפילו דער גרויסער שטיין, וואָס ליגט אין מיט׳ן גאַס און שטערט דורכצופאָהרען, איז אויך געבליבען אויף זיין אָרט, און אָט איז די אייגענע היים, דאָס אייגענע שטיבעל מיט׳ן גאַניקעל, מיט די צוויי פענסטער צום גאַס, אין וועלכע עס ברענט נאָך פייער.

מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ איז מאַטוויי צוגעגאַנגען צום פענסטער און האָט אַריינגעקוקט אין שטוב. דאָרט זענען געשטאַנען עטליכע ווייבער, צווישען וועלכע ער האָט דערקענט זיין מוטער, די קליינינקע, דאַרע אַלטיטשקע, מיט די גוטע אומעטיגע אויגען. זי איז כמעט נישט עלטער געוואָרען פאַר דער צייט, מעהר נישט, דער רוקען איהרער האָט זיך מעהר איינגעבויגען און די אויגען זענען געוואָרען נאָך טרויעריגער. זי האָט וועגען עפּעס גערעדט רוהיג און האָפּענונגסלאָז, צושאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ. צוהערענדיג זיך, האָבען די ווייבער אויך צוגעשאָקעלט מיט די קעפּ און אויף זייערע פּנים׳ער איז געלעגען אַנ׳אויסדרוק פון אַ שוואַכען מיטגעפיהל.

אין אָט דעם רוהיגען בילד האָט זיך געפיהלט עפּעס שרעקליכעס, גרויזאַמעס. מאַטוויי האָט געזוכט מיט די אויגען דעם פּאָטער. ער האָט גערעכענט, אַז דער פּאָטער מוז זיצען אין דעם הינטערשטען חדר, ביי די ספרי-תורה-יריעות. מאטוויי איז אַרויף אויפ׳ן הויף און איז צוגעגאַנגען צום פענסטער פון פּאָטערס חדר. דאָ האָט ער דערזעהן דעם טאַטען, ליגענדיג אויפ׳ן בעט, און נעבען איהם האָט ער דערזעהן אַ פיין-געקליידעטען יונגענמאַן, אין וועלכען ער האָט גלייך דערקענט דעם ד״ר ברין, וועלכער איז געווען זעהר בעליבט צווישען די אָרימעלייט אין סלאָבאָדקע. „דער טאַטע איז קראַנק״! האָט זיך דורכגעטראָגען ביי מאַטווייען אין קאָפּ אַ שרעקליכער געדאַנק און, צופאַלענדיג צום פענסטער, האָט ער זיך גענומען גוט צוקוקען צום פּאָטער׳ס פּנים. דער אַלטער איז געלעגען אויסגעצויגען און זיין גראָהער קאָפּ, וועלכער איז געווען צוגעדעקט מיט אַ סאַמעטען-שוואַרצער יאַרמאָלקע איז געלעגען אָהן אַ שום בעוועגונג אויף אַ קישען. דעם אַלטענס פּנים איז געווען אינגאַנצען אויסגעדאַרט, געל ווי אויסגעטאָקט פון ביין. די טיף-איינגעפאַלענע אויגען האָבען אויסגעזעהן מורא׳דיג גרויס און האָבען געקוקט גלייך געגען זיך, אָהן צו בעוועגען זיך, רוהיג און האָפּענונגסלאָז.

מאַטווייען איז אויף אַ ווילע פינסטער געוואָרען אין די אויגען און איהם האָט דאָס האַרץ פערקלעמט מיט אַ געפיהל פון צאַרטער און טיפער ליבע צו דעם פּאָטער. און אָט דאָס געפיהל האָט זיך ביי איהם צוברענט שטאַרק און שטורמיש, ווי עס וואָלט זיך אַרויסגעריסען פון דער טיפעניש פון די ווייטע קינדער־יאָהרען. פאַר מאַטווייס אויגען איז געשטאַנען דאָס פריה־ערדיגע פּנים פון זיין פּאָטער, דאָס רוהיג שטרענגע און אין דער אייגענער צייט דאָס ליבע און שמייכלענדע...

און אונטער דער ווירקונג פון די זכרונות האָט זיך מאַטווייען אַרויסגעוויזען, אַז דאָס וואָס ער זעהט אין פענסטער, איז נישט מעהר ווי אַ דמיון און ווי נאָר ער וועט אַריינגעהן אין שטוב, וועט ער דאָרטען דערזעהן דעם פריהערדיגען פּאָטער, דעם געזונדטען, ליבענד־שטרענגען, יועלכער זיצט שטענדיג איבער

זיינע ידיעות און גרייט ספרי־תורות פאַר דער וועלט, אַרום און אַרום האָט זיך גאָרנישט געענדערט; וואו מען טהוט זיך אַ קעהר, איז אַלץ ווי פריהער, הייגט ווי אַזוי קאָן דאָס זיין, אַז זיין פאָ־טער,—דער מיטעלפונקט פון אָט דעם לעבען, וועט גאָר מיט־אַמאָל ווערען אַן אַנדערער, אַ קראַנקער, אַ פערבייאיגער. מאַטוויי האָט שוין געוואָלט צוגעהן צו דער טהיר. נאָר ער האָט דער־זעהן, אַז דער דאָקטאָר געהט שוין אַוועק און ער האָט בעשלאָ־סען אָבצוּוואַרטען איהם אין געסעל.

דער דאָקטאָר איז אַרויס און גלייך נאָך איהם, אויך מאַטוויי׳ס מוטער. זי האָט איהם אָבגעשטעלט און מיט איהם וועגען עפּעס וואָס גערעדט. פון ווייטענס האָט מייטוויי נישט גוט איינגעהערט זיך, וועגען וואָס זי האָט מיט איהם גערעדט, נאָר ער האָט געזעהן, ווי זי קוקט דעם דאָקטאָר גלייך אין די אויגען אַריין מיט אַ געבעט, און וואַרט פון איהם, ער זאָל איהם זאָגען כאָטש איין האָפנונגס־וואָרט. דער דאָקטאָר האָט אַפּנים רחמנות געקריגען אויף איהר.

—נישט ערגער, נישט ערגער!—האָט מאַטוויי דערהערט דעם דאָקטאָר׳ס ווערטער: מאָרגען וועל איך אַריינגעהן נאָכ־אַמאָל. און גלייך, ווי ער וואָלט זיך אַרויסגעריסען פון אַ שווע־רער שטיקענדער לופט, איז ער גיך אַראָב פון גאָניקעל און איז אַוועק צום צווייטען עק געסעל, וואו עס האָט אויף איהם גע־וואַרט אַ פוהרמאַן.

מאַטוויי האָט איהם אָבגעשטעלט, ווען ער האָט זיך שוין געוואָלט זעצען אין ברישקע.

—ענטשולדיגט, הער דאָקטאָר, ער... אליקום דער סופר איז זעהר קראַנק?—האָט מאַטוויי ביי איהם אַ פרעג געטהון.

דער דאָקטאָר האָט אַ וואָרף געטהון אויף מאַטווייען אַ טיפען בליק און האָט איהם נישט גלייך געענטפערט.

—און צוליב וואָס דאַרפט איהר עס וויסען?—האָט ער ביי איהם געפרעגט.

—איך מוז דאָס זעהר וויסען, איך בעט אייך זאָגט,—האָט מאַטוויי אַרויסגערעדט מיט אַ ציטערענדער שטים.

—יאָ; ער איז זעהר קראַנק!—האָט דער דאָקטאָר געענט־פערט פעסט און ענטשלאָסען.

—וואָס איז ביי איהם פאַר אַ קרענק?

—אַ ראַק אין מאָגען...

מאַטוויי האָט געהערט, אַז אַ ראַק איז זעהר אַ שווערע קרענק, ער האָט אָבער נישט געוואוסט, אַז עס איז גאָר קיין האָפנונג נישטאָ געזונד צו ווערען פון אַזאַ קרענק.

—צי איז נאָך אָבער פערהאַן אַ האָפנונג, אַז ער וועט גע־זונד ווערען?—האָט ער געפרעגט, און זיין פנים האָט בעקומען דעם זעלבען רחמנות׳דיגען אויסדרוק, וועלכער איז נאָר־וואָס געוועזען אויף זיין מוטער׳ס פנים.

—אַ ראַק קאָן מען נישט אויסהיילען,—האָט געענטפערט דער דאָקטאָר: וואָלט דער קראַנקער געווען יונגער און וואָלט מען זיך בעצייטענס געכאַפּט, וואָלט מען געקאָנט פּרובען מאַכען אַנ׳אָפּעראַציע... נאָר איצט... איז דאָס מעהר נישט ווי אַ פראַגע פון עטליכע טעג... נו, פאָהר!—האָט ער אַ זאָג געטהון און האָט זיך אַריינגעזעצט אין דער בריטשקע.

מאַטוויי האָט געוואָלט נאָך עפּעס פרעגען, נאָר ער האָט פערגעסען, וועגען וואָס. ער האָט געגעבען אַ טיפען זיפץ און פערלוירען אומגעקוקט זיך, ווי ער וואָלט ערגעץ וואו זוכען הילף. ער האָט דערזעהן, אַז די מוטער שטעהט און קוקט אויפ־מערקזאַם אויף איהם. זי האָט זיך אפנים פעראינטערעסירט מיט דעם אומבעקאַנטען מענשען, וועלכער האָט אָבגעשטעלט דעם דאָקטאָר,—עס קאָן זיין, אַז זי האָט אין דער פיגור, אין די תנועות פון מאַטווייען בעמערקט עטוואָס בעקאַנטעס.

—מאַמע!—האָט זיך מיטאַמאָל אַרויסגעריסען ביי מאַט־ווייען אַ יאָמער און איז צוגעלאָפען צו דער מוטער. די אַל־טיטשקע האָט זיך פערטרייסעלט, זי האָט דערשראָקען אויפגע־הויבען דעם קאָפּ און גלייך אַ וואָרף געטהון זיך צום זוהן מיט אַ געשריי:

—זעליג! מיין זוהן! ווען ביזטו!...

און, נישט ענדיגענדיג די פראַזע, האָט זי מיט איהרע

דאַרע הענד אַרומגעכאַפּט זיין האַלז און גענומען בעדעקען מיט דורשטיגע קושען.

אָבריייסענדיג זיך פון איהם האָט זי אָנגעהויבען רעדען הויך, נאָך אַלץ נישט וויסענדיג, וואָס צו טהון פאַר שמחה.

—אוי, מיין זוהן! אַזוי אומגעריכטערהייד. ווען ביזטו דאָס געקומען צופאָהרען? ווי איז דאָס?...

זי האָט זיך מיטאַמאָל אָבגעשטעלט און קוקענדיג אונרוהיג אויפ׳ן זוהן, האָט זי איהם גיך, נישט הויך, אַ פרעג געטהון:

—ווי, דו ביזט שוין גאָר פריי?... מען האָט דיך שוין אינגאַנצען אַרויסגעלאָזען?...

—נאָכנישט גאָר אינגאַנצען, האָט מאַטוויי געענטפערט אונצופרידען. איך בין אַנטלאָפען, נאָר דאָס איז נישט וויכטיג... וואָס איז דאָס מיט׳ן טאַטען? ער איז שוין לאַנג קראַנק?...

—דער טאַטע? אוי, מיין זוהן, דער טאַטע איז נעבעך ביי אונז שווער קראַנק, זעהר קראַנק, שוין מעהר אַז אַ יאָהר...

—ער ליגט די גאַנצע צייט?

—אַ שאלה צי ער ליגט. עס געהט דער דאָקטאָר. בשעת ער גיט איהם די רפואה, ווערט אויף אַ ווייל׳ע גרינגער און נאָכדעם ווייטער די זעלבע יסורים. נאָר וואָס שטעהען מיר, מיין זוהן, אויף דער גאַס, קום, מיין זוהן, אין שטוב. אַי, ער וועט אָבלעבען, אַז ער וועט דיך דערזעהן! וואַרט, אפשר איז נישט כדאי, אַז זייטיגע מענשען זאָלען דיך זעהן? ביי מיר זיצען דאָרטען די שכנות, ווייבער—וועט דאָס גלייך ווערען מסתמא פול אויף גאַנץ סלאָבאָדקע. איך וועל זיי פריהער משלח זיין. שאַ—האָט זי זיך פלוצלונג דערמאָנט מיט אַ מין עגמת־נפש,—באַלד וועלען צו איהם קומען משה דער דין מיט דעם איידעם. כמעט אַלע אָוועגד קומען זיי צוגעהן צום טאַטען לערנען משניות. איך רעכען צו לויפען צו זיי און בעטען, אַז הייגט זאָלען זיי נישט קומען...

—אויף אַזאַ אופן, האָט זיך אָבגערופען מאַטוויי,—וועל איך בעסער שפעטער קומען. איך דאַרף אַלץ איינס נאָך צו־געהן אין אַנ׳אָרט. אין עטליכע שעה אַרום וועל איך קומען און זעה

טאַקי, אַז צו יענער צייט זאָלען אין שטוב נישט זיין קיין פרעמ־דע מענשען און גרייט צו דעם טאַטען, ער זאָל זיך נישט דערשרעקען, אַז איך וועל קומען צוגעהן פלוצלונג.

—ער וועט זיך גאָרנישט דערשרעקען. ער איז נישט פון די מענשען. ער ווערט דאָך פון גאָרנישט נתפעל, דו ווייסט דאָך, ער איז דאָך אַ דיקאַן פון אַ מענשען.

—און וואו איז הערשקע? וואָס טהוט זיך מיט איהם? — האָט זיך מאַטוויי דערמאָנט אויף זיין קלענער, עלף יעהריג ברודער'ל.

—וואָס זאָל זיך מיט איהם טהון? די זעלבע זאַך וואָס עס טהוט זיך מיט אַלעמען. לויפט אום גאַנצע טעג. ער האָט זיך איינגאַנצען אָבגעשלאָגען פון אַלץ... אַלץ מיט די ביכלעך, אַלץ אויפ'ן בירזשע... מען קאָן פון מח אַראָב!... נו, געה מיין זוהן,—האָט זי צוגעגעבען מיט אַ טאָן, פול ליבע: עמיצער קאָן נאָך אָנגעהן, וועט מען דיך דערזעהן...

מאַטוויי האָט נאָכאַמאָל אַרומגענומען זיין מוטער און איז אויף גיך אַוועקגעגאַנגען צו באַרקאַנאָוו'ן „אָבפטר'ן וואָס גיכער און אומקעהרען זיך צוריק אַהער",—האָט זיך ביי איהם געטראָ־גען אין מח אַלץ איין געדאַנק. דער קראַנקער פאָטער, דאָס בעגעגעניש מיט דער מוטער, האָבען איהם מיטאַמאָל אָבגעריסען פון אַלע אינטערעסען, מיט וועלכע ער האָט געלעבט די גאַנצע צייט, און האָבען איהם אומגעקעהרט צוריק צו „זיך", צו דער אייגענער היים, צו די קינדער־יאָהרען און ער איז געוועזען אַרומ־גענומען מיט אַ ליידענשאַפטליך־צאַרטען געפיהל צום פאָטער.

„אַ ראַק אין מאָגען—מסתמא פון דחקות, אַנ'אַלטער מאַן, האָט נעבעך געמוזט אַליין האָרעווען, אויפהאַלטען דאָס גאַנצע גע־זינד"—האָט ער ביי זיך געטראַכט. כל־זמן ער, זעליג, איז געוועזען אין דער היים, האָט ער אונטערגעהאָלפען די עלטער'ן. ער האָט פערדינט נישט שלעכט פון אוראָקען. נאָר איהם האָט מען אַרויס־געריסען פון דער היים און אומגעשלעפט איבער די אָסטראָגען...

„מיך האָט מען בעשטראָפט און פאַרבייגעהענדיג גע'הרג'עט דעם אַלטען טאַטען",—האָט ער געענדיגט מיט אַ טיפער פעראַכטונג.

# ה

באַרקאַנאָוו איז געזעסען פערשפּאַרט אין זיין צימער און האָט פונאַנדער געשיפרירט אַ פערשטעלטען בריף מיט פיל גריי-זען. אַז ער האָט דערהערט דעם קלאַפּ אין טהיר, האָט ער גלייך בעהאַלטען דעם בריף און איז אַרויסגעגאַנגען.

—וואָס דאַרפט איהר?—האָט ער געפרעגט קאַלטבלוטיג, קו-קענדיג עפּעס מיט חשד אויף מאַטווייען.

—משיח איז געקומען,—האָט געזאָגט מאַטוויי כמעט מעכאַ-ניש זיין פּאַראָל פון דער אָרגאַניזאַציע און בעקומענדיג גלייך דעם ענטפער: „גלייך קיין קרעסלאָווקע״, האָט ער צוגעגעבען:—איהר האָט מיך נישט דערקענט? איך בין דאָך מאַטוויי...

באַרקאַנאָוו האָט גלייך, איידער ער האָט נאָך אפילו גע-זאָגט זיין נאָמען, איהם דערקענט און זיך שטאַרק פערוואונדערט דערפרעהט און האָט גענומען שיטען מיט פראַגען. מאַטוויי האָט איהם אָבער איבערגעריסען:

—וואו איז דוד?—האָט ער געפרעגט:—באַשע האָט מיר גע-זאָגט, אַז ער איז ביי אייך דער בעל-הבית אויף דאָס געוועהר.. איך דאַרף מיט איהם וועגען עפּעס דורכריידען זיך.

—איך האָב מורא, אַז מיט דוד'ן האָט זיך עפּעס געטראָ-פען,—האָט באַרקאַנאָוו געענטפערט אונרוהיג—אייערנעכטען איז ער אויף עטליכע שעה אָבגעפאָהרען קיין ק., האָט ער נאָך נעכטען געדאַרפט קומען צוריק און איז נאָך נישטאָ ביז איצט.

מאַטוויי האָט געקענט דוד'ן פאַר אַ ריכטיגען מענש, דע-ריבער האָט ער אויך איינגעשטימט, אַז מיט דוד'ן האָט זיך עפּעס געטראָפען נאָר ער האָט עס נישט אַרויסגעזאָגט.

—נאָך וואָס איז ער געפאָהרען קיין ק.? — האָט מאַטוויי געפרעגט:—ער האָט זיך דאָרטען געדאַרפט טרעפען מיט מיכאַאילען?

—יאָ, ווייסט איהר, הייסט עס, וועגען מיכאַאילען אויך.—האָט זיך אַביסעל באַרקאַנאָוו פערוואונדערט.

—מען האָט מיר וועגען דעם אָנגעזאָגט... איך פאָהר אויך איצט וועגען אזא אינטערעס,—האָט ער צוגעגעבען.

—צו דער זעלבער גרענעץ?

—ניין! איך פאָהר גאָר צו די עסטרייכישע. איך האָב שוין דאָרטען איינגעשטעלט א שטענדיגען וועג, אויף צו פיהרען דאָס געוועהר. איין טראַנספּאָרט איז שוין אַראָב גלאַט און אַהער בין איך געקומען נעהמען עטליכע מענשען, וואָס זאָלען אַרומפיהרען דאָס געוועהר איבערן ראַיאָן. ווייטער דאַרף מען אָברעדען וואָס פאַר א פעקעל צו שיקען אַהער...

אין צימער איז אַריין פּאַמעלעך, שטיל, א מענש פון א יאָהר דרייסיג, נישט קיין הויכער, א דאַרער, מיט א קליין שוואַרץ בערדעל. זיין אויסזעהן איז געווען א רוהיגס און א וואַכעדיגס, נאָר אין זיין טיפען קלוגען בליק איז געלעגען אַנ׳אויסדרוק פון דאגה!

—א פיינער מענש! איך האָב גערעכענט, אַז מען האָט דיך שוין לאַנג צוגענומען,—האָט באַרקאַנאָוו פרעהליך אויסגעשריען, אַראָבשפּרינגענדיג פון שטוהל.

דוד האָט גאָרנישט געענטפערט באַרקאַנאָוו׳ן און האָט אָבגעשטעלט זיינע אויגען אויף מאַטווייען. ער האָט איהם גלייך דערקענט און זיין פּנים האָט ווי אָנגעהויבען לייכטען. נאָר, אָנשטאָט שאלות, פרייד-אויסרופען, האָט ער רוהיג נאָר א זאָג געטהון:

—מאַלאַדיעץ!

און שטיל, פּראָסט האָט ער זיך צוקושט מיט זיין אַלטען חבר.

דוד׳ס פּנים, וואָס האָט אויף א ווייַלע אויפגעלויכטען, איז ווידער געוואָרען שטרענג און פער׳דאגה׳ט.

—מען האָט נעכטען מיכאַאילען צוגענומען... נעכטען אויפ׳ן וואָקזאַל...—האָט ער אַרויסגערעדט מיט א טיפען צער:—ער איז נאַריש דורכגעפאַלען, ער האָט שיער נישט נאָך אונז אַלעמען אַריינגעשלעפּט. ער האָט געבראַכט מיט זיך צו שלעפען נאָך פון ג. אַנ׳עק... דער עיקר אָבער, וואָס ער האָט גע׳פּטר׳ט כמעט

דעם גאַנצען אינטערעס, צוליב וואָס ער איז געפאָהרען...

—וואָס הייסט גע׳פטר׳ט?—האָבען צושראָקען געפרעגט באַר־קאַנאָוו מיט מאַטוויי׳ען.

—אויף דער גרענעץ וועט מאָרגען קומען אַ מענש מיט אַ טראַנספּאָרט און ער וועט דאָרט אויף איהם וואַרטען. איצט, אַז ער וועט נישט קומען, וועט יענער נישט וויסען וואָס צו טהון און וועט דאָרטען זיצען און וואַרטען אויף איהם און דורכדעם קאָן געמאָלט זיין, אַז ער וועט דורכפאַלען אינאיינעם מיט דעם טראַנספּאָרט.

—פאַרוואָס איז עמיצער אַנ׳אַנדערער נישט געפאָהרען אַהין?—האָט באַרקאַנאָוו געפרעגט.

—וואוהין?—האָט דוד איבערגעפרעגט רוהיג, קוקענדיג אויף באַרקאַנאָוו׳ן:—ווען מען וואָלט וויסען וואוהין, וואָלט איך נעכטען אַליין געפאָהרען. דעם אָרט, פערשטעהט זיך, ווייס איך, אָבער וואו און ווי בעגעגענען זיך אָט מיט דעם מענשען, דאָס ווייסט מעהר נישט ווי מיכאַאיל.

—אויף וועלכער גרענעץ איז דאָס? — האָט זיך מאַטוויי אויפהויבענדיג געפרעגט.

דוד האָט אָנגערופען די גרענעץ.

—נו, פאָהר איך אַהין! — האָט גלייך בעשלאָסען מאַטוויי. די גרענעץ ווייס איך גאַנץ גוט: איך האָב דאָרטען נישט איינ־מאָל געהאַט געשעפטען און דאָרטען וועל איך שוין אויפזוכען דעם מענשען מיט׳ן טראַנספּאָרט. ווען געהט דער צוג?

—צעהן מיט פינפאונדרייסיג, — האָט געענטפערט דוד, קו־קענדיג אויף זיין שוואַרץ זייגערעל: האָסט נאָך גאַנצע אַנדערט־האַלבען שעה.

—אַנדערטהאַלבען?—האָט מאַטוויי אונרוהיג איבערגעפרעגט, דערמאָנענדיג זיך, אַז אין דערהיים וואַרט אויף איהם דער פאָ־טער.—אויף אַזאַ אופן, געה איך אַוועק—האָט ער צוגעגעבען אויף גיך!

—שטעה, מען דאַרף זיך דאָך אַביסעל דורכריידען, — האָט איהם דוד אָבגעשטעלט.

—שפעטער, אַז איך וועל זיך אומקעהרען צוריק!... איצט האָב איך קיין צייט נישט.

וואוהין איילסטו? צום וואָקזאַל איז אינגאַנצען צעהן מינוט גאַנג, האָסט נאָך גענוג צייט.

—איך מוז נאָך אַריינגעהן אין אַנ'אָרט, איך האָב זעהר קיין צייט נישט!—האָט מאַטווי געענטפערט מיט האַלבע ווערטער. ער האָט פעסט געדריקט די האנד די חברים און איז אויף גיך אַוועק אין סלאַבאָדקע.

אויפ'ן גאַניק האָט איהם שוין אָבגעוואַרט זיין מוטער.

—און איך וואַרט שוין, זוהנעלע, אויף דיר,—האָט זי אַרויס-גערעדט נישט הויך: איך האָב שוין אַלעמען אויסגעריכט, פער-לאָשען די לאָמפ אין קאַמער, וואָס געהט אַרויס צו דער גאַס, אָנגעשטעלט דעם סאַמאָוואַר.

מאַטווי איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב און מיט האַרץ-קלאַ-פעניש איז ער אַריבערגעטרעטען די שוועל פון טאַטענס חדר.

דער אַלטער האָט שוין געוואוסט פון דעם גאַסט. ער איז געלעגען אויפ'ן עלענבויגען מיט'ן פנים צו דער טהיר און האָט מיט אַ שטרענג פערטראַכטען בליק געקוקט אין פינסטערען פאַר-הויז, גלייך ווי ער וואָלט רופען דעם אונגעריכטען אורח. אַז מאַטווי איז אַריין אין שטוב, האָט דער קראַנקער זיך אפילו קיין ריהר נישט געגעבען, קיין שום תנועה נישט געמאַכט, מעהר נישט, אין זיינע שטרענגע, אומעטיגע, פערטראַכטע אויגען האָט זיך בעוויזען אַנ'אויסדרוק פון אַ טיפער פרייד.

מיט גרויס מיה האָט ער אַרויסגעצויגען פון אונטער דער קאָלדרע זיין דאַרע האַנד און האָט זי דערלאַנגט מאַטווי'ען.

—שלום-עליכם, מיין זוהן, האָט ער אויסגערעדט, רוהיג, מיט אַביסעל אַ הייזעריגער שטים, אָבגעטיילט איין וואָרט פונ'ם צווייטען, און האָט צוגעגעבען מיט התלהבות:

—ברוך מתיר אסורים.

—עליכם-שלום, טאַטע, — האָט מאַטווי געענטפערט שטיל, מיט הכנעה און אין זיין קול האָבען זיך געהערט טרעהרען.

מאַטווי האָט זיך איינגעבויגען צו דעם אַלטען און איז צוגעפאַלען מיט זיינע ליפען צו דעם פאַטערס באַקען.

דער פאָטער האָט איהם עטליכע מאָל שוואַך אַ קוש געטהון.

—געלויבט איז גאָט, וואָס ער האָט מיך מזכה געווען צו זעהן זיך מיט דיר... שוין גאָרנישט געהאָפּט,—האָט ער אַלץ גערעדט מיט אַ רוהיגער התלהבות.

ביי אַ מינוט האָבען אַלע געשוויגען, נישט וויסענדיג וועגען וואָס פריהער צו ריידען, נישט געפינענדיג קיין ווערטער, אויף אויסצודריקען זייער שטימונג. דער אַלטער האָט זיך שטאַרק צוגעקוקט צום זוהן, דער שטערען האָט זיך ביי איהם צוקנייטשט ווי ער וואָלט זיך בעמיהען וועגען וואָס עס איז דערמאָנען זיך. אין זיינע אויגען האָט זיך בעוויזען אַ התפעלות-אויסדרוק.

—ווי... דו... האָסט זיך עפּעס אומגעביטען... אינגאַנצען אומגעביטען... מען קאָן דיך כמעט נישט דערקענען,—האָט ער ארויסגערעדט מיט האַלבע ווערטער. די מוטער האָט איהם אויך בעטראַכט. זי האָט נאָך פריהער בעמערקט, אַז איהר זעליג האָט זיך שטאַרק אומגעביטען, נאָר זי האָט זיך אויף דעם נישט אָבגע-שטעלט, און איצט האָט זי זיך געסטאַרעט צו כאַפּען אין וואָס ער האָט זיך אומגעביטען. איהר האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען דער קאָלירטער האַלזטוך, דאָס וועליסאָפּעדען־היטעל, און זי האָט רו-היג אַרויסגערעדט:

—מסתמא, געהען אַלע אום אַזוי דאָרטען, וואו ער איז געווען.

דער אַלטער האָט זיך בענוגענט מיט דער בעמערקונג און, קוקענדיג ערגעץ ווייט, האָט ער געזאָגט אַביסעל פערטראַכט:

—יאָ, יעדע שטאָדט, יעדע מדינה האָט זיך איהר מנהג...

ער האָט זיך דערמאָנט די מעשיות, וואָס איהם איז אויסגעקומען צו הערען וועגען דעם לאַנד, וואוהין מאַטוויי איז געווען פערשיקט, און האָט אַרויסגערעדט ווי פאַר זיך מיט דעם פריהערדיגען טאָן פון רוהיגער התלהבות:

—דו מיין זוהן, ביזט געווען ווייט, זעהר ווייט, אויפ׳ן עק וועלט...

—ווייט...—האָט מאַטוויי איהם שטילערהייד ווי נאָכגעזאָגט.

—אין קאַלטע לענדער... וואו אַ גאַנץ יאָהר איז ווינטער, פרעסט... וואו עס לויפען אום חיות רעות,—האָט אַלץ גערעדט דער אַלטער—און פונדעסטוועגען לעבען דאָרט אויך מענשען...

—עס לעבען,—האָט נאָכגעזאָגט מאַטווײ,
אויף אַ װײלע האָט געהערשט אַ שטילשװײגעניש.

—און יודען, זענען דאָרט עפּעס פערהאַן יודען?—האָט מיט אַמאָל די מוטער געפרעגט.

—מײן װײב, יודען זענען פערהאַן אומעטום און אומעטום בלײבען זײ יודען,—האָט געענטפערט דער קראַנקער מיט אַ טיפער איבערצײגונג: איך האָב אָבגעלעבט אויף דער װעלט אַ לאַנג, לאַנג-לעבען... גאַנצע זיבעציג יאָהר — האָט װידער לאַנגזאַם געזאָגט דער אַלטער.- און איצט, אויף דער עלטער, האָב איך אָנגעהויבען צו פערשטעהן, אַז אַ יוד בלײבט אַלעמאָל און אומעטום אַ יוד...

ער האָט זיך געסטאַרעט אויפצוהויבען זיך העכער אַביסעל און האָט װײטער גערעדט נאָך לעבעדיגער און זײנע ברײטע אויגען האָבען זיך נאָך מעהר פונאַנדערגעעפענט:

—מיט דרײ חדשים צוריק איז דאָ געװען אַ האָמלער יוד און ער האָט דערצעהלט, אַז דאָרטען זענען גוים אָנגעפאַלען און האָבען זײ געװאָלט אַלעמען אויסקוילענען, אַלעמען, אנשים, ונשים וטף, װי אין קעשינעװ, רחמנא ליצלן, און דעמאָלט זענען אַרויסגעטראָטען די יונגע בחורים, פון די הײנטיגע, װעגען װעלכע מען זאָגט, אַז זײ זענען גאָר קײן יודען נישט, אַז זײ זענען פּורצי-גדר. װען נישט זײ, װאָלט אומגעקומען חס-ושלום די גאַנצע יודישע קהלה... זײ האָבען מקריב געװען זײער אײגען לעבען, כּדי מציל צו זײן די יודישער הײזער, װײבער און קינדער, און פיל פון זײ זענען אומגעקומען אויפ׳ן אָרט.

דער אַלטער האָט אָבגעאָטהעמט, ער האָט נאָך געהערט זײן שטים און האָט װײטער גערעדט:

—ער האָט נאָך דערצעהלט, אַז בשעת די גוים האָבען זיך אַ װאָרף געטהון צו די שוהלען, צו די בתי-מדרשים, זענען די יונגע בחורים װײטער אַרויס געגען זײ און האָבען זײ פערצוימט דעם װעג און נישט געלאָזען די גוים מטמא זײן די הײליגע תורות, און פיל פון די יונגע-לײט זענען װײטער אומגעקומען על קידוש-השם, און מען האָט זײ מקבר געװען װי קדושים.

די אויגען האָבען ביי איהם געברענט און ער האָט אי־בערגע׳חזר׳ט שטילערהייט מיט התלהבות:

—דו הערסט: „ווי קדושים״!...

און מיטאַמאָל איז איבער זיין פּנים דורכגעלאָפען אַ שאָטען און ער האָט זיך אַראָבגעלאָזען אויפ׳ן קישען און זיינע אויגען זענען געוואָרען אויסגעלאָשען, פינסטער, דאָס פייער׳ל, וואָס האָט אַ ווײַלע געברענט, איז פערלאָשען געוואָרען.

—איך האָב אָבגעלעבט אַ לאַנג לעבען,—האָט ער ווידער גענומען ריידען מיט אַ געפּאַלענער שטים, מיט אַ שווערען אומעט: גאַנצע פערציג יאָהר האָב איך ספרי־תורות געשריבען, ווי גאָט האָט געבאָטען; מיט תשובה, מיט יראה, מיט מחשבות טהורות. איידער איך פלעג אָנצייכענען אַ שם, פלעג איך געהן אין מקור, איך האָב געהיט, אויף וויפיל איך האָב נאָר געקענט גאָטס מצות און גאָט האָט מיך נישט מזכה געווען איך זאָל זיך קאָנען מוסר נפש זיין צוליב קידוש השם... צו בעשיצען די ספרי תורות וואָס איך האָב מיין גאַנץ לעבען געשריבען, פון דער טומאה, פון די גוי׳שע הענד. האָט מיך נישט מזכה געווען!.. און זיי האָט ער מזכה געווען... איך האָב דאָס גאַנצע לעבען געשריבען, אָבער איך האָב גאָרנישט איינגעשריבען אין דעם ספר־הזכרונות. און זיי, זיי האָבען מיט איינמאָל, אין איין רגע, זיך איינגעשריבען. מיין זוהן! יש קונה עולמו בשעה אחת.

די אויגען זענען ביי איהם געווען פייכט פון טרערען און זיין קול האָט געציטערט.

—נו, וואָס האָסטו זיך מיט אַמאָל פונאַנדערגערעדט וועגען דעם,—האָט אויסגערעדט מיט עגמת־נפש, די מאַמע.

נאָר דער אַלטער האָט איהר נישט געהערט און קומענדיג אַביסעל צו זיך, האָט ער זיך ווייטער צורעדט, נאָך שטאַרקער, מוטיגער:

—און איצט, מיין זוהן, פערשטעה איך, וואָס איז אַזוינס דאָס פּינטעלע יוד. איך פערשטעה איצט אַ סך, איך פערשטעה דיך אויך, מיין זוהן, דו... דו... ביזט דאָך נישט געווען דאָרטען... אין האָמעל?—האָט ער ביי איהם מיט אַמאָל אַ פרעג געטהון:

—ניין, נישט געווען...
—נישט געווען... נאָר אויב דו וואָלסט דאָרטען געווען, איך ווייס... זעץ זיך, מיין זוהן... זעץ זיך נעבען מיר,—האָט ער אָנגעהויבען צו ריידען רוהיגער.—איך וועל דיר עפּעס דערצעהלען. איך וועל דיר דערצעהלען דאָס, וואָס איך האָב איבערגעטראַכט אין די לעצטע יאָהרען פון מיין לעבען...
—וואָס שטעה איך — האָט אַרויסגערעדט די מוטער: דער סאַמאָוואַר איז שוין לאַנג פערטיג, און זי איז אויף גיך ארויס פון צימער.
מאַטוויי האָט זיך נישט געזעצט, ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז ער דאַרף פאָהרען, און עס איז שוין צייט צו געהן צום באַהן. ער האָט אַ קוק געגעבען אויפ'ן זייגער און האָט דערזעהן, אַז צום צוג איז בײַ איהם מעהר נישט געבליבען ווי איין האַלבע שעה צייט, און דער מהלך איז פונדעסטוועגען געווען אַ גאַנץ היבשער.
—טאַטע,—האָט ער אויסגערעדט מיט אַמאָל פעסט און ענטשלאָסען: איך מוז היינט בײַנאַכט פאָהרען וועגען אַנ'ענין... וועגען זעהר אַ וויכטיגען ענין... און איך מוז שוין געהן.
דער אַלטער האָט עס נישט גלייך פערשטאַנען און האָט געקוקט אויף מאַטווייען מיט פערוואונדערונג. דערנאָך האָט ער גלייך פערשטאַנען, און זיינע אויגען זענען געוואָרען אומעטיג.
—אויב דו דאַרפסט פאָהרען, טאָ פאָהר מיין זוהן... וואָס קאָן מען מאַכען?—האָט ער אַרויסגערעדט אַביסעל פרעהליכער.
—אין פיער אָדער פינף טעג אַרום וועל איך ווידער קומען,—האָט ער צוגעגעבען אויף גיך: דעמאָלט וועל איך זיך דאָ מעהר אָבשטעלען... דעמאָלט...
—הער, מיין זוהן,—האָט איהם איבערגעשלאָגען דער אַלטער גאָר מיט אַנ'אַנדער קול, נישט הויך, גלייך ווי ער וואָלט מורא האָבען, אַז דאָס ווייב זאָל נישט דערהערען: דו ווייסט דאָך אַז בײַ גאָט איז אַ טאָג ווי טויזענד יאָהר... אָבער בײַ אַ מענש אַ טאָג—איז אַ סך צייט... מאַלע וואָס מיט אַ מענשען קאָן זיך טרעפען... מיר זענען אַלע בײַ גאָט אין די הענד. גאָט ווייס,

צי וועלען מיר זיך שוין נאָכאַמאָל זעהן.

בעמערקענדיג, אַז מאַטווייי וויל איהם עפּעס זאָגען, האָט ער איהם אויף גיך אָבגעשטעלט:

—לאָמיר נישט ריידען וועגען דעם... הלואי זאָל זיין גוט, נאָר איך וועל דיך בענשען... העלף מיר זיך אויפזעצען.

מאַטווייי האָט איהם געהאָלפען אויפהויבען זיך, דער אַלטער האָט אַרויסגעלעגט די הענד אויפ'ן זוהנ'ס קאָפּ, האָט איהם שטיל געבענשט און האָט געענדיגט מיט די ווערטער:

—און זאָלסט בלייבען, מיין זוהן... אַ יוד בלב ובנפש...

ער האָט בעמערקט, אַז די אַלטע איז אַריינגעגאַנגען און ער האָט גלייך, אויף גיך אַראָבגענומען די הענד, כדי זי זאָל נישט בעמערקען, אַז ער האָט געבענשט זעליגע'ן.

—זעה! וואָס האָסטו זיך עפּעס מיטאַמאָל געזעצט?—האָט זי געפרעגט מיט פערוואונדערונג.

—אַזוי זיך—האָט ער געענטפערט און ווידער געלעגט זיך.

—נו, עס איז שוין פערטיג צום טיש,—האָט זי זיך געווענדט צו מאַטווייען.

—רבקה, — האָט אַרויסגערעדט דער אַלטער רוהיג און פעסט: זעליג מוז שוין פאָהרען וועגען אַ נויטיגען ענין. הערסט? האַלט איהם נישט אויף און זיי זיך נישט מצער... זאָל ער פאָהרען אין אַ גוטער שעה, און זאָל איהם גאָט מצליח זיין, וואוהין ער פאָהרט.

די אַלטינקע איז עפּעס ווי פערשטיינערט געוואָרען, איהר איז געוואָרען פינסטער אין די אויגען.

—דו... מוזט?... האָט זי אַרויסגערעדט טרויעריג און גע-קוקט אויפ'ן זוהן מיט אַ תחנונים בליק.

—יאָ, איך מוז!—האָט ער געענטפערט שטאַרק און האָט גלייך צוגעגעבען:

—אין עטליכע טעג אַרום וועל איך קומען נאָכאַמאָל אַ הער.

נאָר די הבטחות זענען פאַר איהר נישט געווען קיין היילונג, און זי האָט זיך צעוויינט.

—אַפילו נישט בעוויזען צוויי ווערטער אויסצוריידען...

אָנצוקוקען זיך איינער אויף דעם אַנדערען... דו האָסט דאָך אַפילו הערשעלען נישט געזעהן.

—רבקה, זינדיג נישט,—האָט איהר אָבגעשטעלט דער אַלטער מיט אַ פאָרוואורף.

מאַטוויי האָט אַרומגענומען דעם פאָטער און, מורא האָבענדיג, ער זאָל נישט פערשפעטיגען דעם צוג, האָט ער זיך כמעט אַרויסגעריסען פון דעם פאָטער׳ס קושען און איז אַרויסגעלאָפען פון שטוב.

אויף דער גאַס האָט ער ערשט בעמערקט, אַז דאָס פּנים זיינס איז פייכט פון טרעהרען.

דער קאָמיטעט פון דער א־ער בונדישער אָרגאַניזאַציע איז בעשטאַנען פון דריי פּערזאָן, וואָס פלעגען פונאַנדערטיילען צווישען זיך די גאַנצע אַרבייט. דאָס אַרויסטרעטען אויף פערזאַמלונגען, לייענען רעפעראַטען, צונויפשטעלען פּראָקלאַמאַציעס א. ד. גל. איז כמעט איינגאַנצען געלעגען אויף באַרקאַנאָוו׳ן, וואָס איז געווען בעקאַנט מיט דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער ליטעראַטור אין דער רוסישער שפּראַך, אַ חוץ דעם, איז נאָך באַרקאַנאָוו געווען דער קאַסיר פון קאָמיטעט און אויף איהם איז געלעגען די התחייבות צו געפינען געלד-מיטלען. אַ מענש, וואָס האָט אָנגעהערט צו דער בורזשואַזיע, האָט ער געהאַט פיעל בעקאַנטע צווישען די גבירים און דער אינטעליגענץ און גאַנץ אָפט פלעגט ער מיט זייער הילף איינאָרדנען ליטעראַרישע אָווענדען.

די מעהר קאָנספּיראַטיווע אַרבייט איז געלעגען אויף דוד׳ן. ער איז געווען דער סעקרעטאַר פון קאָמיטעט און איז געשטאַנען אין אַ דירעקטען פערקעהר אי מיט דעם צ. ק. אי מיט די ראַיאָן-פאָרשטעהער. דוד איז געווען איינער פון די עלטסטע און ערפאַהרענסטע טהוער, און דערפאַר טאַקי האָט ער אויף זיך גענומען די שווערסטע און פעראַנטוואָרטליכסטע אַרבייט. ער פלעגט אויפקויפען געוועהר, איז געווען דער אָנפיהרער פון דער אָרטיגער „קאַמפּ׳ס-אָרגאַניזאַציע״ און אונטער זיין רשות איז אויך געשטאַנען די געהיימע דרוקעריי, וואָס האָט זיך שוין זינט צוויי יאָהר צייט געפונען אין N.. בנוגע צו דער דרוקעריי איז ער גע-

ווען זעהר אָבגעהיט און ער פלעגט זיך מיט איהר אויפטראָגען דורך אַ דריטער פּערזאָן. אין דער דרוקעריי גופא איז ער געווען נאָר איין מאָל, און מעהר נישט. די חברים פון קאָמיטעט האָבען געוואוסט, וואו זי געפינט זיך, נאָר מיט די אַרבייטער פון דער דרוקעריי האָבען זיי זיך קיינמאָל נישט בעגעגענט. דוד פלעגט זיך קיינמאָל נישט בעוויזען—נישט אויף דער בירזשע, נישט אויף פערזאַמלונגען. און אַ חוץ די מענשען, וואָס זענען געשטאַנען נאָהנט צום קאָמיטעט, האָט קיינער אַפילו נישט געוואוסט, אַז דוד איז אין קאָמיטעט. אין שטאָדט האָט מען אַפילו נישט געוואוסט, אַז ער איז אַ מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע. די אָרגאַניזאַציאָנס-אַרבייט, די אַרבייט צווישען דער מ אַ ס ע, די פערבינדונג מיט איהר דורך די פאָרשטעהער פון די „קרייזלעך”, די דורכפיהרונג פון „מאַסאָווקעס” און פערזאַמלונגען, מיט איין וואָרט,—די גאַנצע פּראַקטישע אַרבייט פון דער אָרגאַניזאַציע איז געלעגען אויף באַשען. שטעהענדיג אין נאָהנטער פערבינדונג מיט די פאָרשטעהער פון די „קרייזלעך”, אַלס אַ מיטגליד פון קאָמיטעט, איז זי אין דער אייגענער צייט אויך געווען אַ פאָרשטעהערין פון אַ „קרייזעל”, כדי דער עולם זאָל נישט וויסען, אַז זי איז אין קאָמיטעט. אַרבייטענדיג אַ גאַנצען טאָג אויף דער פאַבריק, פלעגט באַשע'ן בלייבען זעהר וועניג צייט אויף איהר פּאַרטיי-אַרבייט, און גאַנץ אָפט, נישט פערגעהענדיג אַפילו אַ היים אָבעסען, פלעגט איהר אויסקומען גלייך פון פאַבריק צו לויפען ערגעץ אויף אַ פערזאַמלונג, צי אויף אַ זיצונג, דערנאָך אויף די בירזשע, פון דאָרטען—אויף עטליכע „מאַסאָווקעס” און קומען אַ היים שפּעט, אָנ'-אַנדערש מאָל נאָך האַלבער נאַכט, אַ מידע, אַ הייזעריגע, אַ הונגעריגע. נאָר זי האָט עס כמעט נישט בעמערקט און אויב זי פלעגט זיך יאָ אויף וואָס עס איז קלאָגען, איז עס געווען נישט מעהר ווי דערויף, וואָס איהר כאַפּט נישט גענוג צייט אויף אויסצופיהרען די גאַנצע אַרבייט, וואָס ליגט אויף איהר.

באַלד נאָכדעם, ווי מאַטוויי איז אַרויס פון שטוב, איז באַשע אויף גיך אַוועק אויף דער בירזשע. זענענדיג זעהר אָבגעהיט, פלעגט זי קיינמאָל ביי זיך נישט פערשרייבען און שטענדיג

אַלץ האַלטען אין קאָפּ. דערפאַר האָט זי תמיד אויסגעוויזען פערידאגה'ט און אונרוהיג: מורא-האָבענדיג, טאָמער פערגעסט זי וואָס פלעגט זי שטענדיג איבער'חזר'ן פאַר זיך אַליין, וואָס זי האָט בעדאַרפט טהון. ווען באַשע איז צוגעגאַנגען צום פּאַרק, איז שוין געווען נאָך אַכט דער זייגער אין אָווענד און די בירזשע איז שוין געווען פול געפּאַקט מיט מענשען.

די אַלעען פון פּאַרק און די טראָטואַרען פון די צוויי נאָהנטסטע גאַסען, זענען געווען בעדעקט מיט אַ גרויסען המון מענשען, וואָס האָט לאַנגזאַם שפּאַצירט אַהין און צוריק. דער גרעסטער טייל פון המון איז בעשטאַנען פון יונגע און טיילווייז נישט דערוואַקסענע אַרבייטער און אַרבייטערינס, פּריקאַזשטשיקעס און פּריקאַזשטשיצעס. אַנ'אַנדערש מאָל פלעגט מען דאָ אויך בעגעגענען אַ גימנאַזיסט אָדער אַ סטודענט. אויף דער ס.—ראָווסקער בירזשע פלעגען זיך בעגעגענען אויך רוסישע אַרבייטער און אַפילו צוויי—דריי סאָלדאַטען אָדער פּויערים.

די אַרבייטער זענען געווען אָנגעטהון פּראָסט און ציכטיג: די מאַנסבילען מעהרסטענטייל אין שוואַרצע אָדער בלויע העמדלעך און אין קאַרטוזען, די פרויען—אין סיצענע בלוזקעס און שטרויענע היטעלעך. נישט קוקענדיג דערויף, וואָס אויף דער בירזשע זענען געווען אַזויפיל מענשען, אַז מען האָט נישט געקאָנט דורכגעהן, דאָך איז דאָרט קיינמאָל נישט פּאָרגעקומען קיין שטויסעריי, נישט קיין טומעל. אַלע האָבען זיך געהאַלטען רוהיג, ערנסט, מיט דעם בעוואוסטזיין פון דער אייגענער ווערדע, ווי מענשען, וואָס זענען פערנומען מיט אַ גרויסער און ערנסטער זאַך.

דער גרעסטער טייל פון המון האָט זיך געפונען אין פּאַרק. דאָרט האָט זיך קאָנצענטרירט דאָס גאַנצע לעבען פון דער בירזשע און די גאַנצע פּראַקטישע טעטיגקייט פון די אָרגאַניזאַציעס. גלייך מיט דעם לאַנגזאַם שפּאַצירענדען המון, זענען אין אַלע אַלעען געשטאַנען גרופּעס מיט „קרייזלעך". אייניגע פון די גרופּעס האָבען זיך געהאַלטען צוזאַמען, פעסט. ווי פערשלאָסען, דער שמועס צווישען זיי האָט זיך געפיהרט נישט הויך, האַלב אויפ'ן אויער און דער איבעריגער עולם פלעגט זיך קיינמאָל נישט צוהערען צו דעם, וועגען וואָס דאָרטען האָט זיך גערעדט. די גרופּעס

פלעגן צווישען זיך פיהרען פערשידענע אָרגאַניזאַציאָנעלע שמועסען און בעטראַכטען און בעשליסען פראַקטישע פראַגען. דאָ האָבען די פאָרשטעהער פונאַנדערגעגעבען די מיטגלידער פון זייערע „קרייזלעך“ ביכלעך און בראָשורען, דאָ האָבען זיך איבערגעגעבען די אינסטרוקציעס, דאָ פלעגט בעשטימט ווערען די צייט פון פערזאַמלונגען, א. ד. גל. אַנ׳אַנדערש מאָל פלעגט מען דאָ בעטראַכטען די פראַגע וועגען אַ שטרייק, וועגען אַ סכסוך צווישען אַ בעל-הבית מיט די אַרבייטער, אָדער ביי די אַרבייטער צווישען זיך גופא. אין די אַלעען זענען אויך געשטאַנען אַנדערע מינים גרופּעס, וואָס זענען בעשטאַנען פון נאָך אַ גרעסערען עולם.

די גרופּעס זענען זיך געשטאַנען אָפען, פריי, דער שמועס האָט זיך דאָ געפיהרט אַנ׳אַנדערשמאָל הויך, היציג די פערבייגעהענדע פלעגען זיך אָפט צו הערען צו די רעדעס, וואָס האָבען זיך געהערט פון דאָרטען און פלעגען זיך אויך פעראייניגען מיט׳ן „קרייזעל“. דאָ אין די „קרייזלעך“ פלעגט מען אַרומקלערען פערשידענע טעאָרעטישע פראַגען, פלעגען זיך פיהרען דעבאַטען צווישען חברים פון פערשידענע אָרגאַניזאַציעס פלעגען אַרומגערעדט ווערען די לעצטע פּאָליטישע געשעהענישען די פּאָלעמישע אַרטיקלען א. אַז. וו. איבערהויפּט זענען געווען בעלעבט יענע „קרייזלעך“, אין וועלכע עס פלעגען פּאָרקומען דעבאַטען צווישען די מיטגלידער פון פערשידענע פּאַרטייען, דאָ האָבען זיך געהערט בייסענדע בעמערקונגען, שטעכווערטלעך, דאָ האָט אָפט געהילעכט אַ געזונד געלעכטער און די דעבאַטען, די סכסוכים, די אַגיטאַציאָנס-רעדעס, די פראַקטישע שמועסען פלעגען זיך פונאַנדערטראָגען איבער די אַלעען, איבער די גאַסען און בולוואַרען, עס האָט זיך געדוכט, אַז די בירזשע, איז פערנומען מיט איין אידעע, מיט איין שטרעבונג, אָט די גאַנצע אַרבייטער יוגענד, וואָס האָט נאָר וואָס פערלאָזען די דריקענדע לופט פון די פאַבריקען, די ענגע וואַרטשאַשען, די קראָמען מיט די מאַגאַזינען, נישט אָברוהענדיג, אפילו נאָך אַזאַ לאַנגען און שווערען טאָג פון אַרבייט און מיה, אָפט אפילו האַלב הונגעריגע, געהט שוין אום איף דער בירזשע אַ מונטערע און לעבעדיגע און עס האָט זיך

געפֿיהלט, אַז נאָר דאָ, אונטער דעם אָפֿענעם הימעל פֿון דעם קליינעם שטח ערד פֿון עטליכֿע צענדליג קלאַפֿטער, איז אָנגעה־שטרענגט דאָס גאַנצע גייסטיגע לעבען פֿון דער אַרבייטענדער מאַסע, די גאַנצע פּאָעזיע פֿון איהר עקזיסטענץ. דאָרט אויף דער פֿאַבריק, מאַגאַזין און וואַרשטאַט ליגט די שקלאַפֿישע אַרבייט, דריקט דער שווערער יאָך פֿון בעל־הבית און קאַפּיטאַל; אינדער־היים—די אָרימקייט, פֿינסטערניש, הונגער, די גאַנצע פּראָזע פֿון דער אייביגער אביונות. און דורך אָט די צוויי שווערע לאַסטען, צווישען וועלכֿע עס זענען איינגעשרויפֿט אָט די יונגע קרעפֿטען שניידט זיך דורך אַ העלער, ליכטיגער שטראַהל, דאָס זענען די עטליכֿע שעה פֿון דער בירזשע,—די עטליכע שעה ווען דער גע־דאַנק טראָגט זיך, שוועבט אין דער הויך, ווייט, ערגעץ ווייט, ווען די גרעסטע חלומות פֿון אַלגעמיינעם גליק שיינען פֿאַר די אויגען ווי די אַלע פֿאַרבען פֿון דעם רעגענבויגען, ווען אַרום קלינגט די מונטערע שטים, וועלכֿע רופֿט צום קאַמף פֿאַר׳ן אידע־אַל, און דאָס אַלץ אין דער סביבה פֿון נאָך אַזוינע הונדערטער און טויזענדער יונגע מענשען, וועלכע לעבען אויך מיט דער גרויסער אידעע, וועלכֿע גלויבען אויך אין די ליכטיגע צוקונפֿט.

אומעטום קומען פֿאַר דעבאַטען, שמועסען. אין פּאַרק און אויף דער גאַס, אין די אַלעען און טראָטואַרען, אין די גרופּעס און „קרייזלעך”,—אומעטום קומען פֿאָר היציגע ויכּוחים, ווערען גע־האַלטען רעדעס, ווערען געפֿירט וויסענשאַפֿטליכע שמועסען. און פֿונדעסטוועגען איז אויף דער בירזשע נישטאָ קיין שום טומעל, עס הערט זיך נישט אפילו קיין בעזונדער הויך קול, גלייך ווי יעדערער וואָלט אינסטינקטיוו צוגעמאָסטען זיין קול צו דעם שטח ערד אויף וועלכען ער דאַרף זיך הערען. יעדע רעדע געהט נישט ווייטער פֿון די, פֿאַר וועמען זי ווערט געהאַלטען, און די אַלע רעדעס בלייבען אינגאַנצען אויף דער בירזשע, נישט אַרויסגעהענדיג פֿון איהרע גרענעצען. אָט דאָס אַלץ גיט צו דער בירזשע מיט איהרע דעבאַטען, אַ כאַראַקטער פֿון אַ בעהאַלטענער ליידענשאַפֿט. עס פֿיהלט זיך, אַז דאָס איז נישט קיין ענערגיע, וואָס ווערט פֿערשוואונדען און געהט לאיבוד, נאָר אַ גאַנצע פֿערשלאָ־

סענע קראַפט, וואָס שאַפט אינערליך דאָס לעבען.

די בירזשע—דאָס איז אַ מין פעראייניגונג פון בעזונדערע אָבגעטיילטע סאָציאַל-פּאָליטישע קלובען, וואָס זענען פעראייניגט צווישען זיך מיט אַנ'אָנגעזעהענער, אַ גייסטיגער קראַפט, און יעדערע פון די קלובען פיהרט זיך לאַנגע ויכּוחים וועגען פערשידענע וויסענשאַפטליכע טעאָריעס, עס ענטוויקלען זיך גרויסע וועלט-אידעען, וואָס עפענען ברייטע האָריזאָנטען, אין וועלכע עס זעהט זיך די צוקונפט פון דער מענשהייט איף הונדערטער און טויזענדער יאָהרען. די אַרבייטער-מאַסע, וואָס איז פערנומען מיט די טעאָריעס, געפינט אָפט נישט קיין פאָרמען אויף אויסצודריקען איהרע געדאַנקען, געפינט נישט אויף איהר אָרימער, פערזאָגטער שפּראַך גענוג ווערטער, געפינט נישט אין דעם סך-הכּל פון איהר בילדונג אַ פעסטען באָדען פאַר אַ פולען און קלאָרען פערשטאַנד פון די אַלע ברייטע טעאָריעס און גרויסע אידעען— און עס קומט פאָר אַנ'אָנגעשטרענגטע, שווערע און טראַגישע אַרבייט פון דעם געדאַנק און אין דער זעלבער צייט קומט אויך פאָר אַזאַ שווערע און טראַגישע אַרבייט פון וואָרט, וואָס שטרעבט איבערצובויען די פאָלק'ס־שפּראַך, וואָס איז נאָך נישט דורכגעלייטערט געוואָרען אין דעם פייער פון אַ העכערען קולטורעלען לעבען, אין אַ וויסענשאַפטליכער שפּראַך. און אין טויזענדער רעדעס און טויזענדער מוחות שלאָגט זיך טראַגיש אוןליידענשאַפטליך די גרויסע אידעע, וואָס זוכט פערווירקליכט צו ווערען.

צעהנדליגער בעזונדערע קליינינקע קלובען—און צווישען זיי קומט פאָר, אַ שטענדיגע מלחמה, און דאָך זענען זיי שטענדיג צוזאַמען און קאָנען זיך נישט פונאַנדערגעהן. אין און דער זעלבער צייט זענען זיי פונאַנדערגעטיילט און פעראייניגט צווישען זיך. און עס דוכט זיך. אַז אַלע פּאַרטייען און פראַקציעס, „קרייזלעך" און גרופּעס, וואָס קעמפען צווישען זיך, זענען צובראָכענע טיילען פון איין גאַנצעס, וועלכע ציהען צו איינע די אַנדערע און גלייכצייטיג שטויסען זיי זיך אָב, און אָט אין דעם תּהו ובוהו קומט פאָר אין דער אמת'ן די גרויסע אַרבייט פון דעם ערוואַכענדען פאָלק'ס-געדאַנק, וואָס זוכט ליידענשאַפטליך אַנ'אויסגאַנג

און עס אַרבעט זיך אויס דער גרויסער סך-הכל פון דעם נייעם לעבען—פון דעם אַלמענשליכען און נאַציאָנאַלען לעבען.

ווי נור באַשע איז געקומען אויף דער בירזשע זענען גלייך איינע נאָך די אַנדערע צוגעגאַנגען צו איהר אייניגע מיידלעך פון איהר „קרייזעל”, זי זאָל זיי געבען ליטעראַטור זיי האָבען זיך געקלאָגט, אַז ביי מאיר'ן אין „קרייזעל” האָבען נאָך אַלע מיט דריי טעג צוריק שוין געהאַט די בראָשורען וועגען די פעראיינען. און זיי האָט מען נאָך נישט געגעבען. באַשע האָט זיי געגעבען עטליכע בראָשורען, די מיידלעך האָבען זיך בערוהיגט זענען גלייך מיט איהר אַוועק און גענומען איהר דערצעהלען וועגען זייערע איינדרוקען און געבעטען, זי זאָל זיי ערקלערען עטליכע אונפערשטענדליכע ערטער פון עפּעס אַ בראָשור. עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז זיי וועלען זיך מיט באַשען נישט שיידען. נאָר באַלד זענען צו באַשען צוגעגאַנגען אַנדערע חברים און חבר׳טעס און זי איז אַוועק מיט זיי, איינער פון זיי, אַנ'אַרבייטער, האָט איהר איבערגעגעבען, אַז ער האָט געפונען אַ נייע קוואַרטיר, וואו מען וועט זיך קאָנען אונגעשטערט צונויפקליבען און דערצו נאָך אַ וואָלוועלע.—אינגאַנצען פופציג קאָפּיקעס אַ פאַרזאַמלונג—אַנ'אַנדער אַרבייטער האָט זיך געקלאָגט פאַר איהר, אַז זיין בעל־הבית האָט איהם אָבגעזאָגט, און נישט בעצאָהלט איהם עטליכע רובל און ער בעט די אָרגאַניזאַציע זאָל זיך פאַר איהם שטעלען, מיט אַזאַ מין בקשה האָט זיך צו באַשען אויך געווענדט אַ דינסט־מיידעל, וואָס די בעל־הבית'טע האָט איהר אַרויסגעוואָרפען און דערצו נאָך געשלאָגען. באַשען האָט די זאַך שטאַרק פערדראָסען און זי האָט איהר צוגעזאָגט, אַז מאָרגען וועט די אָרגאַניזאַציע אַרויסרופען איתר בעל-הבית'טע.

באַשען פלעגס זעלטען ווען אויסקומען לייענען צייטונגען אַלע נייעסען, סיי פּאָליטישע, סיי פּאַרטייאישע, פלעגט זי זיך דערוויסען אויף דער בירזשע. היינטיגעס מאָל האָט מען אויף דער בירזשע שטאַרק גערעדט, וועגען דער הריגה פון סטעפּאַן דעם געלען. דאָס געשעהעניש איז פאַר אַלעמען געקומען אומגעריכט און קיינער האָט נישט געוואוסט, וועלכע אָרגאַניזאַציע האָט

דערין געאַרבייט. די עס-ערען, אויף וועלכע מען האָט גערע-
כענט, האָבען די זאַך אָבגעלייקענט. די בירזשע בכלל איז גע-
ווען צופרידען מיט סטעפאַנס טויט. סטעפאַן האָט צוויי מאָל
אַרויסגעגעבען פערזאַמלונגען און איהם האָט מען נישט געקאָנט
בעטראַכֿטען נישט ווי אַ פּאָליציאַנט, נאָר ווי אַ שפּיאָן. באַלד
אָבער האָט מען זיך דערוואוסט פון אַנ'אַנדער געשעהעניש, אַ
מעהר וויכֿטיגערע איידער די הריגה פון סטעפאַנען, וואָס האָט
צוגעצויגען די אויפמערקזאַמקייט פונ'ם גרעסטען טייל פון דער
בירזשע: אין דער אָרטיגער צייטונג איז געווען אָבגעדרוקט אַ
טעלעגראַמע פון אַ רוסישער שטאָדט, אַז קאָזאַקען זענען דאָרט
אָנגעפאַלען אויף אַ המון רוהיגע דעמאָנסטראַנטען, אַרבייטער און
אינטעליגענטען, און האָבען זיי אכזריות'דיג געשלאָגען, און אַז
עס זענען פערהאַן ביז הונדערט פערוואונדעטע און עטליכֿע
צעהנדליג גע'הרגע'טע. די ידיעה האָט געמאַכט אַ מורא'דיגען איינ-
דרוק אויף די אַרבייטער. אין עטליכֿע ערטער איז אַרויסגעזאָגט
געוואָרען די מיינונג, אַז מען מוז גלייך אָברופען זיך אויף אַזאַ
אכזריות.

—מען דאַרף מאַכֿען כאָטש אַ דעמאָנסטראַציע! מען מוז
דאָך אויסדריקען אונזער מיטגעפיהל צו די חברים! האָט געזאָגט
אַנ'אַרבייטער.

—פערשטעהט זיך מען מוז—האָט איהם אונטערגעהאַלטען מיט
היץ נאָך איינער.

—אָט האָסטו דיר די קאָנסטיטוציע, אויף וועלכע די לי-
בעראַלען וואַרטען אַזוי. מען שרייבט זי מיט נאַגייקעס און שטי-
קעס—האָט צוגעגעבען איינער אַ יונגערמאַן, קענטיג אַ אינטעליגענט.

—וועגען אַ דעמאָנסטראַציע איז ביי אונז נישטאָ וואָס צו
ריידען; ביז וואַנען דער קאָמיטעט וועט זיך אויסשלאָפען, ביז
האַנען ער וועט זיך בעטראַכֿטען, און ביז וואַנען ער וועט בע-
שליסען אָרגאַניזירען זי—וועלען די קאָזאַקען דערווייל אויס'-
הרג'ענען האַלב רוסלאַנד...—האָט זיך אָבגערופען אַ הויכֿער, אַ
דאַרער אַרבייטער. עהרען וואָרט, סוף-כל-סוף וועל איך ווערען
אַ אַנאַרכֿיסט!—האָט ער צוגעגעבען מיט כעס.

באַשע האָט זיך אַ ביסעל געפּיהלט בעליידיגט פון אַזוינע שטעכווערטלעך, נאָר זי האָט עס נישט אַרויסגעוויזען, זי איז אויך געווען איינשטימיג, אַז אויף אַזאַ געשעהעניש מוז מען זיך אָבּרופען מיט וואָס עס איז. „נאָר מען מוז גוט אויסרעכענען די קרעפטען, די שטימונג פון דער מאַסע״—האָט זי זיך אַליין בערוהיגט.

זי איז צוגעגאַנגען צו איינער פון די אַלעען, וואו עס איז געשטאַנען אַ רעדעל מענשען און וועגען עפּעס הייס דעבאַטירט. נישט קיין הויכער, אָבער אַ געזונדטער אַרבייטער האָט גערעדט רוהיג און האָט שמייכלענד געווענדט זיך צו אַ דאַרען, נערוועזען און אַ ביסעל איינגעבויגענעם יונגען-מענשען:

—און אַז דו וועסט זיך דאָ לעגען פאַר מיר און שטאַרבען, וועל איך גלויבען, אַז איהר זענט סאָציאַליסטען? איהר זענט געווען, „מעלקע בורזשוען״ *) און געבליבען.

—בעוויז, אדרבא, בעוויז עס!—האָט כמעט מיט פערצווייפלונג אויסגעשריען דער יונגערמאַן.

—צו וואָס דאַרף איך אייך בעווייזען, אַז איהר אַליין בעווייזט דאָס! איהר בעווייזט דאָס מיט אייער פּראָגראַם, מיט אייער טאַקטיק. פאַר וועמען זוכט איהר אַ טעריטאָריע? פאַר אַרבייטער צי פאַר בורזשוען?

—פאַר אַרבייטער און נאָר פאַר אַרבייטער — האָט איהם הייס אָבגעענטפערט דער יונגערמאַן.

— פאַר אַרבייטער! אָט בין איך אַנ׳אַרבייטער און בעט ביי אייך נישט קיין טעריטאָריע. מיר איז גוט אָהן איהר.

—איך בין אַזאַ אַרבייטער ווי דו— האָט זיך אַריינגעמישט אין שמועס נאָך איינער—און איך זאָג, אַז איך דאַרף יאָ אַ טעריטאָריע...

—וואו, אויפ׳ן בית-עלמין?

—זיי רוהיג. אויפ׳ן בית-עלמין וועסטו אויך דאַרפען אַ טעריטאָריע, כאָטש דו ביזט אַ „איסקראָוויעץ״, — האָט איהם אָבגע-

---

*) קליין-בירגער.

האַקט דער יונגערמאַן.

—ווי פערשטעהסטו דאָס נישט,—האָט ער ווייטער גערעדט— אַז כל-זמן יודען וועלען נישט האָבען קיין אייגענע טעריטאָריע, וועלען זיי נישט קאָנען האָבען קיין אמת'ן געזונדטען אַרבייטער קלאַס? וואָלסטו טאַקי גוט דורכגעלייענט...

—וואָס, קריאת-שמע? דעמאָלט וואָלט איך נישט מורא גע- האָט פאַר שלעכטע חלומות. נאָר וואָס דאַרף איך וויסען דיינע שלעכטע חלומות, אַז איך ווייס, וואָס מאַרקס זאָגט.

—נו, נו, וואָס זאָגט ער?—האָט איהם איבערגעשלאָגען דער ס.-ס.'אָוויעץ.

—ער זאָגט: „אַרבייטער פון אַלע לענדער, פעראייניגט אייך". פערשטעהסט! און דאָס איז מיר גענוג, און איהר ווילט פעראייניגען נישט די אַרבייטער, נאָר יודען; איהר ווילט איך זאָל ווערען אַ גוטער ברודער מיט די גראָבע בורזשועז, אין איהר האַלט זיך נאָך פאַר סאָציאַליסטען!

—אַ ליגען! מיר זאָגען דאָס נישט! אויב דו ווילסט, וועל איך דיר בעווייזען ביי קויטסקין אַליין, וואָס זאָגט...

—איך דאַרף נישט וויסען, וואָס קויטסקי זאָגט, מיר איז גענוג וואָס מאַרקס האָט געזאָגט, — האָט איהם איבערגעשלאָגען דער אַרבייטער.

—נו, זענען דאָס אַביסעל אַ פאָלק, אָט די ציוניסטען, — האָט זיך אַריינגעמישט אין דעם שמועס אַ יונגערמאַן אין סטו- דענטישע קליידער, אַ פאָרשטעהער פון אַ בונדישען „קרייזעל": —וואָס פאַר אַ נאַרישקייט זיי זאָלען נישט אויסטראַכטען, הויבען זיי אָן גלייך זוכען אַ הסכמה ביי מאַרקס'ן און ביי קויטסקי'ן, פונקט די אייגענע טאַקטיק, וואָס ביי די ס.-ער'ן. מען רייסט אַרויס פון „קאַפּיטאַל" צי פון קויטסקי'ן אַנ'אַרטיקעל, אַ וואָרט, און דערנאָך קלינגען זיי אויף אַלע גאַסען וועגען זייער נצחון. זיי פערשטעהען גאָרנישט, אַז מאַרקס'ן און קויטסקי'ן דאַרף מען נעמען אינגאַנצען און נישט ערטערווייז.

—מיר נעמען טאַקי אינגאַנצען!—האָט איהם מיט היץ אי- בערגעשלאָגען דער ס.-ס.'אָוויעץ; מיר פערשטעהען בעסער פון

אייך מאַרקס׳ן און מיר זענען טאַקי אמת׳ערע מאַרקסיסטען פון אייך.

—אמת׳ערע פון מאַרקס׳ן אַליין אפילו פון משה רבינו׳ן!—האָט איינער מיט אַ געלעכטער אַ זאָג געטהון.

—גלייכווערטלעך קענסטו געהן זאָגען אין שוהל! — האָט איהם שאַרף אָבגעהאַקט דער ס.-ס.׳אָוויעץ און האָט מיט היץ ווייטער גערעדט: מיר זענען אַ סך גרעסערע סאָציאַל-דעמאָקראַטען, איידער איהר, העררן בונדיסטען! מיר גרינדען די גאַנצע טעאָריע אונזערע נאָר אויף דעם עקאָנאָמישען באַזיס, אויף דער עקאָנאָמישער לאַגע פון דעם יודישען פראָלעטאַריאַט און איהר זענט מיט אייער קולטורעלע-אויטאָנאָמיע אַזוינע מאַרקסיסטען, ווי די אַלטע נאַראָדניקעס, ווי אַלע קליינבירגערליכע קולטורניקעס! מיר דאַרפען האָבען אַ געזונדטען אַרבייטער-קלאַס, און איהר שפּייזט אונז מיט קולטור

—און איהר קאָרמעט אונז מיט טעלעגראַמען צום סולטאַן און מיט וויזיטען צו פלעווען!—האָט זיך דערהערט אַ שטים פון עולם.

—בונדישע גענג! אַזוי דעבאַטירען איז אונמעגליך!—האָט אויפגערעגט אויסגעשריגען דער ס.-ס.׳אָוויעץ.

ביים טויער פון פּאַרק זענען געשטאַנען גאָראָדאָוואָיעס, כמעט אַלע מאָל די זעלביגע, פיאָדר און איגנאַט. פיאָדר האָט זיך מיט דער בירזשע כמעט אינגאַנצען ווי נישט אינטערעסירט און זיך שטענדיג נאָר געוואונדערט „פון וואַנען נעמען זיי זיך דאָס אַזוי פיל.״ דער צווייטער, איגנאַט, אַנ׳אַלטער גוי שוין, אַ הויכער אַ דאַרער, מיט לאַנגע ברעמען, האָט זיך, פערקעהרט, פערהאַלטען מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט און ערנסט צו דער בירזשע. זעלטען פלעגט ער אַרויף אויף די בירזשע, נאָר ער האָט כמעט אַלעמען געקענט, אַ סך פון זיי געקענט ביי די נעהמען און געוואוסט אפילו צו וואָס פאַר אַ פּאַרטיי יעדערער געהערט. און אַז איהם פלעגט אויסקומען דורכגעהן דעם פּאַרק, פלעגט ער אַניאַנדערש מאָל אָבשטעלען אַ בחור און שטרענג בעמערקען איהם:

—נאָך וואָס, מענדל, ביזטו פערקראָכען אויף אַ פרעמדע

בירזשע? איהר האָט דאָך אַנ'אייגענע „אָסעראַווסקע" בירזשע - געה זיך דאָרטען אום. מען דאַרף אָבהיטען די אָרדנונג!

און ער פלעגט אַוועקגעהן מיט דעם בעוואוסטזיין, אַז ער האָט ערפילט זיין חוב, וואָס ליגט אויף איהם, אַיינצושטעלען די אָרדנונג.

אַז עס פלעגט ווערען צעהן אַ זייגער, און דער גרעסטער טייל פון עולם פלעגט זיך שוין אָנהויבען פונאַנדערגעהן, פלעגט איגנאַט אַרויפגעהן אויף דער בירזשע בעטען ביי די, וואָס זענען נאָך געבליבען, זיי זאָלען זיך פונאַנדערגעהן.

—נו, געהט זיך פונאַנדער, געהט זיך פונאַנדער, — פלעגט ער זאָגען מיט אַ פעסטען, האַלב איידעלען טאָן.

און ווען עמיצער פלעגט אָנהויבען פּראָטעסטירען, פלעגט איגנאַט איהם ענטפערן:

—דער „בונט" איז שוין אַוועקגעגאַנגען פון בירזשע, הייסט עס, אַז עס איז שוין צייט, הייסט עס, אַז עס איז נישטאָ מעהר וואָס צו ריידען וועגען דעם! נישקשה, דער „בונט" ווייסט שוין זיין צייט!

נאָר היינטיגען אָוועגד איז איגנאַט אפילו נישט אַרויפגעגאַנגען אויף די „בירזשע". ער איז געשטאַנען אויף זיין אָרט און אָנגעבלאָזען, און ברוגז'דיג עפּעס געקוקט אָן אַ זייט. אין אוטשאַסטאָק האָט ער זיך דערוואוסט, אַז דער'הרג'עט סטעפּאַנען האָט איינער פון די, וואָס געהען אום אויף דער בירזשע, און ער האָט זיך געפיהלט טיף בעליידיגט.

## ז

פון דער בירזשע איז באַשע אַוועק צו דוד'ן אַהיים, דערגעהן צי ער איז שוין געקומען און מחמת וועלכע סיבות ער האָט זיך פערשפּעטיגט אין ק. זי האָט געדאַרפט פערבייגעהן דעם טעאַטער. עס איז שוין געווען עלף אַ זייגער ביי נאַכט און דאָס פּובליקום איז זיך שוין פונאַנדערגעגאַנגען פון טעאַטער. דאָרט

האָט געבּרענט אַ גרויסער עלעקטרישער לאַמטערן, וואָס האָט העל־בּעלויכטען אַ שטיק פּלאַץ, נעבען דעם געבּיי און דורך דעם הע־לען שיין האָבּען די נאָהנטע גאַסען אויסגעוויזען פינסטערע, פער־וואָרפענע און טרויעריגע. דאָס פּובּליקום איז אַרויס פון טעאַטער נישט געאיילט, מיט אַ צופרידענער מינע פון מענשען, וואָס האָ־בּען געהאָט גרויס פערגעניגען. עס האָבּען זיך געוואָרפען אין די אויגען, שעהן געקליידעטע מענער, פרויען אין רייכע טואַלעטען מיט גאָלדענע און בּריליאַנטענע צירונג. און אָט דאָס רייכע און צופרידענע פּובּליקום, דער פּלאַץ, וואָס איז ווי בּע־גאָסען געווען מיט שטראַהלען ליכט, האָבּען אויסגעוויזען ווי אַ בּעזונדער וועלט און שאַרף אויסגעטיילט זיך פון די אַרומיגע אוּ־מעטיגע און וויסטע גאַסען, וואו, איילענדיג און עפּעס ווי דער־שראָקען, האָבּען אין דער פינסטער דאָרט אַרומגעבּלאָנדזשעט איינ־זאַמע, טרויעריגע און איינגעהויקערטע פיגורען.

באַשען האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט געמאַכט צו געהן אין דער צייט פאַרבּיי דעם טעאַטער. איהר איז נאָך קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו זעהן אַזאַ פּובּליקום. די ליכטיגקייט האָט איהר ווי צוגעצויגען צו זיך. זי איז צוגעגאַנגען, אָבּגעשטעלט זיך נישט ווייט פון דעם אַרויסגאַנג פון טעאַטער און האָט אָנ־געהויבּען בּעטראַכטען דאָס פּובּליקום: „די בּורזשואַזיע הוליעט״... האָט אין איהר אַ בּליץ געטהון אַ געדאַנק און אָט דער געדאַנק האָט זיך איהר מיטאַמאָל אויסגעוויזען פאַר אַבּיסעל ניי און אוּנ־ערוואַרטעט. שוין־זשע איז דאָס די אייגענע בּורזשואַזיע, וועגען וועלכע עס ווערט שטענדיג גערעדט אויף די פערזאַמלונגען, גע־גען וועלכער עס האָט זיך אין הארצען אָנגעקליבּען אַזוי פיעל שנאה, געגען וועלכער, זי, באַשע, מיט איהרע חברים פיהרען אַ שטענדיגען קאַמף? בּיז איצט האָט בּאַשע געזעהן, מעהר נישט, איינצעלנע פאָרשטעהער פון דעם קלאַס,—דעם בעל־הבית איהרען, דעם פאַבּריקאַנט אָדער אַנדערע בּורזשויען, און יענע מאָמענטען, ווען די פאַרטיי סכסוכים פלעגען זיך פערשאַרפען, פלעגט דאַן באַשע איינריידען זיך, אַז העבּעך דער איינבּינדער, דער ס. ר.־אָוו־סקער אַגיטאַטאָר און דער פייערדיגער ציוניסט קלמן־לייב דער פּרי־

קאַזטשיק „זענען אמת׳ע, ריכטיגע בורזשויען״. נאָר איהר איז נאָך קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו זעהן אַגאַנצע, גרויסע גרופּע מענשען פון דעם קלאַס. און האָט זי זיך מיט אַ דורשטיגער נייגעריגקייט איינגעקוקט אין זייערע פּנים׳ער, אין זייערע טואַלעטען, און בעטראַכט די ציערונגען. יאָ, אָט דאָס איז זי, די אייגענע בורזשואַזיע, וואָס עקספּלאָאַטירט די אַרבייטער, זאָגט אויס פון זיי דאָס בלוט און לעבט זיך גליקליך.

דאָס פּובליקום האָט זיך נישט געאיילט אַוועקצוגעהן, גלייך ווי עס וואָלט זיך קיינעם פון זיי נישט געוואָלט פערלאָזען דאָס אָרט, וואו עס איז אַזוי פרעהליך, אַזוי לעבעדיג... עס זענען פאָרגעקומען לעבהאַפטע שמועסען וועגען דער דראַמע און וועגען די אַרטיסטען. באַשע האָט זיך צוגעהערט. צווישען די איבעריגע רייד האָט זי אויך דערהערט אַ פראַזע:

—איך זאָג אייך מאַריאַ מיכאַילאָוונאַ, אַז איהר האָט אַ טעות, זיי האָבען דאַן געשפּילט נישט דאָ, נאָר אין דעם זומער טעאַטער, און פּאַרק. דאָס איז נאָך געווען, איידער די סמאַרקאָטשעס האָבען איהם פערכאַפּט אין זייערע הענד...

באַשע האָט זיך אַ טרייסעל געטהון און איז געוואָרען רויט פון כעס, גלייך ווי עמיצער וואָלט זי פּערזענליך טיף בעליידיגט. „אָט ווי זיי רופען אָן אונטער די אויגען די אַרבייטער, די קעמפער, איהרע חברים״!—האָט זי געטראַכט. און גלייך איז איהר דאָס גאַנצע פּובליקום נמאס געוואָרען, נאָר זי האָט נישט געקענט אַוועק פון דאַנען. עפּעס אַ מאָדנער געפיהל האָט זי אויפגעהאַלטען דאָ און זי איז אַריבער אויף דער אַנדערער זייט. דאָרט, נישט ווייט פון איהר, זענען געשטאַנען, אַ דיקער, געזונדטער מאַנסביל מיט אַ רייך-געקליידעטער דאַמע און האָבען גערעדט צווישען זיך:

—איך פאָהר אויף גאַנצע צוויי חדשים,—האָט געזאָגט דער הער. איך וואַרף אַלע געשעפטען און פאָהר. פון די לעצטע געשעהענישען זענען מיר ממש קראַנק געוואָרען... און איהר ווייסט, מען מוז האָבען אייזערנע נערווען, מען זאָל דאָס קאָנען אַריבערטראָגען. אַרעסטען, אָביסקעס, קאָזאַקען, נאַגייקעס, שיסערייען...

איהר האָט געלייענט היינט די טעלעגראַמע פון ה.? מען קאָן פשוט פון זינען אַראָפּ!.. און דערצו נאָך די פּאָגראָם־שרעקען.

—וואוהין פאָהרט איהר? — האָט איהם איבערגעשלאָגען די דאַמע.

—פריהער אויף אַ חודש צייט קיין וויסבאַדען, קורירען זיך אַ ביסעל, און דערנאָך אויף אַ חודש צייט אין די שווייץ...

„מען פאָהרט אָברוהען זיך... איינגעמאַטערט זיך"... האָט באַשע אַ זאָג געטהון פאַר זיך מיט אַ גיפטיגער איראָניע און אויף איהר געזיכט האָט זיך בעוויזען אַנ'אומעטיגער, פערראַכטענדער שמייכעל.

פלוצלונג האָט זי דערזעהן, ווי פון טעאַטער איז אַרויס באַרקאַנאָוו אינאיינעם מיט איהר'ס אַ בעקאַנטער, סאָניע סענדער־זאָהן. באַרקאַנאָוו האָט געשמייכעלט און האָט אויסגעוויזען שטאַרק אויפגעלעגט. צושפּילענדיג דעם הוט איהרען מיט אַ שפּילקע, האָט סאָניע זיך געווענדעט צו איהם לאַכענדיג:

—כ'וועל אייך געבען טהיי, כ'וועל אייך געבען וואַרעניעס. און אויב איהר וועט זיך שטאַרק בעטען—וועל איך אייך געבען ברויט מיט פּוטער אויך! נו, איהר געהט?

באַשע איז געשטאַנען פערוואונדערט. וועניגער פון אַלץ האָט זי געוואַרט צו בעגעגענען זיך דאָ מיט באַרקאַנאָוו'ן און דערצו נאָך מיט סאָניע סענדערזאָהן, וועלכע מען האָט געהאַל־טען פאַר אַ פּוסטען מענשען, כאָטש זי האָט זיך גערעכענט אין דער אָרגאַניזאַציע. נאָר מעהר פון אַלץ האָט באַשען פערוואונ־דערט באַרקאַנאָוו אַליין. אַזעלכען האָט זי איהם קיינמאָל נישט געזעהן. וויפיל מאָל איז איהר אויסגעקומען בעגעגענען זיך, שמו־עסען מיט איהם, און קיינמאָל האָט זי נישט בעמערקט, אז די אויגען זאָלען ביי איהם אַזוי פינקלען, אַז דאָס פּנים ביי איהם זאָל אויסוויייזען אַזוי לעבעדיג.

באַשע האָט זיך געפיהלט עפּעס ווי בעלעדיגט. פּונקט ווי זי וואָלט געוואָלט בעהאַלטען זיך, אַנטלויפען פון אָט די פרעה־ליכע, רוהיגע מענשען, אַנטלויפען צו זיך, צו יענעם אָרימען, טרויעריגען לעבען,— איז זי פערשוואונדען געוואָרען אין דעם

חושך פון דער בלאָטיגער גאַס.

פון אָנהויב האָט זי אַליין גוט נישט פערשטאַנען פאַרוואָס האָט זי אַזוי בעליידיגט און אויפגערעגט דאָס בעגעגעניש מיט באַרקאַנאָוו'ן דאָ, נעבען טעאַטער, מיט סאָניע סענדערזאָהן. איז עס דען אַ חטא געהן ווען-עס-איז אין טעאַטער? זי אַליין איז אויך געוועזן עטליכע מאָל אין טעאַטער. און נאָך אַ קלענערער חטא איז, וואָס באַרקאַנאָוו איז געוועזן צוזאַמען מיט סאָניען. און דאָך האָט דאָס געפיהל פון טיפער בעליידיגונג אַלץ מעהר אַריינגעריסען זיך אין איהר נשמה און שלעפענדיג זיך אין די גרויסע שיך אין דער בלאָטע פון דער פינסטערער גאַס, האָט זי זיך געפיהלט ערנידעריגט און בעליידיגט.

„אַ חבר"...—האָט זי אַרויסגערעדט אונערוואַרטעט, מיט אַ ביטערען שמייכעל. און אָט דאָס וואָרט, וואָס איז איהר געוועהנ-ליך געוועזן אַזוי טייער, האָט איצט געקלונגען אין איהר קול קאַלט און האַרט. זי האָט גענומען זיך דערמאָהנען אייניציגע פאַק-טען פון איהרע בעגעגענישען און שמועסען מיט באַרקאַנאָוו'ן. ער האָט זי קיינמאָל נישט בעליידיגט, האָט זיך מיט איהר שטענדיג געהאַלטען פראָסט, האָט קיינמאָל נישט געגעבען צו פיהלען, אַז צווישען זיי ביידע איז פערהאַן עפּעס אַנ'אונטערשיד. אָבער צי האָט ער זיך ווען עס איז אינטערעסירט מיט איהר לעבען, מיט איהר נשמה, מיט איהרע געפיהלען? צי האָט ער ווען עס איז געפּרובט צו געהן צו איהר, ווי אַ ברודער, ווי אַ פריינד, ווי אַ „חבר" אין דעם זין, ווי עס פערשטעהען דאָס די אַרבייטער אַליין? צי האָט ער זי ווען עס איז געפרעגט וועגען איהרע פער-זענליכע זאַכען, וועגען איהרע פריידען און ליידען, וועגען איהר שטימונג? ניין קיינמאָל נישט. מיט איהר פלעגט ער ריידען מעהר נישט, וועגען דער אַרבייט. פלעגט זיך צו איהר פערהאַלטען ווי צו אַ מענשען, וואָס נעהמט אַנ'אָנטייל אין דער אַלגעמיינער טע-טיגקייט. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט איהר לעבען נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל זי האָט גענומען אַנ'אָנטייל אין דער פּאַר-טיי-אַרבייט. און ער רופט זיך דאָך אָן „חבר", זיי ביידע גע-הערען דאָך צו איין אָרגאַניזאַציע, וועלכע פיל רופען אָן „ברי-

דער און שוועסטער״. און אָט די געדאַנקען האָבען אַלץ מעהר און מעהר פערנומען איהר מוח.

יאָ, און אפילו אין דער פּראַקטישער פּאַרטיי־אַרבייט האַלט זיך אויך נישט באַרקאַנאָוו מיט איהר, ווי מיט אַנ׳אמת׳ן חבר,— האָט זי געטראַכט ווייטער. זי האָט זיך דערמאָהנט, ווי אויף די קאָמיטעט־זיצונגען פּלעגט באַרקאַנאָוו אַרויסזאָגען זיינע מיינונגען, נאָך איידער זי פּלעגט ענדיגען ריידען, פּונקט ווי ער וואָלט זיך גאָרנישט רעכענען מיט איהרע מיינונגען. און שטענדיג פּלעגט עפּעס אויסקומען אַזוי, אַז באַרקאַנאָוו׳ס פּאָרשלאַגען פּלעגען אָנגענומען ווערען. אמת, ער בעזיצט מעהר בילדונג, נאָר אפילו אין די פּראַקטישע פראַגעס פּלעגט אויך אַלע מאָל בלייבען אַזוי, ווי ער פּלעגט וועלען. ער קאָן עפּעס קלאָר און דייטליך פאָרמולירען זיינע געדאַנקען, קאָן איבערצייגען דעם צווייטען און איהם פּלעגט זיך אַלעמאָל איינגעבען איבערציהען אויך דוד׳ן אויף זיין זייט און אויף אַזאַ אופן פּלעגט אויסקומען, אַז כאָטש זי איז אַ פול־בערעכטיגטער קאָמיטעט־מיטגליד, אָבער אין דער אמת׳ן טהוט זי מעהר נישט דאָס, וואָס אַנדערע בעפעהלען.

„אַ אינטעליגענט... זיי זענען אַלע אַזוינע״...—האָט זי אַ זאָג געטהון אויפ׳ן קול. צי מעהר נישט, ווי איין באַרקאַנאָוו פערהאַלט זיך אַזוי צו די חברים־אַרבייטער? און אַנדערע אינטעליגענטען זענען דען אין דעם פּרט בעסער פאַר איהם, וואָס? זיי זענען אַלע ווי אויסגעגאָסען פון איין שטיק. אויפ׳ן וואָרט הויבט מען אויף דעם פּראָלעטאַריאַט ביז׳ן הימעל, מען רעדט וועגען איהם, ווי וועגען דעם געזונדסטען טייל פון דער געזעלשאַפט און מען האָט גאָר קיין ווערטער נישט אויף צו זידלען די אכזריות׳דיגע, אָבשטאַרבענדע בורזשואַזיע אָבער טיף אין האַרצען און אויך אין פּערזענליכען לעבען בלייבען זיי די אייגענע בורזשויען, מיט די אייגענע בורזשואַזע געוועהנהייטען און פעהלערן, און פיהלען זיך גוט מעהר נישט אין זייער בורזשואַזער סביבה. צו די אַרבייטער געהען זיי מעהר נישט, ווי צו קאָמאַנדעווען איבער זיי, זיי האָבען אַריינגעכאַפּט אין זייערע הענד דעם צ. ק. האָבען זיך אַריינגעקליבען אין אַלע קאָמיטעטען און פיהרען דאָס רעדעל. איז דען

אַ חידוש, אַז אומעטום הערט זיך אַ אונצופרידענהייט געגען די אינטעליגענטען, אַז אומעטום קומען פאַר „אָפּאָזיציעס" געגען זיי?

באַשע איז צוגעקומען צו אַ ליין בלאַטיג געסעל, וואָס האָט אויסגעוויזען ווי אַ פינסטערע הייל. אין אָט דעם געסעל האָט געוואוינט דוד. זי האָט זיך אָבגעשטעלט פון דער ווייטען און בעטראַכט דאָס געסעל מיט די אַלטע, אויף אַ זייט איינגעבויגענע הייזלעך, וואָס זענען געשטאַנען עפּעס ווי בלינדע. אין דעם שטיבעל וואָס דוד האָט געוואוינט, ווי אויך אין די איבעריגע, איז שוין געווען פינסטער.

„אָדער ער שלאָפט, אָדער ער איז נאָך נישט געקומען צו פאָהרען",—האָט זי אַ קלער געטהון און זיך אומגעקעהרט צוריק.

זי איז אָבגעגאַנגען עטליכע גאַסען און אויף איינער פון זיי האָט זי דערזעהן דוד'ן. באַשע האָט זיך שטאַרק דערפרעהט.

—דו ביזט מסתמא געגאַנגען צו מיר און איך בין געווען ביי דיר,—האָט ער אַרויסגערעדט, דערלאַנגענדיג איהר זיין האַנד.

אין עטליכע ווערטער האָט ער איהר דערצעהלט וועגען זיין נסיעה וועגען מיכאַאיל'ס אַרעסט און וועגען דעם, אַז מאַטווײ איז אָבגעפאָהרען.

—קום, איך וועל דיך בעגלייטען אַביסעל,—האָט דוד געזאָגט און זיי זענען אַוועק צו באַשעס היים:

עטליכע מינוט זענען זיי ביידע געגאַנגען שווייגענדיג. באַשע האָט זיך אומגעקעהרט צו איהרע פריהערדיגע געדאַנקען און איהר האָט זיך שטאַרק געוואָלט אַ שמועס טהון וועגען דעם מיט דוד'ן וועלכען זי האָט געהאַלטען פאַר אַנ'אייגענעם מענשען, „גאָר נישט פאַר קיין אינטעליגענט", כאָטש ער איז נישט געווען קיין אַרבייטער. דוד איז געווען אַנ'אָרימען פריקאַזטשיק'ס אַ זוהן. אין דער יוגענד איז ער אַליין אויך געווען אַ פריקאַזטשיק, שטענדיג געהונגערט, געוואוינט אין אַ קליין קעמערל אין דעם אָרימען קוואַרטאַל און די לעצטע יאָהרען האָט ער געלעבט פון גראָשענע „אוראָקען".

—איך בין איצט געגאַנגען אַזוי און געקלערט...—האָט זי אַרויסגערעדט אַביסעל נישט זיכער, נישט וויסענדיג ווי אָנצו-

הויבען דעם שמועס.

דוד האָט געשוויגען. ער האָט געוואַרט, זי זאָל ענדיגען די פראַזע.

—איך האָב איצט געטראַכט... וועגען דעם לעבען... האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַזאַ טאָן, ווי זי וואָלט ביי איהם געבעטען ענטשולדיגונג.

—וועגען לעבען?..—האָט זיך דוד אַביסעל פערוואונדערט.

—דאָס הייסט, נישט וועגען לעבען, נאָר וועגען מענשען...

—האָט זי צוגעגעבען.

דוד האָט אַ ווײלע געשוויגען. ער האָט געוואַרט זי זאָל איינגאַנצען אויסריידען וואָס זי וויל זאָגען. לסוף האָט ער אָפּגעגעטהון:

—נו,

—הער, דוד!—האָט זי אָנגעהויבען ריידען מיטאָמאָל ענטשלאָסען: זאָג, דו האָסט ווען עס איז געטראַכט וועגען דעם האַלטען זיך פון די אינטעליגענטען צו די אַרבייטער?

—יאָ, איך האָב געטראַכט,—האָט איהר דוד געענטפערט רוהיג.

נו, טאָ זאָג מיר דעם אמת, ווי קלערסטו: קאָן זיך צונויפגעהן אַנ'אינטעליגענט מיט אַנ'אַרבייטער... איינגאַנצען, אָט ווי אַנ'אייגענער, ווי אַ ברודער, אַז צווישען זיי זאָל אין קיין זאַך קיין שום אונטערשיד נישט זיין? מיך אינטערעסירט זעהר די פראַגע!

—זעהסטו, — האָט דוד איהר געלאַסען געענטפערט: — עס ווענדט זיך פערשטעהט זיך, אָן דעם מענשען... איך האָב בעגעגענט צוויי-דריי אינטעליגענטען, וואָס האָבען געלעבט אַ סך פריינדליכער און נעהנטער מיט די אַרבייטער, איידער די אַרבייטער צווישען זיך גופא: אַזוינע, וועלכע קיינער האָט גאָרנישט אָנגערופען אינטעליגענטען... נאָר בכלל רעכען איך, אַז פאַר אַ אינטעליגענט און נאָך פון אַ רייכער פאַמיליע איז זעהר שווער צונויפגעהן זיך מיט דעם אַרבייטער, ווי מיט אַנ'אייגענעם. עס וועט זיך אַלע מאָל פיהלען אַנ'אונטערשיד אין אַלץ... אפילו אין דעם געבען די האַנד...

—איך האָב אויך דאָס אייגענע געטראַכט!—האָט זיך באַשע עפּעס ווי דערפרעהט.

—דו ווייסט, — האָט זי שוין געזאָגט מיט אַ פרייען טאָן: איך פלעג גאַנץ אָפט אָבשטעלען זיך אָט אויף דער פראַגע. איך בין כמעט אַלע מאָל געווען געגען פראַווען „אָפּאָזיציעס" און האָב נישט געקאָנט הערען די געלעכטערס מיט די גלייכגילטיגקייט אויף די אינטעליגענטען און האָב נישט ליב געהאַט צו הערען די געשרייען, קולות, אַז די אינטעליגענטען האָבען אַלץ פערכאַפּט אין זייערע הענד... נאָר אַז מען בעטראַכט זיך גוט, זעהט מען, אַז די אונצופרידענקייט איז נישט אינגאַנצען אומזיסט. די מאַסע איז אין אַ געוויסער הינזיכט גערעכט, וואָס זי גלויבט נישט דער אינטעליגענץ!

—איך רעכען נישט, אַז די מאַסע איז אין דער הינזיכט גערעכט,—האָט דוד אַרויסגערעדט, ווי פריהער, רוהיג און זיכער.

—פאַרוואָס?—האָט זיך באַשע אַביסעל פערוואונדערט. אויף אַזאַ ענטפער האָט זי זיך נישט געריכט.

—דערפאַר ווייל די מאַסע פאָדערט צו פיל פון די אינטעליגענטען. זי פאָדערט פון זיי, אַז זיי זאָלען אויפסנייַ געבוירען ווערען, אַז זיי זאָלען ווערען אַנדערע מענשען, אַז זיי זאָלען איבערבייטען אינגאַנצען זייער אַרט לעבען און זייערע געוועהנהייטען און זאָלען אָנהויבען נישט נאָר אַנדערש צו לעבען, נאָר אויך אַנדערש צו דענקען און פיהלען. און נישט אַלע קאָנען דאָס, מיין פריינד. דאָס איז זעהר אַ שווערע זאַך...

—מאַלע וואָס ס'איז שווער!—האָט באַשע אויסגעשריגען מיט היץ,—ווי באַלד זיי רופען זיך אָן חברים, סאָציאַליסטען, קעמפער—מוזען זיי איבערבייטען זייער אַרט לעבען, מוזען זיי זיך אָבזאָגען פון זייערע בורזשואַזע געוועהנהייטען. און די מאַסע האָט דאָס רעכט צו פאָדערן דאָס פון זיי!

—און איך זאָג, אַז נישט נאָר די מאַסע, נאָר אפילו די מעהר בעוואוסטזיניגע און אַקטיווע אַרבייטער האָבען אויך נישט קיין שום רעכט צו פאָדערן דאָס פון די אינטעליגענטען.

—פאַרוואָס?—האָט שוין באַשע געפרעגט אַביסעל בייזליך.

פשוט, ווייל די אַרבייטער גופא ···ליך זיך אַליין אויך נישט די פאָדערונגען.

—וואָס הייסט?— האָט באַשע נישט פערשטאַנען, — וועלכע פאָדערונגען קאָן זיך שטעלען אַנ׳אַרבייטער? ער איז דאָך אַליין אַ פראָלעטאַריער...

—איז וואָס דרינגט אַרויס דערפון, אַז ער איז אַליין אַ פראָלעטאַריער? אַ פראָלעטאַריער האָט שוין גאָר קיין חסרונות נישט? און ביי אונזער אַרבייטער זענען וועניג בורזשואַזע געוועהנהייטען פערהאַן?

—בורזשואַזע?—האָט באַשע פערוואונדערט איבערגעפרעגט.

דוד האָט זיך פלוצלונג אָבגעשטעלט און גענומען ריידען מיט היץ:

—יאָ, בורזשואַזע! ווי וועסטו אָנרופען יענע אַרבייטער, אפילו די בעוואוסטזיניגע, וואָס פערדינען מעהר, לעבען בעסער, קליידען זיך שענער, און האַלטען זיך פאַר גרעסערע, איידעלערע מענשען פון די, וועלכע פערדינען ווינציגער, געהען אום צוריסען לעבען אָרים און הונגערן? וואָס זשע דען איז עס, אויב נישט בורזשואַזע געוועהנהייט? צי וועסטו דען אָבלייקענען, אַז די צו-טיילונג אויף „העכערע און קלענערע מיוחסים און גראָבע יונ־גען״ איז פערהאַן, און פערהאַן אין אַ גאַנץ שאַרפער פאָרם צווי-שען די אַרבייטער? צי וועסטו אָבלייקענען, אַז אַ גוטער אַרביי-טער קוקט פון אויבען אַראָב אויף אַנ׳ערד־גרעבער, אויף אַ וואַ-סער-טרעגער א. ד. גל., אַז דער, וואָס האָט נאָר איבערגעליי-ענט אַ צעהן בראָשורקעס, האַלט זיך שוין גרעסער פאַר יענע, וועלכע האָבען נאָך גאָרנישט געלייענט? וויטער. צי ווייסטו דען נישט, אַז צווישען די בעוואוסטזיניגע אַרבייטער, גוטע קעמפער, קומען פאָר קליינליכע קריגערייען און סכסוכים, פיהרט זיך שטי־לערהייד אַ מלחמה פאַר פאַרטייאישע „גבאות״; קנאה פון איין זייט און די שטרעבונג צו הערשען, בעפעהלען פון דער אַנדערער זייט? ווי, נאָך דיין מיינונג זענען דאָס נישט קיין בורזשואַזע געוועהנ-הייטען? היינט וואָס פאַר אַ נאַרישע, אַלט-פרענקישע געננ עס זע-נען נאָך פערהאַן ביי די אַרבייטער! לאָמיר נעמען כאָטש אַז אַ

פאַקט. הייגטיגע וואָך בין איך אַריין צו אַנ׳אַרבייטערין, ד׳ ־
אַ בעוואוסטזיניגע, וואָס געפינט זיך שוין דריי יאָהר אין ד׳ ׳
אָרגאַניזאַציע. זי איז קראַנק געוואָרען אויף טיפוס און אויף קיי:־
פאַל האָט מען איהר נישט געקאָנט איינריידען, מען זאָל רופען
אַ דאָקטאָר. ווייסטו פאַרוואָס? זי האָט מורא געהאַט, אַז די ווײ
בער אין גאַס וועלען דערזעהן, דאָס דער דאָקטאָר איז צו איהר
געפאָהרען, וועט מען אָנהויבען מורמלען... האָט זי מורא פאַר רכי־
לות. אָדער נעמען מיר דעם פאַקט מיט פייוועל דעם סטאָליאַר,
וואָס האָט אומ׳ברחמנות׳דיג געשלאָגען זיינע שוועסטער, דערפאַר
וואָס זיי האָבען איהם אַזוי גיך נישט געפאָלגט: „איך גיב אייך
עסען און איהר בעדאַרפט מיך פאָלגען!״ זענען דען אַזוינע ער־
שיינונגען זעלטענע? ניין, דו קאָנסט דאָס זעהן אויף יעדען שריט
און טריט. און דעריבער זאָג איך טאַקי, אַז ווי באַלד די אַרביי־
טער אַליין האָבען נאָך אין זיך די בורזשואַזע געוועהנהייטען,
האָבען זיי קיין שום רעכט נישט צו פאָדערן פון די אינטעליגענ־
טען זיי זאָלען ווערען אַנדערש...

ער איז אַנטשוויגען געוואָרען. צוטומעלט פון דוד׳ס ווער־
טער, האָט באַשע אויך געשוויגען. ענדליך האָט זי ענטשלאָסען
אַרויסגערעדט:

—אָבער... דאָס האַלטען זיך? ווי באַלד דער אינטעליגענט
רופט זיך אַן חבר, האָט דער אַרבייטער דאָס רעכט צו פאָדערן
פון איהם, אַז ער זאָל זיך פערהאַלטען צו איהם פראָסט, נאַטירליך.

—און דער אַרבייטער—צי פערהאַלט ער זיך אויך פראָסט
און נאַטירליך צום אינטעליגענט?—האָט איהר דוד איבערגעשלאָ־
גען.—דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, ווי אַזוי מען פערהאַלט זיך ביי
אונז צו די אינטעליגענטען. פון אָנהויב, ווי נאָר די אַרבייטער
אָדער אַרבייטערינס געהען אַריין אין דער בעוועגונג, בוקען זיי
זיך פאַר׳ן אינטעליגענט, ווייסען זיי פשוט נישט וואָס צו טהון
מיט איהם, האַלטען זיי איהם פאַר דעם גרעסטען אידעאַליסט,
קוקען איהם אין די אויגען און מען טאַנצט פאַר שמחה, ווען
ער איז עמיצען פון זיי מזכה מיט אַנ׳איבעריג וואָרט: איז מען
אָבער אָב אַ יאָהר, צוויי אין דער בעוועגונג און מען דערזעהט, אַז

דער אינטעליגענט איז נישט קיין גאָט, נאָר אַ מענש, ווי אַלע, מיט חסרונות,—הויבט מען איהם אָן פערוואָרפען מיט בלאָטע, מען רופט איהם שוין „אינטעליגענט", „בעל-הבית׳שער בחור", מען בעשולדיגט איהם אין וואָס מען קאָן נאָר, מען מאַכט גע-גען איהר „אָפּאָזיציעס" א. ז. וו. און אָט אַזוינס הייסט—פראָסט, נאַטירליך פערהאַלטען זיך? ס׳קאָן זיין, אַז ווען דער אַרבייטער וואָלט צוגעגאַנגען פראָסטער, נאַטירליכער צום אינטעליגענט — וואָלט זיך יענער אויך אַנדערש פערהאַלטען צום אַרבייטער.

דוד איז אַנטשוויגען געוואָרען, נאָר גלייך, ווי ער וואָלט זיך אויף עפּעס דערמאָהנען, האָט ער ווידער גענומען ריידען מיט הארץ:

—יאָ, איך האָב נאָך עפּעס געוואָלט צוגעבען. מען זאָגט, אַז די אינטעליגענטען האָבען אַלץ פערכאַפּט און פאָהרען ריי-טענדיג אויף דעם אַרבייטער. נו, אָט מאָרגען וועט גאָט טהון אַ נס און די זשאַנדאַרמען וועלען פערנעהמען אָט די אַלע „פּער-כאַפּער" פון אַלע קאָמיטעטען — וועלען די אַרבייטער דערפון עפּעס געווינען? איך רעכען, אַז נישט!.. איך בין איינשטימיג דערמיט, אַז עס וואָלט געווען פיל בעסער, ווען די אַרבייטער אַליין וואָלטען געפיהרט די גאַנצע בעוועגונג. נאָר אויף אַזוינס דאַרפען די אַרבייטער האָבען קרעפטען און דערווייל זענען זיי נאָך נישטאָ. און שולדיג דערין זענען נישט די אינטעליגענטען, נאָר די גאַנצע סאָציאַלע אָרדנונג, וואָס שטערט דעם אַרבייטער-קלאַס אַרויסצושטעלען פון זיך טעאָרעטיקער, פּאָליטישע טהוער. און ביז וואַנעט זיי זענען נישטאָ, מוזען מיר האָבען אינטעליגענ-טען.. אָט ערשט האָסטו זיך דאָ געקלאָגט אויף די אינטעליגענ-טען און וויפיל מאָל האָסטו אַליין געוויינט אויף דעם, וואָס עס פעהלען אינטעליגענטע קרעפטען? דאָ דאַרף מען שיקען אַ רעפע-רענט, דאָרט אַנ׳אָפּאָנענט, דאָ בעדאַרף מען האָבען אַ מענשען וואָס זאָל קאָנען פיהרען „קרייזלעך"—און עס איז נישטאָ וועמען צו שיקען, נישטאָ קיין מענשען. אונזער פּאַרטיי איז אָרימער פון אַלע אין אינטעליגענטע קרעפטען... און אָט דאָס ביסעל אינ-טעליגענטען, וואָס מיר האָבען, זענען מיר אויך גרייט אַרויס-צ

טרייבען פון דער פּאַרטיי, דערטרינקען זיי אין אַ לעפעל וואַסער.

דוד איז מיט אַמאָל אַנטשוויגען געוואָרען און האָט זיך אַביסעל פערוואונדערט אַרומגעקוקט.

—ווי איך האָב זיך דאָס היינט אַביסעל פונאַנדערגערעדט,— האָט ער אַ זאָג געטהון מיט אַ געלעכטער.— שוין אוודאי אַ יאָהר צעהן, אַז איך האָב אַזוי פיל נישט גערעדט, ווי היינט...

באַשע איז געשטאַנען אָנגעשטרענגט און ערנסט. זי האָט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן דוד'ן, נאָר אין האַרצען ביי איהר איז געבליבען דאָס זעלבע געפיהל פון בעליידיגונג געגען באַר-קאַנאָוו'ן. נאָך אַ ווייליע שווייגען, האָט זי ענטשלאָסען אַ שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ און זיכער אַרויסגערעדט:

—ווי דאָס זאָל נישט זיין, צי איז גערעכט די מאַסע צי נישט, נאָר געגען די אַלע „אָפּאָזיציעס" און אָנפאַלען אויף דער אינטעליגענץ מוז מען ענטשלאָסען קעמפען. די פּאַרטיי-דיסציפּלין דאַרף זיין אויפ'ן ערשטען פּלאַן, דאָס איז די הויפּט-זאַך!

## ח

אויף מאָרגען איז באַרקאַנאָוו אויפגעשטאַנען שפּעט און האָט זיך גלייך דערמאָהנט, אַז איהם שטעהט היינט פאָר געהן צונויפקלויבען פון דער „מיטפיהלענדער" אינטעליגענץ געלד אויף דער אָרגאַניזאַציע.

באַרקאַנאָוו איז אַרויס פון שטוב מיט דעם בעשלוס — אַ גאַנצען טאָג צו קלויבען געלד, די שטימונג זיינע איז געווען זעהר נישט קיין פרעהליכע. ער האָט גאַנץ גוט געקענט דעם עולם, צו וועלכען ער איז איצט געגאַנגען. אַ חוץ עטליכע מענשען, וואָס האָבען זיך טאַקי באמת אינטערעסירט מיט דער בעוועגונג, זע-נען גרייט געווען קומען צו הילף און פלעגען אָפּט גערן אָב-געבען דעם לעצטען רובל פאַר דער אָרגאַניזאַציע,— זענען אַלע איבעריגע געווען פערשימעלטע אינטעליגענטען, וואָס האָבען זיך צו אַלץ פערהאַלטען קאַלטבלוטיג, צו אַלץ—אויסער צו קאָרטען,

ביי וועלכע זיי פלעגען אָבזיצען גאַנצע נעכט אין קלוב, אָדער איינער ביים צווייטען.

באַרקאַנאָוו האָט גוט געוואוסט, אַז אָט די אַלע „אינטע-ליגענטען" וועלען איהם בעגעגענען מיט אַ ליבען שמייכעל אויף די ליפען, וועלען ערנסט, שטילערהייד, מיט אַנ'אויסדרוק פון מיטגעפיהל, אָנהויבען פונאַנדערפרעגען „ווי געהט די אַרבייט", און לסוף, נאָך אַ לאַנגען און פאַלשען שמועס, וועט דער „הער" אָדער די „מאַדאַם" אויף גיך אַרויסטראָגען אַ וועלכע ס'איז מטבע און מיט אַ פער'דאגה'ט פנים וועלען זיי דערביי אַרויסזאָגען זייער פערדרוס, וואָס זיי קאָנען איצט נישט געבען מעהר, און אָט אין דעם פערדרוס זייערען, וועט קלינגען אַ נאַטור פון אַ געוועהנליכער קרעטערקע, וואָס וויל אויסדינגען נאָך אַ גראָשען. באַרקאַנאָוו האָט אויך גוט געוואוסט, אַז ווי נאָר נאָך איהם וועט זיך פערמאַכען די טהיר, וועלען די פרעהליכע מינעס, די ליבע שמייכעלס אַראָב פון זייערע פנים'ער און אָט די „אינטעליגענ-טען", וואָס האָבען נאָר וואָס אַזוי וואַרים אויסגעדריקט איהם זייער מיטגעפיהל, וועלען איצט זיין בייז, אויפגערעגט, איבער-הויפט, אויב זיי האָבען זיך נאָך די פאָריגע נאַכט פערשפּילט אין קאָרטען... זיי וועלען איהם, אינאיינעם מיט'ן גאַנצען „בונד" שי-קען צו אַלדע רוחות, וועלען זיך זידלען, וועלען אויפגערעגט זיין פון דער „בונדיסטישער" חוצפה, און איהם איז געווען דער-ווידער די גאַנצע קאָמעדיע, אין וועלכער ער האָט געדאַרפט נע-מען אַנ'אַנטייל.

„עהרען וואָרט, שוין אַ סך בעסער אַנ'עסק מיט מאָטע-בער גרינשטיינ'ען, האָט באַרקאַנאָוו זיך געטראַכט: מיט גרינשטיינ'ען דעם אַלטען יודישען גביר, פיהרט זיך דער עסק לכל הפחות ריין, אַז מען קומט צו איהם צו געהן, בעגעגענט ער גלייך מיט דער פראַזע: „וואָס, שוין ווידער געקומען רייסען פון מיר די פעל?" דערנאָך פרעגט ער וויפיל פאָדערט מען פון איהם און זאָגט מיט כעס: „איהר זענט אמת'ע גזלנים!" דינגט זיך אַביסעל און לסוף גיט ער אַ צעהנערל אָדער פינף און צוואַנציג רובל און דערביי גיט ער תמיד צו: „נו, זאָל דוכטען, אַז מען האָט מיר אַריינגע-

שיקט סאָלדאַטען אין שטוב! וואָס וואָלט איך דעמאָלט געקאָנט טהון? און וואָס קאָן איך איצט מיט אייך טהון, אַז איך האָב פאַר אייך מורא ווי פאַר פייער?"

באַרקאַנאָוו איז געשטאַנען אַ ווייל, נישט וויסענדיג פון וועמען אָנצוהויבען זיין וויזיט. מיט אַמאָל האָט ער דערהערט, ווי עמיצער האָט איהם אַ רוף געטהון. ער האָט זיך אומגעקעהרט און דערזעהן אַ יונגען מענשען מיט אַ געגאָלטער באָרד און מיט אַ נערוועזען פנים. דאָס איז געווען מאיר דער שלאָסער, אַ פאַרשטעהער פון אַ בונדיסטישען „קרייזעל". באַרקאַנאָוו האָט גלייך באַמערקט, אַז מאיר איז עפּעס שטאַרק אונרוהיג.

מאיר האָט זיך כמעט ווי אַ וואָרף געטהון אויף באַרקאַנאָוו'ן און שטיל און אויפגערעגט האָט ער אַרויסגערעדט:

—וואָס איז? וואָס האָט עפּעס אַזוינס געטראָפען?—האָט באַרקאַנאָוו געפרעגט מיט פערוואונדערונג און שרעק.

—דו ווייסט גאָרנישט?—האָט זיך מאיר שטאַרק פערוואונדערט!—דו ווייסט גאָרנישט, וואָס עס איז פאָרגעקומען די פאָריגע נאַכט? אין די גאַנצע שטאָדט כסדר איז געווען אָביסקעס און אַרעסטען. צוועלף אָביסקעס פאַר איין נאַכט. עס איז נאָך קיינמאָל דאָ נישט געווען אַזוי...

—פון אונזערע האָט מען קיינעם נישט צוגענומען?—האָט איהם איבערגעשלאָגען באַרקאַנאָוו אויף גיך, מיט שרעק.

—ניין!—האָט געענטפערט מאיר שוין רוהיגער און מיט אַ צופרידענעם שמייכעל: צום גליק האָט מען פון אונזערע קיינעם נישט גענומען! אָביסקעס זענען גראָד געווען ביי דריי פון אונזערע: ביי מענדעל קאָפּעל'ס, ביי חיים בער דעם בעקער און נאָך ביי איינעם, וואָס איז נישט לאַנג פון דער „פאַרטיי" אַריבער צו אונז. מען רופט איהם חיים סקאַרטון.

באַרקאַנאָוו'ן האָט געגעבען אַ ריס אין האַרצען, אַז ער האָט דערהערט מענדעל קאָפּעל'ס נאָמען. אויף דעם זעלבען הויף, וואו מענדעל האָט געוואוינט, האָט זיך געפינען די געהיימע דרוקעריי און ווען זשאַנדאַרמען וואָלטען געגאַנגען נאָך פינף טריט, וואָלטען זיי זי ענטדעקט.

—ביי אונזערע האט מען געפונען עטליכע פראקלאמאציעס, עטליכע ביכלעך, אבער מען האט קיינעם נישט ארעסטירט,—האט מאיר ווייטער גערעדט: די עס-ער׳ן אבער, האט מען אינגאנצען צושלאגען!... אכט מענשען האט מען צוגענומען, דערביי צוויי פון קאמיטעט—באריסען מיט אסיפען; דער עיקר איז אבער דאס, וואס מען האט ביי זיי געפונען א סקלאד פון געוועהר, דרייסיג רעוואלווערען און דערצו נאך צוויי פארטיגע באמבעס מיט דינא-מיט... ביי זיי איז דארט געווען א גאנצער לאבאראטאריום!

—אט פארוואס זיי האבען אלץ גערעדט, אז ביי זיי זענען פערהאן אפילו פארטיגע „קניידלעך",—האט געזאגט בארקאנאוו א ביסעל פערטראכט און באלד צוגעבען: קענטיג, אז ביי זיי איז געווען א שטארקע פראוואקאציע...

—ניין, איך רעכען, אז דאס איז אלץ מחמת דעם, וואס מען האט גע׳הרג׳עט סטעפאנען,—האט מאיר געענטפערט: — און דער עיקר, איבער פיישקע דעם גנב... דו ווייסט? נעכטען אין אווענד האט איהם עמיצער געכאפט אויף דער דאמבע, האט, ווי דער סדר איז, איהם אנגעבראכען די ביינער און אריינגעווארפען אין גראבען. איצט ליגט ער אין הקדיש מיט אנ׳אויסגעבראכע-נעם פוס און דערצעהלט מעשיות, אז ער האט כלומר׳שט גע-כאפט דעם, וועלכער האט דער׳הרג׳עט סטעפאנען און האט שוין געוואלט צורופען א גאראדוואי, מען זאל איהם ארעסטירען, ערשט מיט אמאל איז אויף איהם אנגעפאלען א גאנצע חברה מיט רע-וואלווערען, מען האט איהם שטארק געשלאגען און דערנאך אריינ-געווארפען אין גראבען. איבער דעם, משמעות, האבען זיך אנגע-הויבען די אביסקעס... און איצט, אז מען האט נאך געפונען באמ-בעס, וועלען זיי גאר משוגע ווערען...

געזעגענענדיג זיך מיט מאיר׳ן, איז בארקאנאוו א ווײלע געשטאנען, נישט וויסענדיג וואס צו טהון. דאס נייעס וועגען די אביסקעס און ארעסטען האבען איהם צורודערט. זיין געדאנק האט גלייך אנגעהויבען ארבייטען איבער דער פראגע, ווי אזוי זאל זיך דער קאמיטעט פערהאלטען צו די געשעהענישען. באר-קאנאוו האט געוואוסט, אז דאס אלץ וועט שטארק אויפרעגען

די אַרבייטער און זיי ווע̇לען פאָדערן פון קאָמיטעט. ער זאָל זוי-בישט-איז אויסדריקען אַנ'אַקטיווען פּראָטעסט. „פערשטעהט זיך מען וועט מוזען אַרויסלאָזען אַ פּראָקלאַמאַציע, —האָט ער געטראַכט: און וואָס אָנבעלאַנגט דער דעמאָנסטראַציע"...

וועגען דער פראַגע איז באַרקאַנאָוו צו קיין בעשטימטען בעשלוס נישט געקומען. ער פּערזענליך וואָלט געווען געגען אַ דעמאָנסטראַציע, נאָר די לאַגע קאָן זיין אַזאַ, אַז מען וועט אפשר מוזען נאָכגעבען די אַרבייטער, און זייערע פאָדערונגען. באַרקאַנאָוו איז אַוועק אויף די בירזשע.

פרייטאָג פלעגען פיל ענדיגען די אַרבייט נאָך אַרום האַלבען טאָג, דעריבער איז שוין די בירזשע געווען פול מיט מענשען. דער עולם איז געווען נערוועז געשטימט, עס האָבען זיך דאָסמאָל נישט געהערט קיין שום ויכוחים, מען האָט נאָר איבעראַל גערעדט וועגען די לעצטע געשעהענישען, אַרעסטען און אָביסקעס און דער עיקר, וועגען דער ידיעה אַז מען האָט אין ב. געשלאָגען אַרבייטער און אינטעליגענטען. די ידיעה האָט עפּעס מעהר פון אַלץ אויפגערעגט די אַרבייטער.

—אַזוינס איז גאָרנישט געהערט געוואָרען! — האָט זיך געהיצט אַ נערוועזער יונגערמאַן: דאָס איז נישט פּראָסט אַ רציחה, דאָס איז אַ פּראָוואָקאַציע!

—דאָס איז ערשט אַנ'אָנהויב!—האָט איהם אונטערגעהאַלטען אַ צווייטער:—איהר וועט זעהן, איצט וועלען זיך אָנהויבען אַזוינע אכזריות'ן איבער גאַנץ רוסלאַנד!

—ביי אונז וועט אויך זיין דאָס אייגענע, איהר וועט זעהן!

—האָט צוגעגעבען אַ דריטער: די היינטיגע אָביסקעס מיט די אַרעסטען זענען אַ גוטער סימן, אַ גוטער אָנהויב!

—פאַר ב. קאָנט איהר גאַנץ רוהיג זיין!—האָט זיך אָבגערופען איינע אַנ'אַרבייטערין, אַ הויך מיידעל, מיט גרויסע, שוואַרצע אויגען, אין וועלכע עס האָט זיך געלויכטען אַנ'איינגעהאַלטענער צאָרן: ביי אונז וועט גאָרנישט זיין! און איהר ווייסט פאַרוואָס? דערפאַר, ווייל מיר זענען נישט קיין קעמפער, נישט קיין רעוואָלוציאָנערן, נאָר שמאַטעס!!—האָט זי אויסגעשריען מיט

אַ שרעקליכער פעראַכטונג. ס׳איז דאָך פשוט אַ בזיון! אין גאַנץ רוסלאַנד קומט פאָר אַ רעוואָלוציע, אומעטום — אונרוהען, אויפ-שטאַנדען, אומעטום גיסט זיך בלוט! און מיר? מיר געהען זיך אַרום ווי שטילינקע פרידליכע בורזשוטשיקעס אוף דער בירזשע און קיי-ען שטענדיג איבער אונזערע „פּראָגען״ וועגען אויטאָנאָמיע, פעדעראַציע אָדער וועגען נאַציאָנאַליזם און טעריטאָריאַליזם!!

איהרע ווערטער האָבען אויף אַלעמען געמאַכט אַנ׳איינדרוק און איינער אַ הויכער אַרבייטער מיט אַנ׳ענערגיש פנים האָט זי מיט היץ געצומען אונטערהאַלטען:

—גערעכט!... זעהר גערעכט!—האָט ער אויסגעשריען: מיר קאָנען נאָר ריידען און ווען ס׳קומט צו עפּעס—זענען מיר נישטאָ! מיר זידלען אַלץ די עס-ער׳ן און, עהרען וואָרט, זיי זענען הונ-דערט מאָל גרעסערע רעוואָלוציאָנערען, ווי מיר! זיי...

—זיי האָבען סטעפּאַנען גע׳הרג׳עט! האָט איהם אַ צווייטער איבערגעשלאָגען מיט אַ איראָנישען שמייכעל.

—זיי גאַנץ רוהיג! זיי האָבען שוין געפּובט פּטר׳ן גרעסע-רע מענשען פון סטעפּאַנען אויך. ווי עס שטעלט זיך אַרויס, האָ-בען זיי אי באָמבעס, אי דינאַמיט,—אַלץ! און וואָס איז ביי אונז פערהאַן?...

—פון וואַנען ווייסטו, אַז ביי אונז איז נישטאָ קיין באָמ-בעס און דינאַמיט?—האָט זיך אָבגערופען נאָך איינער: וואָס ווילסטו מען זאָל וועגען דעם פּויקען אויף דער בירזשע?

—איך ווייס אַז ביי אונז איז גאָרנישטאָ!—האָט אַלץ גע׳-טענה׳ט דער אַרבייטער, אַז ביי אונז וואָלט עפּעס געווען, וואָל-טען אונזערע אָנפיהרער נישט מורא געהאַט צו מאַכען אַ דעמאָנ-סטראַציע!

און ריידענדיג, האָט ער געוואָרפען אַ שטרענגען בליק אויף באַרקאַנאָוו׳ן, וואָס איז געשטאַנען און געשמועסט מיט איינער אַנ׳-אַרבייטערין.

—אָט די עס-ער׳ן האָבען נאָך מיט אַ חודש צוריק פאָר-געלעגט מאַכען אַ דעמאָנסטראַציע,—האָט ער ווייטער גערעדט: איצט, זאָגט מען, גרייטען זיי זיך ווידער! און אויב מיר וועלען

זיך איצט ווידער אָבזאָגען, אויב מיר וועלען מיט גאָרניט ענטפערן אויף די רציחות, אויף דער פראָוואָקאַציע פון דער רעגירונג, וועט דאָס זיין אַ פערברעכען, און גאָר!

—דעמאָלט בלייבט מעהר נישט, ווי ווידער מאַכען אַן „אָפּאָזיציע"!—האָט זיך אָנגעצונדען נאָך אַן'אַרבייטער.

—ניין! איך וועל נישט מאַכען קיין שום „אָפּאָזיציעס", — האָט אַרויסגערעדט דער הויכער אַרבייטער מיט אַ רוהיגען טאָן: איך וועל פשוט אַריבערגעהן צו די עס-ער'ן!

געזונטערהייד!—האָט מיט כעס אויסגעשריגען אַן'אַרבייטער מיט אַ שוואַרצען פנים: די אָרגאַניזאַציע וועט גאָרנישט אָנוועהרען, אויב דו וועסט אַוועקגעהן צו די עס-ער'ן!

—פון וואַנען ווייסטו, צי וועט די אָרגאַניזאַציע אָנוועהרען, צי נישט, אויב ער וועט פון איהר אַרויסטרעטען?—האָט אויפגערעגט אַ זאָג געטהון אַ הויך מיידעל, אַן'אַרבייטערין: דו האָסט קיין רעכט נישט צו ריידען אַזוי מיט אַ חבר!

—איך האָב יאָ רעכט דערויף! — האָט אָבגעענטפערט דער אַרבייטער: אַז אַ סאָציאַל דעמאָקראַט קאָן זאָגען, אַז אויב די אָרגאַניזאַציע וועט נישט טהון דאָס, וואָס ער וויל, וועט ער אַריבערגעהן צו די עס-ער'ן,—זאָג איך נאָכאַמאָל און וועל דאָס זאָגען טויזענדער מאָל, אַז אַזאַ חבר איז פאַר דער אָרגאַניזאַציע גאָרנישט ווערט!

—אמת!--האָבען זיך דערהערט קולות: אַג'אמת'ער סאָציאַל-דעמאָקראַט האָט קיין רעכט נישט...

—וואָס פאַר אַן'„אמת'ער סאָציאַל-דעמאָקראַט" בין איך, צו אַלדי קלאָגען,—האָט אויסגעשריגען מיט כעס דער אַרבייטער. צי ווייס איך, וואָס ס'איז אַזוינס אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט? מאַרקס'ן האָב איך געלייענט, וואָס? דאָס האָבען זיי, די אינטעליגענטען געלייענט מאַרקס'ן און נאָך ביכער. זיי קאָנען זיך אָנרופען אמת'ע סאָציאַל-דעמאָקראַטען. אָבער מיר, אַרבייטער, וואָס האָבען מיר געלייענט? וואָס ווייסען מיר? וואָס דער פאָרשטעהער אָדער דער אַגיטאַטאָר וועט אונז אָנריידען, דאָס ווייסען מיר, דערין גלויבען מיר, און מאָרגען וועט צו אונז קומען אַן'אַנדער אַגיטאַטאָר,

אנ'עס-ער, וועט איבערגעבען זיין טעאָריע, זיין פּראָגראַם און מיר וועלען אָנהויבען קלערען, אַז זיין טעאָריע איז די אמתע... און וואָס געהען מיך אָן די טעאָריעס!—האָט ער אויסגעשריגען מיט כּעס.—איך דאַרף נישט קיין שום טעאָריעס, איך דאַרף דעם קאַמף, די רעוואָלוציע!...

—נו, געפונען וועמען צו הערען!—האָט מיט אַמאָל אויסגעשריגען, שוין אַ בעיאָהרטע אַרבייטערין, מיט אַ קלוג פּנים: זיי קענען גאָרנישט לייוויק דעם משוגענעם! יעדעס מאָל, ווי עס טרעפט נאָר עפּעס, הויבט ער אָן צו שרייען, אַז ער וועט אַוועקגעהן—דאָס צו די עס-ער'ן, דאָס צו די פּאַרטיי. זייט רוהיג, ער וועט נאָך אַזוי גיך נישט אַוועק פון דער אָרגאַניזאַציע.

—זאָל טרעפאָוו נאָך אַזוי לאַנג ליגען אויף איין זייט, ווי לאַנג איך וועל נאָך נישט אַוועקגעהן פון דער אָרגאַניזאַציע, — האָט לייוויק מיט אַמאָל רוהיג אַ זאָג געטהון: נאָר איך האַלט זיך אָן מיינס, אַז אַ דעמאָנסטראַציע מוז מען מאַכען, — האָט ער צוגעגעבען ענטשלאָסען,—און טאַקע אַנ'אַלגעמיינע, אינאיינעם מיט די עס-ער'ן און מיט די „פּאַרטייצעס".

—און מיט די פועלי-ציון,—האָט איינער צוגעגעבען ענטשלאָסען.

—מען קאָן אָהן זיי אויך אויסקומען! וואָס זענען זיי פאַר אַ סאָציאַליסטען און רעוואָלוציאָנערען!—האָט זיך אָבגערופען דער ערשטער אַרבייטער.

—שרעק זיך נישט, מיר זענען נישט קיין ערגערע סאָציאַליסטען און רעוואָלוציאָנערען, ווי דו!—האָט זיך אָבגערופען אַ יונגערמאַן, אָנגעטהון ווי אַ פּריקאַזשטשיק, וואָס איז געשטאַנען אַביסעל פון דערווייטען. און צוגעהענדיג צום „קרייזעל", האָט ער צוגעגעבען: און אין דער דעמאָנסטראַציע וועלען מיר אפשר אַליין נישט געהן מיט אייך!

—איהר וועט דאָס אפשר האַלטען פאַר אַנ'אומ'כבוד פאַר אייך?—האָט איהם געפרעגט די בעיאָהרטע אַרבייטערין אַביסעל מיט אַ איראָנישען שמייכעל.

—יאָ! פאַר אַנ'אומ'כבוד!—האָט פּלוצלונג מיט היץ אויסגע-

שריען דער פריקאַזשטשיק: פאַר אונז וועט זיין אַ בזיון צו געהן מיט אייך, אויב איהר וועט מאַכען אַ דעמאָנסטראַציע פאַר דער הריגה אין נ. אונז וועט זיין אַ בזיון, וואָס איהר, יודען, מאַכט דעמאָנסטראַציעס פאַר דער נ.-ער הריגה און מאַכט נישט קיין דעמאָנסטראַציעס פאַר דעם זשיטאָמירער פאָגראָם. ווען מען האָט געקוילעט יודען, האָט איהר נישט געהאַלטען פאַר נויטיג צו פראָטעסטירען פאַר דער גאַנצער וועלט! און איצט, ווען מען האָט אנגעשלאָגען די גוים האָט איהר גלייך דערפיהלט אַ טיפע בעליידיגונג! איך שעם זיך דערפאַר, וואָס איהר רופט זיך יודען!!

די לעצטע פראַזע האָט ער אויסגעשריען כמעט היסטעריש מיט טרעהרען אין די אויגען.

זיין רעדע האָט אויף אייניגע צוהערער געמאַכט אַנ׳איינדרוק, נאָר די איבעריגע זענען געוואָרען זעהר אויפגערעגט. דער נידעריגער אַרבייטער מיט דעם אַסקעטישען פנים האָט זיך אויף גיך אַרויסגעקליבען פון „קרייזעל” און איז צוגעגאַנגען צו דעם וואָס האָט גערעדט.

—שאַ, קאָך זיך נישט און שעם זיך נישט פאַר אונז,—האָט ער אַרויסגערעדט עפּעס מיט אַנ׳אכזריות׳דיגער רוהיגקייט. אייערע געשרייען האָבען מיר שוין געהערט און איך וועל דיר אָט וואָס זאָגען: איך וואָלט, פערשטעהט זיך, גאָרנישט געהאַט געגען אַ דעמאָנסטראַציע פאַר זשיטאָמיר אויך...

—„איך וואָלט גאָרנישט געהאַט געגען”...—האָט איהם דער פריקאַזשטשיק איבערגעשלאָגען מיט אַ ביטערער איראָניע.

—שאַ! לאָז איהם ריידען!—האָט אַנ׳אַרבייטער אַ געשריי געטהון מיט כעס.

...—נאָר איך רעכען, אַז אַ דעמאָנסטראַציע וועגען דער הריגה אין נ. איז צעהן מאָל וויכטיגער! ווען מיר וואָלטען מאַכען אַ דעמאָנסטראַציע וועגען דעם פאָגראָם, וואָלט מען דאָס אָנגענומען, מעהר נישט, פאַר אַ יודישען פראָטעסט, אין איהם וואָלט מען זעהן נישט מעהר ווי אַנ׳אויסדרוק פון נאַציאָנאַלער אחדות. אָבער אַ פראָטעסט וועגען דער הריגה אין נ. וועט האָבען אַ ריין רעוואָלוציאָנערע בעדייטונג, דערין וועט זיך אַרויסווייזען די ריין

פראָלעטאַרישע אחדות.

באַרקאַנאָוו וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען פון דערווייטען און וועגען עפּעס וואָס געשמועסט, האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו די דעבאַטען. ער האָט גוט פערשטאַנען, אַז די אַרבייטער וואַרטען, ער זאָל זיך אַריינמישען אין די דעבאַטען, אַז לייוויק׳ס רייד זענען דער עיקר געצילט געגען איהם, געגען באַרקאַנאָוו׳ן; נאָר דאָך איז ער צום „קרייזעל" נישט צוגעגאַנגען און אין די דעבאַטען קיין שום אָנטייל נישט גענומען, ווייל ער האָט זיך נישט געוואָלט אַרויסזאָגען—נישט פאַר אַ דעמאָנסטראַציע, נישט געגען, איידער די זאַך וועט נישט בעשלאָסען ווערען אויף דער קאָמיטעט זיצונג.

די דעבאַטען מיט׳ן פועל-ציוניק האָט באַרקאַנאָוו׳ן זעהר ווייניג אינטערעסירט און ער איז אַוועק ווייטער איבער׳ן פאַרק. די שטימונג ביי איהם איז געווען אַ שווערע, אַ געדריקטע. דאָס מאָל ערשט האָט ער דערפיהלט, אויף ווי ווייט ער איז פון די חברים אַרבייטער. ווי נאָך דער שטימונג זיינער, אַזוי נאָך דער גאַנצער פסיכיק. אויף דער ידיעה וועגען דער הריגה אין נ. האָט ער זיך אָבגערופען, ווי אַ פּאָליטיקער; קודם-כל האָט ער אָבגעשאַצט די בעדייטונג, וואָס דער פאַקט האָט פאַר דער אַלגעמיין רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג און פון אָט דעם שטאַנדפּונקט האָט ער אויך בעטראַכט די פראַגע וועגען אַ דעמאָנסטראַציע. די אַרבייטער אָבער האָבען זיך פערהאַלטען צו דעם געשעהעניש מיט דער גאַנצער פרישקייט און מיט דער גאַנצער קראַפט פון דעם אונמיטעלבאַרען געפיהל און זענען אַרויס, נישט פון דעם פּאָליטישען אָדער פּרינציפּיעלען, נאָר פון דעם עטישען שטאַנדפּונקט: „עס איז אַ בזיון, אַ פערברעכען צו בלייבען רוהיג, אין דער צייט בעת מען שלאָגט די חברים". ווי רעדט מען זיך דאָ צונויף!... באַרקאַנאָוו׳ן איז פריהער נישט איינמאָל שוין אויסגעקומען אָנצושטויסען זיך אויף אַזאַ טיפען אונטערשיד פון דעם, ווי אַזוי די פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערען פערהאַלטען זיך צו די פּאָליטישע געשעהענישען און ווי עס פערהאַלטען זיך דערצו די פּראָסטע, געוועהנליכע רעוואָלוציאָנערען און יעדעס מאָל פלעגען

דערביי פּאָרקומען אומצופרידענקייטען, סכסוכים, וואָס פלעגען אָפט ברענגען צו די „אָפּאָזיציעס".

# ט

די קאָמיטעט-זיצונגען פלעגען פּאָרקומען איין מאָל אין וואָך אין אָוונט ביי באַרקאַנאָוו'ן אין דערהיים.

באַרקאַנאָוו איז געווען פערנומען מיט אָנשרייבען אַ פּראָקלאַמאַציע. אַ זייגער אַכט אין אָוונט איז צו איהם אַריין באַשע.

באַשע איז געקומען אַביסעל פריהער פאַר דער בעשטימטער צייט. זי איז געווען שטאַרק צוטראָגען. די אָביסקעס און די אַרעסטען, וואָס זענען דער עיקר פּאָרגעקומען אויף דער סלאָבאָדקע און אפילו נעבען איהר הויז, האָבען זי זעהר צורודערט. איהר האָט זיך געדוכט, אַז דאָס איז דער אָנהויב פון אַ רעאַקציע און איצט וועט מען עס ערשט מאַכען אַ חורבן פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע. נאָך איהרע בעגעגענישען און שמועסען מיט די אַרבייטער אויף דער פאַבריק און אויף דער גאַס, איז איהר שטימונג געווען זעהר נערוועז. זי האָט זיך געשראָקען פאַר דער גאַנצקייט פון דער אָרגאַניזאַציע און אין דער אייגענער צייט האָט זי געהאַלטען פאַר נויטיג אָרגאַניזירען אַן'אַקטיווען פּראָטעסט געגען די גוואַלדטהאַטען, סיי געגען די, וואָס זענען פּאָרגעקומען אין נ., סיי געגען די, וואָס זענען פּאָרגעקומען דאָ גופא, נאָר איבערהויפּט האָט איהר געשראָקען דאָס, וואָס פערבייגעהענדיג נעבען דער בירזשע האָט זי ביים פאַבריק דערזעהן שטעהן דעם פריסטאַוו מיט פיל פּאָליציאַנטען, וואָס זענען געשטאַנען זעהר רוהיג, גלייך ווי זיי וואָלטען אויף עפּעס געוואַרט.

זי איז דעריבער אויף גיך אָוועק צו באַרקאַנאָוו'ן. איהר האָט זיך געוואָלט גיכער זעהן זיך מיט די חברים, אינאיינעם מיט זיי אַרומקלערען די לאַגע און בערוהיגען זיך אויף אַ וועלכען נישט איז בעשלוס.

אַריינגעהענדיג אין שטוב צו באַרקאַנאָוו'ן, האָט זיך באַשע

דערמאָהנט אויף איהר בעגעגעניש מיט באַרקאַנאָוו׳ן נעבען טע-אַטער, נאָר זי האָט געטריבען פון זיך די געדאַנקען, וואָס האָ-בען נישט געפּאַסט צו איהר איצטיגער רעוואָלוציאָנערער שטימונג.

—נו, וואָס וועט איהר דערויף זאָגען?—האָט אַ זאָג געטהון באַרקאַנאָוו לעבהאַפט: זיי האָבען זיך ווידער גענומען צו דער אַרבייט. זיי גרייטען אַפּנים צו אַ גאַנצע חתונה...

—פערשטעהט זיך!—האָט באַשע אונרוהיג צוגעגעבען:—איך האָב נאָרוואָס געזעהן נעבען דער בירזשע אַ סך פּאָליציי...

—יאָ?—האָט באַרקאַנאָוו איבערגעפרעגט אונרוהיג: זיי טשעפּען דאָך אָבער מן הסתם קיינעם נישט?

—דערווייל—קיינעם נישט. זיי שטעהען זיך רוהיג, נישט ווייט פונ׳ם אַרויסגאַנג. שדים ווייסען זיי, צוליב וואָס מען האָט זיי דאָ אַנידערגעשטעלט...

נו, מאַלע וואָס...—האָט זיך רוהיג אָבגערופען באַרקאַנאָוו: אויף וויפיל איך געדענק, פלעגען זיך פריהער נעבען דער בירזשע אויך וויזען פּאָליציאַנטען, נאָר זיי האָבען קיינעם נישט געטשעפּעט... מען דאַרף פונדעסטוועגען קיין צו גרויסען וועזען דערפון נישט מאַכען...

אין די רייד איז אַריינגעקומען דוד. ער איז אַריין מיט גיכע טריט, ווי אַ מענש, וואָס האָט שטאַרק פערשפּעטיגט, און האָט אַרויסגערעדט מיט האַלבע ווערטער:

—פערשפּעטיגט זיך?... מען האָט מיך געהאַט פערהאַלטען...

דאָס אויסזעהן זיינס איז געווען ווי געוועהנליך, רוהיג, וואָלכעדיג. נאָך דאָך האָט מען געקאָנט בעמערקען אין זיין שטים, אין דעם אויסדרוק פון זיינע אויגען, אַנ׳איינגעהאַלטענע צוטראָ-גענקייט, אי באַרקאַנאָוו, אי באַשע האָבען דאָס בעמערקט און זיי האָבען געקלערט, אַז דאָס אַלץ איז מחמת די לעצטע גע-שעהענישען.

דוד האָט אָבגעשפּילעט דעם פּאַלטאָ, אַרויסגענומען עפּעס דריי פּעקלעך און האָט זיי אַוועקגעלעגט אויפ׳ן טיש.

—דאָ איז אַ האַלב יעהריגער בעריכט פון דער אָרגאַניזאַציע און אַ פּראָקלאַמאַציע פון צ. ק., צו דרייהונדערט עקזעמפּליאַרען.

איצט דריקט זיך שוין דאָס בלעטעל וועגען דעם שטרייק פון די זאָקען מאַכערקעס. אין אָווענד וועט מען עס ענדיגען... מאָרגען וועט מען דאַרפען אָבגעבען עפּעס אַנדערש וואָס צום דרוקען.

—איך האָב אָנגעשריבען די פּראָקלאַמאַציע. נאָר מען דאַרף זי נאָך איבערקוקען, בעטראַכטען,—האָט זיך אָבגערופען באַרקאַנאָוו.

—גוט...

באַרקאַנאָוו האָט געגעבען אַ קוק אויף דודן און אַ פרעג געטהון:

—וואָס ביזטו עפּעס היינט אַזוי ווי צוטראָגען?

—גאָרנישט... אַזוי זיך... כ׳וועל שפּעטער דערצעהלען...

—האָט ער געענטפערט,—און זיין פּנים האָט ווידער בעקומען אַ רוהיגען אויסדרוק.

—נו, געאַרבייט זאָל ווערען!—האָט ער אַרויסגערעדט און געזעצט זיך צום טיש: וואָסערע פראַגען זענען פערהאַן היינט, מיט וועלכע מען מוז זיך תיכּף פערנעמען?

—פריהער פון אַלץ האָט מען געדאַרפט בעטראַכטען די פראגע הועגען דער דעמאָנסטראַציע,—האָט זיך באַשע אָנגערופען:

—מען קאָן דאָך אין דער׳אמת׳ן נישט דערלאָזען אָהן אַ שום פּראָטעסט אַזוינע ווילדע מעשים, ווי עס זענען פאָרגעקומען אין נ. און די אַרבייטער פאָדערן אַ דעמאָנסטראַציע, כאָטש אַ טעגליכען שטרייק פאָדערן זיי... איך רעכען אַז מען וועט אונבעדינגט מוזען מאַכען אַ דעמאָנסטראַציע. נאָכמעהר: איך האָב געהערט, אַז די עס-ער׳ן מיט די „איסקראָווצעס" האָבען בעשלאָסען צו מאַכען אַ דעמאָנסטראַציע און זיי וועלען אונז אויך פאָרלעגען, מיר דאַרפען זעהן, אַז נישט זיי זאָלען אונז מאַכען דעם פאָרשלאַג, נאָר מיר זיי...

דוד האָט אויסגעהערט און אַ קוועטש געטהון מיט די פּלייצעס.

—איך זעה לגמרי נישט קיין שום נויטיגקייט אין אַ דעמאָנסטראַציע,—האָט ער אַרויסגערעדט.

—אַרויסזאָגען אונזער סאָלידאַריטעט מיט די אַרבייטער פון נ. און אונזער פּראָטעסט געגען דער הריגה קאָן מען אין אַנ׳דער פאָרם. אַז מיר וועלען מאַכען אַ דעמאָנסטראַציע איצט,

בעת עס האָבען זיך אָנגעהויבען אָביסקעס און מען האָט געפּו־נען באָמבעס, וועלען מיר ברענגען דערצו, אַז מען וועט פונאַנ־דערטרייבען די בירזשע און מען וועט פטרן די גאַנצע אָרגאַני־זאַציע. עס קאָן נאָך אפילו אַרויסשפּרינגען אַ פּאָגראָם אויך.

—נו, אויב מיר וועלען מורא האָבען פאַר אַ פּאָגראָם, ווע־לען מיר קיינמאָל גאָרנישט טהון, — האָט זיך באַשע אָנגערופען ענטשלאָסען:—די אַרבייטער מאַסע אַליין שטעלט זיך נישט אָב פאַר דער מורא פון פּאָגראָמען. און עס וואָלט געווען אַ בזיון, ווען מיר וואָלטען זי געשראָקען דערמיט...

—די מאַסע שטעלט זיך נישט אָב פאַר פיל זאַכען, פאַר וועלכע דער קאָמיטעט דאַרף זיך אָבשטעלען,— האָט געענטפערט דוד קאַלטבלוטיג.

באַשע האָט שווייגענדיג אַ קוועטש געטהון מיט די פּלייצעס און אין אַ מינוט אַרום האָט זי צוגעגעבען:

—איך ווייס איין זאַך נאָר: די מאַסע פאָדערט אַ דעמאָנ־סטראַציע.

—איך ווייס אויך אַז די מאַסע פאָדערט עס... ווי נאָר עפּעס וואָס, פאָדערט שטענדיג די מאַסע—דאָס אַ שטרייק, דאָס, אַ דעמאָנסטראַציע אָדער טעראָריסטישע מעשים, ווען מיר וואָל־טען זיך צו־ הערען צו די אַלע פאָדערונגען, וואָלטען מיר צוואַנ־ציג מאָל אַ טאָג פטר׳ן די אָרגאַניזאַציע, פטר׳ן די גאַנצע אַר־בייט. זיי פאָדערן! זיי שרייען אויף דער בירזשע! ווייניגער פון אַלעמען שרייען די וואָס זיינען אמת׳ע רעוואָלוציאָנערן. היינט אין דערפריה האָב איך געהערט, ווי אפראָיקע צוקער, — קענסט איהם דעם „פייערדיגען רעוואָלוציאָנער״? — האָט געשריגען אויף דער סלאַבאָדקע, אַז אויב עס וועט קיין דעמאָנסטראַציע נישט זיין, וועט ער זיך אָנטהון אַ מיתה פאַר בזיון און אַז איך בין געגאַנגען אַ הער, האָב איך געזעהן, ווי ער איז זיך גאַנץ רוהיג אַריינגעגאַנגען מיט אַ גאַנצער חברה צו דבורה־דוואָשען אין קע־לער מאַכען אַ שנעפּסל. בכלל האַלט איך, אַז מיר דאַרפען געהן פאָראויס דער מאַסע און נישט נאָכשלעפען זיך נאָך איהר. מיר דאַרפען צווינגען זי אונטערצוגעבען זיך דער פאַרטיי־דיסציפּלין און

אויב עס וועט זיין אַנ׳„אָפּאָזיציע״, וועלען מיר קעמפּפען מיט איהר. איך האָב אַלעמאָל געהאַלטען ביי אָט דער מיינונג און זאָג איצט אויך דאָס אייגענע!

עטליכע מינוט האָבען אַלע געשוויגען. באַשע האָט אַ פּאָר מאָל אַ קוק געטהון אויף באַרקאַנאָוו׳ן. זי האָט געוואַרט, ער זאָל זיך אַרויסזאָגען.

—איך וועל דיר זאָגען, דוד,—האָט באַרקאַנאָוו אָנגעהויבען ריידען און אין זיין שטים האָט געקלונגען אַ פּשרה-מאַכענדע נאָטע. איך בין גאַנץ איינשטימיג מיט דיין מיינונג. פון דעסטוועגען אָבער פערגעס נישט, אַז איצט איז די בעוועגונג שוין אַ מאַטען בעוועגונג, אַז די פּאַרטיי איז שוין אויף האַלב נישט קיין קאָנספּיראַטיווע...

—אָט דאָס איז טאַקי נישט גוט,—האָט איהם דוד איבערגעשלאָגען.

—גוט צו שלעכט, נאָר מיר דאַרפען זיך רעכענען מיט פאַקטען. נאָכשלעפּען זיך נאָך דער מאַסע טויג טאַקי נישט, נאָר האָבען שטענדיג אין זינען איהרע פאָדערונגען מוזען מיר. און איך רעכען, אַז אַ דעמאָנסטראַציע וועלען מיר מוזען מאַכען. נאָר מען דאַרף עס אָרגאַניזירען נישט געאיילט, זעהן, אַז דורכדעם זאָל מען נישט דורכפאַלען. דעריבער לעג איך פאָר, מאָרגען מאַכען אַ פערזאַמלונג פון די פאָרשטעהער פון אַלע „קרייזלעך״ און אויסהערען זייער מיינונג: אויב זיי וועלען זיך אַרויסזאָגען פאַר אַ דעמאָנסטרעציע, דאַן דאַרף מען זיך צונויפרעדען מיט די איבעריגע פּאַרטייען און אָנהויבען אָרגאַניזירען עס, און דער מאַסע וועט מען קאָנען דערוייל איבערגעבען בכלל, אַז די דעמאָנסטראַציע גרייט זיך.

—איך בין איינשטימיג,—האָט זיך אָבגערופען באַשע.

דוד האָט זיך אויף אַ ווײַלע פערטראַכט.

—איך בין דערווײַלע מסכים מיט דער ערשטער העלפט פון פאָרשלאַג—אָנפרעגען די פאָרשטעהער פון די „קרייזלעך״,— האָט דוד׳ אויסגערעדט: און דערנאָך וועלען מיר זיך צונויפקלויבען נאָך אַמאָל און בעשליסען. יאָ, און חוץ דעם וועלען מיר

היינטיגע וואָך דאָך מסתמא בעקומען וועלכע נישט איז דירעקטיווען פון צ. ק.

און אַזוי איז עס אויך ביי זיי געבליבען.

—איצט לאָמיר איבערקוקען די פּראַקלאַמאַציע און דערנאָך וועלען מיר זיך נעהמען פאַר די איבעריגע זאַכען,—האָט באַרקאַנאָוו פאָרגעלעגט.

דוד האָט אַ קוק געטהון אויפ׳ן זייגער און געזאָגט:

—איך לייג פאָר די פּראָקלאַמאַציע מיט די איבעריגע זאַכען אָבלייגען אויף מאָרגען. איצט דאַרפען מיר בעטראַכטען גאָר אַנ׳אַנדער פראַגע, אַ מעהר וויכטיגערע.

—וואָס פאַר אַ פראַגע? — האָבען פערוואונדערט געפרעגט באַרקאַנאָוו און באַשע.

דוד האָט נישט גלייך געענטפערט.

—די מעשה דערפון איז אָט וואָס,—האָט ער גענומען ריידען מיט אַ אונזיכערען טאָן, אין וועלכען עס האָט געקלונגען אַ טיפער עגמת נפש: עס לאָזט זיך אויס, אַז דעם גאָראָדאָוואָי, האָט נעכטען גע׳הרג׳עט אַ חבר פון אונזער אָרגאַניזאַציע. מיר דאַרפען די זאַך איצט בעקלערען...

—ווער איז דאָס?—האָט באַשע אויסגעשריגען.

—גרשון...—האָט דוד געענטפערט מיט אַ געדריקטער שטים.

די ידיעה האָט צוטומעלט באַשען און באַרקאַנאָוו׳ן. גרשון איז געווען איינער פון די בעסטע פּאַרטיי אַרבייטער און איצט האָט ער זיך פערנומען מיט זעהר אַ פעראַנטוואָרטליכער און קאָנספּיראַטיווער אַרבייט: ער איז געווען דער דרוקער און דער אויפזעהר פון דער טיפּאָגראַפיע פון דעם נ.-ער קאָמיטעט.

—עס קאָן נישט זיין! — האָט אויסגעשריען באַרקאַנאָוו.

—פון וואַנען האָט איהר זיך דאָס דערוואוסט?—האָט באַשע אַרויסגערעדט מיט אַ טיפער פערוואונדערונג.

—ער האָט זיך מיר אַליין דערין מודה געווען...

—ווי איז עס פאָרגעקומען? ווי אַזוי האָסטו זיך דאָס דערוואוסט? דערצעהל אויספיהרליך!—האָט איהם באַרקאַנאָוו געשאָטען מיט פראַגען.

—היינט בייטאָג,—האָט דוד גענומעןריידען, נישט אַרויס־ווייזענדיג דערביי זיין אונרוהיגקייט,—האָב איך בעגעגענט עלקע די מילכיקערן. זי האָט מיך אָבגעפיהרט אָן אַ זייט און דער־צעהלט, אַז זי האָט אַליין געזעהן ווי סטעפּאַן איז אַרויסגעגאַנ־גען פון זיין שטוב און גרשון, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון איהם, האָט אַרויסגעכאַפּט פון קעשענע אַ רעוואָלווער, האָט אויסגעשאָסען אין איהם דריי מאָל און איז אַנטלאָפען אין גע־סעל. דאָס אַלץ האָט געווערט עטליכע מינוט, און זי האָט קיין צייט נישט געהאַט אפילו אַרומקוקען זיך. איך האָב איהר אויס־געהערט און גלייך אַוועק אין „טע" (טיפּאָגראַפיע). דאָרט האָב איך געפונען גרשונ'ען אַליין ביי דער אַרבייט, איך בין צוגעגאַנ־גען צו איהם און אַ פרעג געטהון: „גרשון, דו ווייסט, ווער עס האָט דער'הרג'עט דעם גאָראָדאָוואָי?" אַ ווײלע איז ער געשטאַ־נען און געשוויגען, דערנאָך קעהרט ער זיך אום צו מיר און פרעגט: „און דו ווייסט"? „יאָ, איך ווייס,—זאָג איך צו איהם,—נו אויב דו ווייסט—איז נאָך וואָס פרעגסטו"?—ענטפערט ער מיר רוהיג. דעמאָלט האָב איך איהם באַלד אַ פרעג געטהון: „פאַרוואָס האָסטו איהם דער־הרג'עט"?—ענטפערט ער מיר דערויף: „דאָס איז שוין מיין זאַך". „פערשטעהט זיך,—זאָג איך, אַז דאָס איז דיין זאַך, נאָר דו אַליין געהערסט דאָך צו דער פּאַרטיי און דו דאַרפסט אָבגעבען חשבון דער אָרגאַניזאַציע פון אַלץ, וואָס דו טהוסט."—ניין!—זאָגט ער: „נישט פון אַלץ וואָס איך טהו! איך דאַרף מעהר נישט אָבגעבען חשבון פון יענע מעשים, וואָס איך טהו, ווי אַ פּאַרטיי אַרבייטער. איך גיב דאָך נישט אָב קיין חשבון פון דעם וואָס איך עס און טרינק"... קורץ, איך האָב פון איהם קיין בעשטימטען ענטפער נישט בעקומען און איך האָב איהם געזאָגט, אַז ער זאָל קומען אַהער אויף דער פערזאַמלונג. די זאַך איז זעהר אַנ'ערנסטע. מען מוז זעהן, ער זאָל געבען אַנ'ענטפער דעם גאַנצען קאָמיטעט...

און שווייגענדיג אַביסעל האָט ער צוגעגעבען:

—אויב ער וועט מיט'ן קאָמיטעט אויך אַזוי ריידען ווי מיט מיר, אויב ער וועט זיך אָבזאָגען פון צו געבען וועלכע עס

איז ערקלערונגען, וועט אויסקומען דערוויטערן איהם פון דער אַרבייט.

—אַזאַ אַרבייטער?!—האָט באַרקאַנאָוו אויסגעשריען.

—דו זעהסט דאָך וואָס פאַר אַנ'אַרבייטער ער איז! דורך איהם האָט געקאָנט אונזער „טע" דורכפאַלען,—האָט דוד געענטפערט. איבעריגענס, מיר ווילען הערען, וואָס ער וועט זאָגען. ער וואַרט אויף מיר מסתמא אויף דער גאַס. איך וועל אַרויסגעהן נאָך איהם.

דוד איז אַרויסגעגאַנגען, באַרקאַנאָוו און באַשע זענען געבליבען זיצען פערוואונדערטע און נידערגעשלאָגענע.

—איך וואָלט דאָס אויף איהם נישט גלויבען,—האָט באַשע אַרויסגערעדט; נישט לאַנג האָב איך מיט איהם גערעדט וועגען דעם און ער האָט זיך זעהר שאַרף אַרויסגעזאָגט געגען טעראָר.

י

דוד האָט זיך אומגעקעהרט צוריק, אינאיינעם מיט אַ יונגען מענשען, אַ הויכען, מיט אַ דאַרען פנים און אַ קליין שיטער בערדל. דער אויסדריק פון זיין געזיכט איז געווען עפּעס אַנ'אונבעוועגליכער, אַ פערגליווערטער, אַז ער איז אַריין אין צימער, האָט ער קאַלט אַ נויג געטהון צו אַלעמען מיט'ן קאָפּ און זיך געזעצט אויפ'ן בעט.

אַ ווייַלע האָט געהערשט אַ דריקענדע שטילקייט.

—צוליב וואָס האָט איהר מיך גערופען? האָט גרשון רוהיג אַ פרעג געטהון.

באַרקאַנאָוו האָט געוואָרפען אויף איהם אַ טיפען בליק און פעסט אַרויסגערעדט:

—דוד האָט אונז דערצעהלט, אַז דו האָסט גע'הרג'עט דעם גאָראָדאָוואָי. מיר ווילען וויסען: פאַרוואָס האָסטו איהם גע'הרג'עט?

—אַזוי...—האָט גרשון געענטפערט אונבעשטימט.

—וואָס הייסט: „אַזוי"! האָט באַשע שטרענג געזאָגט: איהר זענט דאָך אַ פאַרטיי מענש און איידער איהר זענט געגאַנגען

אויף אַזאַ זאַך, האָט איהר פריהער געדאַרפט פרעגען ביים קאָ־מיטעט...

—איך האָב דאָך פריהער געוואוסט אַז דער קאָמיטעט וועט עס מיר נישט ערלויבען, היינט נאָך וואָס האָב איך געזאָלט פרע־גען?—האָט גרשון רוהיג געענטפערט.

—אויב אַזוי האָט איהר דאָך געוויס קיין רעכט נישט גע־האַט דאָס צו טהון.

—איך האָב דאָך נאָך פריהער געזאָגט דוד'ן, אַז איך האָב דאָס געטהון „פאַר זיך"... ד. ה. אַלס אַ זאַך, וואָס קעהר זיך אָן מיט מיר גופא און נישט מיט דער פאַרטיי,—האָט גרשון אַרויסגערעדט מיט אַ טאָן פון אַ מענשען, וועמען עס האָט שוין דערעסען זיך איבערצו'חזר'ן.

—ווי קאָנט איהר אָנרופען אַ טעראָריסטישען אַקט—אַ פער־זענליכע זאַך!—האָט באַשע אויסגעשריען מיט כעס: איהר האָט נאָך געקאָנט ברענגען דערצו, מען זאָל ענטדעקען די „טע"...

—דערצו וואָלט קיינמאָל נישט געקומען,—האָט גרשון גע־ענטפערט מיט אַ רוהיגער זיכערקייט: וואָלט מען מיך אפילו געכאַפּט, וואָלטען זיי אויך קיינמאָל נישט דערוואוסט זיך, אַז איך האָב עפּעס אַ וואָסער ני'שט איז שייכות צו דער „טע", וועגען דעם בין איך גאַנץ רוהיג. און אויפ'ן „דאפּראָס" וואָלט איך געזאָגט, אַז איך האָב עס געטהון נישט ווי אַ „בונדאָוויעץ..." און ווייטער טהוט ווי איהר ווילט,—האָט ער צוגעגעבען, מיט אַנ'אויסערליכער קאַלטבלוטיגקייט: איהר קאָנט מיך אויסשליסען אפילו פון דער אָרגאַניזאַציע, אויב איהר ווילט.

—דאָ רעדט זיך דאָך נישט וועגען בעשטראָפונגען, — האָט איהם באַרקאַנאָוו מיט היץ איבערגעשלאָגען: מיר ריידען דאָך מיט דיר, ווי חברים, מיר ווילען אַליין פערשטעהן, פאַרוואָס האָסטו דאָס געטהון? נו, פאַרוואָס האָסטו גע'הרג'עט דוקא סטעפּאַנען?

—פאַרוואָס?.. אַזוי זיך.. — האָט געענטפערט גרשון, גלייך ווי ער וואָלט נישט דייטליך פערשטאַנען די פראַגע, און האָט גלייך צוגעגעבען: דערפאַר ווייל ער איז אַ פּאָליציאַנט.

—אָבער עס זענען דאָך פערהאַן אַ פולע פּאָליציאַנטען. פאַר

וואָס האָסטו דוקא איהם גע׳הרג׳עט? דו האָסט עפּעס געוואוסט וועגען איהם?...

—איך ווייס צו מאָל נישט וועד ער איז און האָב איהם אפילו קיינמאָל נישט געזעהן... וואָלט זיך טרעפען אויף זיין אָרט אנ׳אַנדער גאָראָדאָוואָי, צי אַ פּריסטאַוו, צי אַ קאָזאַק, וואָלט איך יענעם גע׳הרג׳עט.

אין צימערל איז מיט אַמאָל געוואָרען אַ טיפע און אַ שווע־רע שטילקייט, וואָס האָט געוועדט עטליכע מינוט.

פּלוצלונג איז באַרקאַנאָוו אויפגעשטאַנען. האָט זיך אויסגע־גלייכט, פּונקט ווי ער וואָלט עפּעס אַראָבוואַרפען פון זיך און האָט ענטשלאָסען אַרויסגערעדט:

—איך לעג פאַר אָט וואָס: מילא, וואָס געווען, איז געוועזן —צוריק ווערט מען שוין עס נישט אומקעהרען. דו, גרשון, וועסט איצט געבען אַ וואָרט, אַז מעהר וועסטו אַזעלכע נאַרישקייטען נישט בעגעהן און אָבגעבען דעם „בראַונינג״ — און אַ סוף! אַלץ וועט בלייבען ווי געוועזן!

גרשון האָט אויף איהם אויפגעהויבען זיין רוהיגען בליק און האָט קאַלט און פעסט געענטפערט:

ניין, אַזאַ וואָרט וועל איך נישט געבען און מיט דעם „בראַונינג״ וועל איך זיך נישט שיידען... איך קאָן דאָס נישט...

קיינער האָט איהם גאָרנישט געענטפערט. אין אַ ווייל־ע אַרום האָט ער זיך אויפגעהויבען און רוהיג אַרויסגערעדט:

— נו, איך געה. און איהר וועט שוין אָהן מיר בעשליסען וואָס צו טהון מיט מיר.

און ווענדענדיג זיך צו דוד׳ן האָט ער ביי איהם אַ פרעג געטהון:

— וועסט אפשר געבען וואָס עס איז פאַר די דרוקעריי? ביי נאַכט וועל איך ענדיגען דאָס בלעטעל, און אויף מאָרגען וועט שוין נישט זיין וואָס צו טהון.

— מאָרגען פרי וועל איך צושיקען מיט מענדלען, — האָט דוד געענטפערט מיט אַ געדריקטער שטים.

גרשון האָט שוואַך אַ נויג געטהון מיט׳ן קאָפּ צו די חברים

און איז אַרויס פון צימער, נאָך איהם איז גלייך אַרויס באַרקאַנאָוו.

—קום אריין אַ ווײַלע אַהער,—האָט ער איהם אָנגעוויזען אויף אַנ׳אַנדער צימער.

גרשון איז געהאָרכזאַם אַוועק נאָך איהם.

—בעטראַכט זיך, גרשון, וואָס דו טהוסט, — האָט צו איהם באַרקאַנאָוו גענומען ריידען: בעטראַכט זיך, אין וואָס פאַר אַ לאַגע דו שטעלסט דעם קאָמיטעט! דו אַליין האָסט נישט איינמאָל געזאָגט, אַז דו ביזט אַ שאַרפער געגנער. פון טעראָר, און איצט טהוסטו אַזוינע זאַכען — שוין זשע רעלענסטו, אַז די הריגה פון עפּעס אַ גאָראָדאָוואָי, וועט האָבען וועלכע עס איז ווירקונג אויף דעם גאַנג פון דער רעוואָלוציע?

—איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז איך האָב דאָס גע־טהון נישט ווי אַ טעראָריסט. כ׳בין איצט אויך דער אייגענער געג־נער פון טעראָר, ווי פריהער.

—איז פאַרוואָס האָסטו גע׳הרג׳עט סטעפּאַנען?! עס האָט דאָך געדאַרפט זיין עפּעס אַ סיבה! עפּעס וואָס האָט דיך דאָך גע־שטויסען דערצו!

גרשון האָט מיט אַמאָל אויפגעהויבען דעם קאָפּ, האָט האַס־טיג אַ קוק געטהון אויף באַרקאַנאָוו׳ן און זיין בליק האָט אויס־געדריקט עטוואָס ווילדעס און אונזיניגעס.

—אַז דו וואָלסט געווען אויף מיין אָרט, וואָלסטו אויך אַזוי געטהון!—האָט ער אויף גיך אַרויסגערעדט.

—איך פערשטעה דיך נישט... — האָט באַרקאַנאָוו געזאָגט מיט אַ געפאַלענער שטים.

—אָט באַלד וועסטו מיך פערשטעהן, דו וועסט מיך פער־שטעהן, אַז איך וועל דיר דערצעהלען, וואָס איך האָב איבערגע־לעבט מיט צוויי חדשים צוריק,—האָט גרשון אַרויסגעזאָגט פּאַמע־לעך, לאַנגזאַם, מיט אַזאַ שטים, אַז באַרקאַנאָוו׳ן האָט אָנגענומען אַ שוידער. ער האָט גלייך דערפיהלט. אַז אָט באַלד וועט ער דערהערען עפּעס שרעקליכעס, גרויזאַמעס...

און גרשון האָט צוגעגעבען:

דאָס איז געווען מיט צוויי חדשים צוריק. איך האָב זיך

נאָר-וואָס בעפרייט פון טורמע און בין אַוועקגעפאָהרען אַהיים קיין ב. וואו עס האָבען געוואוינט מיינע עלטערן, און אין צוויי טעג אַרום איז דאָרט געוועןְ די בלוט-באָד. געדענקסט? דאָרט זענען געווען אַכט גע׳הרג׳עטע און נײַנצעהן פערוואונדעטע. צווישען די גע״הרג׳עטע איז געווען מיינע אַ שוועסטער. זי איז געווען אַ בעוואוסטזיניגע אַרבייטערין, אַ קעמפערן, אַנ׳איבערגעגעבענע קעמפערן. מיר איז זי נאָך געווען טרייער איידער אַ שוועסטער. זי איז פאַר מיר געווען דער טייערסטער מענש אין דער וועלט... און זי האָט מען דער׳הרג׳עט פאַר מיינע אויגען... און דעם טאַטען, אַנ׳אַלטען עהרליכען יודען, אַ מלמד, האָט מען פערשמיסען מיט נאַגייקעס, אַרויסגעשלאָגען אַנ׳אויג און אויסגעריסען איהם די גראָהע באָרד, יאָ,—הער זיך צו, ווי דאָס איז געווען: עס איז זיך געגאַנגען די דעמאָנסטראַציע, רוהיג, שטיל, יום-טוב׳דיג. איך בין געגאַנגען אינאיינעם מיט דער שוועסטער, נאָכדעם האָט מען אונז צוטיילט, אָבגעריסען. מיט אַמאָל זענען אָנגעפלויגען פּאָליציאַנטען און מען האָט אָנגעהויבען שלאָגען, כאַפּען, רייסען. איינער האָט אַ קלאַפּ געטהון דער שוועסטער אין קאָפּ און האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר די האָר, איך בין געלאָפען זי ראַטעווען... נאָר אין דער מינוט זענען אָנגעפלויגען קאָזאַקען ווי די שדים און האָבען זיך אַ לאָז געטהון אויפן גאַנצען עולם און מיט אכזריות גענומען האַקען מיט די שווערדען און טרעטען מיט די פיס. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ שיסעריי און איך בין געפאַלען אויף דער ערד. און דאָ איז פאָרגעקומען עטוואָס שרעקליכעס. אַז איך בין געקומען צו זיך, האָב איך זיך אַ וואָרף געטהון זוכען די שוועסטער און איך האָב זי נישט געקאָנט געפונען. נאָר אין עטליכע שעה אַרום האָב איך זי געפינען אויף אַ פוסטען אָרט, נעבען אַ חורבה... זי איז געווען טויט. זי איז געלעגען מיט אַ צולעכערטען קאָפּ, דאָס פּנים פערשמירט אין בלוט, און די קליידער אויף איהר זענען געווען צוריסען, צופלאַטערט. מען האָט זי אַפּנים אַ וואָרף געטהון מיטן קאָפּ אָן אַ שטיין, אָדער מען האָט זי אַזוי מיט וואָס-עפּעס געגעבען איבערן קאָפּ... זי האָט זיך משמעות געראַנגעלט. די פויסטען זענען בײַ איהר געווען צונויפגעקוועטשט, איין אויג כמעט

אַנ׳אָפּענס און אין איהם האָט זיך אויסגעדריקט אַ טויטע שרעק. איך האָב זי אויף די הענד אַהיים אַוועק געטראָגען. בשעת זי האָט געלעבט, איז זי געווען אַ גרינגע, אַ דאַרינקע און איצט איז זי געוואָרען אַ שווערע, קוים דערטראָגען זי... און אין דער היים האָב איך געפונען דעם טאַטען מיט אַנ׳אויסגעשלאָגענעם אויג, מיט אַנ׳אויסגעריסענער באָרד און מיט אַ צוהאַקטען רוקען, ער האָט זיך בעגעגענט מיט די קאָזאַקען אויפן וועג און זיי האָבען זיך פאַר איהם גענומען. מען האָט איהם געשמיסען און מיט אַ קלאַפּ איבערן פּנים מיט דער נאַגייקע האָט מען ביי איהם דאָס אויג אויסגעהאַקט. דער טאַטע איז געלעגען אויפן בעט אין אַ בעוואוסטלאָזען צושטאַנד און האָט געקרעכצט. אַרום איהם זענען געשטאַנען די שכנים. איך האָב מעהר נישט ווי איינמאָל אַ קוק געטהון אויף זיינע געשוואָלענע, צעבלוטיגטע פּלייצעס, אויף דאָס אַרויסגעשלאָגענע אויג,—און מעהר האָב איך נישט געקאָנט. אַ פּחד איז אויף מיר אָנגעפאַלען.

איך האָב גענומען די שוועסטער און אַוועקגעלעגט זי אויפן דיוואַן, אַרומגעוואַשען איהר דאָס פּנים און פאַרדעקט איהר דעם קאָפּ מיט אַ פאַטשיילע, עס האָט זיך געוואָלט, אַז זי זאָל טויטער-הייד אויך זיין אַ שעהנע... דאָס הייסט, נישט קיין שעהנע, נאָר אַ שטרענגע, אַנ׳ערנסטע. איהר פּנים איז געווען בלייך, די ליפּען האַלב אָפען און די ציינער פערהאַקט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי וויל עפּעס זאָגען. איך האָב זיך געזעצט נעבען איהר און גע-קוקט איהר אין פּנים. אַזוי בין איך געזעסן די גאַנצע נאַכט, נישט אַראָבלאָזענדיג פון איהר די אויגען. און געדאַכט האָט זיך מיר, אַז זי רעדט צו מיר עפּעס, אי מיט איהר פּנים, אי מיט איהר אָפענעם אויג, אי מיט די פעסט-צוגעמאַכטע ליפּען. מיר האָט זיך פּלוצלונג אויסגעוויזען, אַז די ליפּען ביי איהר האָבען אַ ציטער געטהון און האָבען זיך מעהר אויפגעעפענט... און פערשטאַנען האָב איך, אַז זי האָט מיר נאָר איין וואָרט געזאָגט: „נקמה”. און אָט דאָס וואָרט האָב איך געפיהלט אין אַלע מיינע אברים. צוויי מאָל האָב איך קלאָר געהערט דאָס וואָרט, פּונקט ווי איך הער איצט מיין קול. עס קאָן זיין, אַז איך האָב אַליין אַרויס-

גערעדט דאָס וואָרט. עס קאָן זיין, אַז די שווערע קרעכצען פון
מיין טאַטען האָבען געקלונגען אין מיינע אויערען, ווי דאָס וואָרט
„נקמה", נאָר איך האָב געוויס געהערט דאָס וואָרט... און אָט
דאָס וואָרט האָט זיך ווי איינגעגעסען אין מיר, געברענט אין מיין
נשמה, די גאַנצע נאַכט בין איך נעבען איהר אָבגעזעסען. אין דער-
פריה האָב איך זיך אויפגעהויבען פון שטוהל, אַרויסגענומען פון
קאַמאָד דער שוועסטערס „בראַונינג"—זי איז געווען אין דער „קאַמף-
אָרגאַניזאַציע"—און האָב איהם אַריינגעלעגט אין קעשענע. און
פון דעמאָלט אָן האָב איך זיך נאָך מיט איהם קיינמאָל נישט צו-
שיידט,—נישט ביי טאָג, נישט ביי נאַכט. און איצט וויים איך
אַליין נישט, וואָס ס'איז מיר נעהנטער, וואָס איך פיהל מעהרער, צי
מיין אייגען האַרץ, צי אָט דעם „בראַונינג". ביי מיר איז שוין אפילו
דוכט זיך, קיין האַרץ אויך נישטאָ, מעהר נישט, אַ שטיק אייז.
איך בין עפּעס געוואָרען פרעמד צו זיך אַליין. און בעת איך בע-
געגען וועמען עס איז פון זייערע... אַלץ איינס ווער עס זאָל
נישט זיין, נאָר אין אַ מונדיר—ווערט דאָס האַרץ ביי מיר פער-
גאָסען מיט עפּעס זודיגעס און איך... שיס... ווייסט, פאַר די צוויי
חדשים האָב איך שוין פיער פון זיי דער'הרג'עט, צוויי פאָלי-
ציאַנטען, אַ זשאַנדאַרמסקע אָפיציר און דעם פירטען ווייס איך
אַליין נישט וועמען—אַ קאָזאַק, צי אַ דראַגון... אַלץ איינס. איך
האָב דערשאָסען און יעדעס מאָל אפילו נישט געלאָפען—און קיי-
נער האָט מיך נישט געכאַפּט. עס קאָן זיין דערפאַר, וואָס איך
בין נישט געלאָפען... ווען איך בין געקומען אַהער צופאָהרען און
אַוועקגעזעצט זיך אין דער דרוקערייי, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז
דאָס האַרץ געהט מיר אָב, די גאַנצע אָנדערטהאַלבען חדשים האָב
איך אפילו דעם „בראַונינג" נישט אַרויסגענומען פון קעשענע.
ס'קאָן זיין דערפאַר, וואָס כ'בין די גאַנצע צייט כמעט אויף דער
גאַס נישט אַרויסגעגאַנגען... און נעכטען ערשט בין איך אַרויס
אין גאַס. איך געה און דער גאָראָדאָוואָי שטעהט פאַר מיר. און
ווידער האָט זיך עפּעס אָנגעצונדען אין האַרצען, און איך האָב
אויסגעשאָסען... און אַזוי וועט מסתמא זיין ווייטער, כל זמן פאַר
מיינע אויגען וועלען שטעהן די פּנים'ער פון מיין טאַטען און פון

מיין שוועסטער און כל זמן מען וועט מיך נישט כאַפּען... און אַז מען וועט מיך צונעמען, וועל איך זיי רוהיג אָנשפּייען אין פּנים אַריין און וועל געהן אויף דער תּליה...

גרשון איז אַנטשוויגען געוואָרען און איז אַ ווײַלע געשטאַנען אונבעוועגליך, מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, ווי פערטראַכט, און מיט אַ מאָל האָט ער זיך אומגעקעהרט און, נישט זאָגענדיג קיין האַלב וואָרט, איז ער אַרויס פון צימער.

באַרקאַנאָוו איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אויף איין אָרט, אַ בלייכער מיט ווייסע ליפּען, און האָט געקוקט מיט ברייט געעפענטע אויגען אויף גרשונ׳ען און אַז גרשון איז שוין געווען אַוועק, האָט ער שטיל אַרויסגערעדט: „אַנ׳אימה!״

אַז ער איז געקומען צוריק אין צימער, וואו עס זענען געבליבען באַשע און דוד, האָט ער זיך אָבגעשטעלט און איבערגע׳חזר׳ט ווי פאַר זיך אַליין: „אַנ׳אימה!״

—וואָס איז? וואָס האָט ער דיר דערצעהלט? — האָט איהם דוד גענומען פונאַנדערפרעגען.

באַרקאַנאָוו האָט נישט געקאָנט גלייך אָנהויבען ריידען און ערשט שפּעטער, אַז ער איז געקומען אַביסעל צו זיך, האָט ער איבערגעגעבען די חברים די שרעקליכע דראַמע וואָס גרשון האָט איהם דערצעהלט.

דוד און באַשע זענען אַ היבשע צייט געזעסען און געשוויגען.

—יאָ, יאָ!... האָט דוד נאָכגעדענקט קוקענדיג אַראָב — אויב מען וועט דעם בחור נישט קאָנען ברענגען צו זיך, וועט אויסקומען איהם צו דערווייטערען פון דער דרוקעריי און אפשר פון דער אָרגאַניזאַציע אויך...

באַשע האָט זיך פּלוצלונג אויפגעהויבען און געזאָגט מיט אַ טיף אויפגערעגטער שטים:

—איך רעכען, אַז מיר האָבען קיין רעכט נישט צו דערווייטערען איהם פון דער אָרגאַניזאַציע, פערהאַן זאַכען, וואָס נישט נאָר מיר, נאָר אפילו דער צ. ק. אַליין און די פּאַרטיי גופא האָט אויך קיין רעכט נישט צו משפּט׳ן...

באַשע איז אַוועק פון באַרקאַנאָוו׳ן אין אַ זעהר דערשלאָ-

גענער שטימונג. דוד׳ס פאָרשלאַג אויסצושליסען גרשון׳ען פון דער אָרגאַניזאַציע, אויב ער וועט זיך נישט אונטערגעבען, האָט זי שטאַרק אויפגערעגט. איהר האָט זיך אויסגעוויזען אכזריות׳דיג און נישט עהרליך, אויסצושליסען פון דער אָרגאַניזאַציע אַזאַ איבערגעגעבענעם אַרבייטער, ווי גרשון איז. זי האָט פּראָטעסטירט געגען דוד׳ס פאָרשלאַג, און אין דער אייגענער צייט האָט זי זיך געשטעלט די פראַגע: „וואָס אָבער זאָל מען פאָרט טהון מיט אַ מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָגט אָפען, אַז ער וועט זיך נישט אונטערגעבען און קאָן זיך נישט אונטערגעבען דער פּאַרטיי דיסציפּלין?" און וואָס מעהר זי האָט געקלערט וועגען דעם, האָט זיך די פראַגע איהר אויסגעוויזען אַלץ שווערער. די אויפגאַבע פון דער אָרגאַניזאַציע בעשטעהט דאָך אין ענטוויקלען און פערשטאַרקען אין דער מאַסע דאָס בעוואוסטזיין פון רעכט און אמת, די מענשליכע ווירדע, דאָס געפיהל פון פּראָטעסט געגען געוואַלט, דאָס בעדערפעניש אַקטיוו צו קעמפען געגען יעדער ווילקיר, און אַ גרויסער טייל פון דער מאַסע, האָבענדיג דאָס בעוואוסטזיין פון מענשליכער ווירדע, קאָן שוין נישט איבערטראָגען קיין שום בעליידיגונג, קיין שום געוואַלט...

באַשע האָט זיך מיט אַמאָל דערמאָנט דאָס בעוואוסטע פאָלק׳ס-ליד:

„...און אַז מען וועט אַמאָל אין פּנים
געבען דיר אַ שפּיי,—
זאָלסט נישט לויפען פון די שונאים
שפּיי צוריק מיט בליי!"

און אַזוי טאַקי—האָט זי געטראַכט—ענטפערט דאָך גרשון זיינע „שונאים". אויף די בלוטיגע, און אונמענשליכע בעליידיגונגען ענטפערט ער מיט אַ „שפּיי פון בליי". צי האָט דען די אָרגאַניזאַציע דאָס רעכט, כאַפּען איהם פאַר דער האַנד און מיט געוואַלט ביי איהם אַרויסרייסען דעם „בראָנינג", און אויב ער גיט זיך נישט אונטער,—אַזוי אכזריות׳דיג בעשטראָפען איהם, אויסשליסען איהם פון דער אָרגאַניזאַציע?... נאָר פון דער אַנדער׳ער זייט: צי האָט דען אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי, וועלכער

איז איהר איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען, דאָס רעכט צו האָבען אַנדערע זאַכען אין זינען, אַ חוץ די אינטערעסען פון דער פּאַרטיי? צי ליגט דען אויף איהם נישט קיין חוב צוליב די פּאַר-טיי אינטערעסען מקריב צו זיין אַלץ, אפילו זיין אייגענע זעלבסט-ווירדע? דערין בעשטעהט דאָך די גאַנצע פּאַרטייאישע מאָראַל... אָבער צוריק גערעדט, צי האָט דען די פּאַרטיי דאָס רעכט צו פאָדערען פון יעדען מיטגליד ביי אַלע אומשטענדען אַזאַ העל-דענמוט?

באַשע איז אַ לאַנגע צייט געגאַנגען איבער דער גאַס אײַנ-געאַנצען פערנומען מיט איהרע געדאַנקען. אַרום צוועלף אַ זייגער ערשט האָט זי זיך אומגעקעהרט צוריק אויף דער סלאָבאָדקע. פּלוצ-לונג האָט זי דערזעהן, ווי איהר אַנטקעגען, לויפט איהר קלענערע שוועסטערל, מירעל.

—וואָס האָט זיך אַזוינס געטראָפען?—האָט זי אויסגעשריען פון ווייטען.

מירעל איז צוגעלאָפען נעהנטער צו איהר. זי איז געווען בלייך און אין איהרע ברייט געעפענטע אויגען האָט זיך אויסגעדריקט אַ פערצווייפלונג, אַ שרעק.

—אוי, באַשינקע, וואו ביזטו געווען?—האָט זי אויסגעשריען, שוין צוויי שעה, אַז איך זוך דיך! איך בין אומעטום אויסגעווען! עטליכע מענשען זענען געקומען פרעגען אויף דיר! מען האָט שוין גערעכענט, אַז מיט דיר איז עפּעס וואָס געשעהן...

—אָבער וואָס האָט זיך געטראָפען? רייד!—האָט באַשע מיט אונגעדולד אויסגעשריען.

—מען האָט דאָך די בירזשע פונאַנדערגעטריבען! — האָט זיך ביי מירלען אַרויסגעריסען אַ יללה.

—וואָס רעדסטו?—האָט באַשע אויסגעשריען.

—אוי באַשינקע, אָט דאָס וואָס דו הערסט!... איך בין אַליין דערביי געווען. די בירזשע האָט זיך שוין געהאַט געענ-דיגט, מען האָט זיך שוין געקליבען פונאַנדערגעהן, ערשט מיט אַמאָל זענען אָנגעפאַלען די פּאָליציאַנטען... אַ גאַנצער פּאָלק, און מען האָט אָנגעהויבען פונאַנדערטרייבען, שלאָגען, שרייען! אַ שרעק,

אַנ'אימה, וואָס דאָרטען האָט זיך אָבגעטהון. אימליכען האָבען די פּאָליציאַנטען כמעט צוטראָטען מיט די פיס, און אַ סך האָט מען גע'הרג'עט. איך האָב זיך קוים אַרויסגעכאַפּט... איך האָב געוואוסט, אַז דו ביזט אויף דער בירזשע נישט געווען און איך בין געלאָפען דיך זוכען. דערנאָך זענען געקומען צו לויפען אַהער דיך פרעגען מאיר, הענעך און עפּעס נאָך עמיצער. ער האָט געזאָגט אַז מאָרגען ביין אַ זייגער אין דערפריה זאָלסטו אומבע-דינגט קומען צו באַרקאַנאָוו'ן, אוי באַשינקע, וואָס וועט איצט זיין?!—האָט זי געענדיגט מיט אַ טיפער פערצווייפלונג.

באַשע האָט דערויף גאָרנישט געענטפערט.

—און די מאַמע? — האָט זי זיך דערמאָנט, — שלאָפט נאָך מסתמא אויך נישט?

—אַ דאַנק גאָט, זי ווייס פון גאָרנישט. זי איז אַנטשלאָפען געוואָרען, נאָך איידער איך בין געקומען אַ היים, און שלאָפט נאָך איצט אויך,—האָט מירעל געענטפערט.

—נו—קום אויך שלאָפען, שוין שפּעט!—האָט באַשע מיט אַ מאָל אַ זאָג געטהון.

זיי זענען אַריינגעגאַנגען שטילערהייד אין שטוב, האָבען זיך אויסגעטהון און געלעגט שלאָפען.

באַשע האָט נישט געקאָנט אַנטשלאָפען ווערען, זי האָט אַרומגעטראַכט אַ פּלאַן, וואָס מען זאָל איצט אָנהויבען טהון, פּלוצלונג האָט זי דערהערט פון דער קיך, וואו מירעל איז גע-שלאָפען, אַנ'איינגעהאַלטען געוויין.

באַשע איז שטיל אַראָב פון דיוואַן, איז אַרויס אין קיך, האָט זיך אָנגעבויגען צו מירלען און גענומען ריידען ליבליך שטיל:

—וויין נישט! דער הימעל לעגט זיך נאָך נישט אויף דער ערד. נישט קיין גרויס אומגליק. עטליכע טעג וועט מען נישט לאָזען אויף דער בירזשע און דערנאָך וועט אַלץ ווערען ווי פריהער. מיט די אַרבייטער וועלען זיי גאָרנישט אויספיהרען!...

## יא.

דאָס פונאַנדערטרייבען די בירזשע און דערצו נאָך מיט אַזאַ אכזריות, האָט אויפגערעגט די גאַנצע שטאָדט און איבער-הויבט, פערשטעהט זיך, די אַרבייטער-מאַסע. מיט דער בירזשע זענען אַלע שוין אַזוי געוועהנט געווען, אַלע האָבען זיך שוין אַזוי איינגעלעבט מיט איהר, אַז קיינער האָט זיך גאָרנישט גע-קאָנט פאָרשטעלען, ווי וועט מען אויסקומען אָהן איהר. אין דעם ערשטען מאָמענט האָבען די אַרבייטער ווי פערגעסען, אַז די בע-וועגונג האָט עקזיסטירט נאָך פיל פריהער, ווי עס זענען אויפגע-קומען די „בירזשעס". דער גרעסטער טייל אַרבייטער, האָט זיך איצט געפיהלט עפּעס נידערגעשלאָגען, עלענד ווי יתום׳דיג.

אויף מאָרגען, שבת אין דער פריה, האָט זיך אין דער אַרבייטער-סלאָבאָדקע אָנגעהויבען אַ זעהר לעבהאַפטע בעוועגונג אויף אַלע גאַסען און געסלעך. דער אַלטער דור, מאַנסבילען, ווייבער און קינדער, זענען זיך שטיל, פעמעליך געגאַנגען אין שוהל, אין די שבת׳דיגע בגדים. אין דעם גאַנצען גאַנג זייער׳ן האָט זיך געפיהלט עפּעס אייביגעס, רוהיגעס און אַלטפרענקישעס. און גלייך מיט אָט דעם שטראָם פון אַלטען דור האָט זיך געצויגען נאָך אַ שטראָם פון יונגע-לייט,—אַ שטראָם אַ נערוועזער, אַנ׳אויפ-גערעגטער. די אַרבייטער האָבען גלייך פון דער פריה אָן זיך אַ לאָז געטהון אין גאַס און אָנגעהויבען זוכען זייערע פאָרשטעהער, חברים, בעקאַנטע. יעדער האָט געפיהלט אַ בעדערפעניש צו זיין צווי-שען מענשען, הערען אַנ׳אָבקלאַנג פון די אייגענע געדאַנקען, פון דער אייגענער שטימונג. ביי אַלעמען איז געווען דאָס בעוואוסטזיין, אַז עס איז פאָרגעקומען עפּעס אַזוינס, וואָס וועט נויטען די אָר-גאַניזאַציעס אַרויסצוטרעטען ענערגיש און ענטשלאָסען. יעדערען האָט זיך געוואָלט, וואָס גיכער דערוויסען זיך, וואָס טראַכטען וועגען דעם די חברים, וואָס לעגען פאָר די פאָרשטעהער, וואָס קלערען צו טהון די קאָמיטעטען. אין דעם ערשטען מאָמענט איז

ביי די אַרבייטער געווען אַ שטימונג פון פערלוירענקייט. אַ טייל פון זיי האָט נאָך נישט גוט פערשטאַנען, וואָס ס׳איז אַזוינס גע-שעהן. צוערשט זענען געגאַנגען קלאַנגען, אַז עס זענען פערהאַנגע׳הרג׳עטע און פערוואונדעטע, אַז פיל זענען אַרעסטירט, נאָר באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די קלאַנגען זענען נישט קיין ריכטיגע, קלעפּ האָבען בעקומען נאָר עטליכע אַרבייטער און איי-נעם, וואָס האָט זיך אַנטקעגען געשטעלט, האָט מען אַרעסטירט. מיט גרויס צופרידענהייט האָבען די אַרבייטער דערצעהלט, ווי מען האָט זיך געשטעלט געגען דער פּאָליציי און שטאַרק געשלאָ-גען איינעם אַ פּאָליציאַנט. נאָר טיף אין האַרצען האָט יעדער גע-פיהלט, אַז די אַרבייטער האָבען אָבגעגעבען די בירושע דעם שונא, כמעט אָהן שום ווידערשטאַנד.

אַז די ערשטע מהומה איז אַריבער, איז די שטימונג פון די אַרבייטער געוואָרען ערנסטער און רוהיגער. ביסלעכווייז האָ-בען זיי זיך אָנגעהויבען צונויפקלויבען אין פערשידענע ערטער. אויף די הויפען, אין די הייזער, אַפילו אויף דער גאַס זענען זיך צונויפגעקומען קליינע רעדלעך אַרבייטער. פון אָנהויב האָט יע-דער בעזונדער זיין פאַרשטעהער, נאָר דערנאָך האָט מען זיך דער-וואוסט, אַז די פאַרשטעהער פון אַלע פּאַרטייען זענען אַוועק אויף אַנ׳עקסטרע פערזאַמלונג אינאיינעם מיט די קאָמיטעטען, כדי צו בעשליסען וואָס ווייטער צו טהון. דאָס האָט אַ ביסעל בערוהיגט די אַרבייטער. אין איינציגע „קרייזלעך״ זענען אַרויסגעטראָטען רעדנער,—און אויף אַזאַ אופן זענען פון די „קרייזלעך״ געוואָ-רען קליינע מיטינגען. 10—9 אַ זייגער אין דער פריה האָבען זיך פערשפרייט קלאַנגען אַז איינציגע רעדנער זענען אַוועק אין די בתי מדרשים. די מיטגלידער פון דער „קאַמף-אָרגאַניזאַציע״, וואָס פלעגען אַלעמאָל בעגלייטען די רעדנער, זענען זיך ביסלעכווייז פונאַנדערגעגאַנגען, אַפנים אין די מנינים, פיל אַרבייטער זענען אַוועק נאָך זיי. נישט וויסענדיג אויף ריכטיג אין וועלכע בתי-מדרשים די רעדנער וועלען אַרויסטרעטען, איז דער גרעסטער טייל אַוועק אין די „אַלטע שוהל״, די גרעסטע פון שטאָדט. זיי זענען געווען זיכער, אַז דאָרטען וועט עמיצער ריידען.

די „אַלטע-שוהל״ האָט זיך גערעכענט פאַר די עלטסטע גע-
ביידע אין נ. זי איז געווען געבויט נאָך אין יעקאַטערינאַס צייטען
און האָט איבערגעלעבט אַלע שטורמס און פּלאָגען, וואָס האָבען זיך
פאַר דער צייט אַריבערגעטראָגען איבער׳ן שטאָדט. זי געדענקט
אַלע אומגליקען, וועלכע נ. האָט איבערגעלעבט, זי געדענקט דאָס
אָנקומען פון די פראַנצויזען, און אַ רייהע פּאָגראָמען און אָהן
אַ צאָל שרפות. אַרום איהר האָבען אָבגעברענט גאַנצע גאַסען, קוואַר-
טאַלען, גאַנצע דירות פון הייזער, פלעגען ווערען אַלט, איינגע-
בויגען, צופוילט, און זי—גלייך זי וואָלט זיך גאָרנישט געפונען
אונטער דער ווירקונג פון דער צייט און די געשעהענישען,—איז
געבליבען אונבעריהרט, מעהר נישט, די וואנד זענען געוואָרען אַו-
מעטיגער, שווערער, פינסטערער. זי איז געווען געבויט אויפ׳ן
אַלטען שטייגער, אָהן קונצען, נישט פערציערט, ווי אַ פשוטער בנין.
נאָר פונדעסטוועגען האָט יעדערער באַלד פון ערשטען קוק דער-
קענט אַז ס׳איז זי אַ ביסעל אָן דער
זייט פון דער גאַס, אָהן אַ הויף, אָהן אַ פּלאַנקען, פער׳יתום׳ט,
פעראומערט און פערזונקען אין אַ טיפער טויזענד-יעהריגער מחשבה.
און אויך אינעווייניג אין דער שוהל גופא איז געבליבען אַלץ
ווי געווען, נישט בעריהרט פון דער צייט. די קאַלטע, הוילע וואנד
מיט די „מזרח׳ס״ און „כּגונא׳ס״, און דער „הנתן תשועה״ מיט
גרויסע אָבגעריבענע אותיות, צווישען וועלכע עס זענען מעהר
נישט געווען ווי די נעמען פון „הקיסר יר״ה״, „הקיסרית״ און
„יורש-העצר״, וועלכע מען האָט נישט לאַנג אַרויסגעשטעלט. און
אַלץ אין שוהל—דער ארון-קודש, די בימה, דער עמוד, די בענק,
די שטענדערס און דער הענגלייכטער זענען געווען אַלטפרענקישע,
מאַסיווע, שוואַרץ פון דער צייט, אָנגעזויגען מיט׳ן טרויער פון
הונדערט יעהריגע יודישע תּפלות.

אין שוהל איז געווען אַ היבשער עולם. יודען זענען גע-
שטאַנען איינגעוויקעלט אין טליתים מיט׳ן פּנים צום מזרח און
האָבען זיך געשאָקעלט און געדאַווענט. ביי דער מזרח-וואַנד, פון
ביידע זייטען ארון-קודש, זענען געשטאַנען די פּני—אַלע כּמעט
אַלטע יודען, צווישען זיי איז אויך געווען דער רב.

זיי זענען געשטאַנען מיט די טליתים איבער׳ן קאָפּ איינ-געבויגען און האָבען געדאַווענט מיט אַנ׳אומעטיגען סקאַרבאָווען נגון און דערביי טיף געזיפצט. און עס האָט זיך גערדאַכט, אַז אָט איך די אַלטע יודען, פּונקט ווי אויף דער שוהל און אַלץ ווי אין איהר, האָט די צייט קיין שום שליטה נישט געהאַט. און, צו-געטראָגענע אַהער, צו דער וואַנד, מיט׳ן שטראָם פונ׳ם לעבען, שטעהען זיי דאָ, ווי שטומע מצבות פון דער אַלטער צייט.

אויף דעם אַנדער עולם פון שוהל איז שוין געלעגען דער גייסט פון דעם נייעם לעבען. צווישען זיי זענען שוין געווען יו-דען אין קורצע רעק, מיט געשוירענע אָדער געגאָלטע בערד. איינציגע פון זיי האָבען געדאַווענט פויל און גלייכגילטיג, אַנדערע האָבען שטום אַרומגעשפּאַצירט איבער׳ן שוהל. מעהר נישט ביי דער טהיר זענען זיך ווידער געשטאַנען אַלטע אין בעיאָהרט יודען, אָרימע, אַרומגעריסענע, אין פערשמאָלצענע, צופלאַטערטע טליתים, מיט קראַנקע מאָגערע פּנימ׳ער און האָבען מיט פחד און הכנעה געבעטען ביי דעם שטרענגען גאָט כאָטש איין פונק פון רחמים כאָטש איין שוואַכען שטראַל פון גליק און פרייד.

דער חזן האָט געענדיגט שחרית און מען האָט גענומען לייענען די סדרה. אין שוהל האָבען אָנגעהויבען אַריינגעהן איינ-ציגווייז און גאַנצע חברות-ווייז אַרבייטער, יונגע בחורים און יונג-לעך אין בלויע העמדלעך און קאַרטוזען. אין שוהל זענען זיי אַריין אין עפּעס אַ משונה׳דיגער שטימונג, וואַכעדיג, ווי מענשען, וואָס זענען עפּעס פערבומען, און אין דער אייגענער צייט—העזה׳-דיג און אָהן אַ שום אָבשיי פאַר׳ן בית-המדרש. צווישען דעם איבעריגען עולם האָבען זיי זיך געוואָרפען אין די אויגען מיט זייערע קאָסטיומען און גאָכמעהר—מיט זייער אויסזעהן, וואָס האָט קלאָר געוויזען, אַז זיי זענען דאָ פרעמדע, זייטיגע, מענשען, וואָס האָבען קיין שום שייכות נישט צום דאַווענען, די אַרבייטער האָ-בען אָנגעהויבען אַרומקלויבען זיך אַרום עמוד. אין שוהל איז גע-וואָרען עפּעס אונרוהיג, די בעל-הבתים האָבען זיך אָנגעהויבען סוד׳ען צווישען זיך. דערזעהענדיג די אָנגעקומענע אַרבייטער,

האָבען זיי גלייך פערשטאַנען, אַז דאָס זענען זיי געקומען האַל-טען רעדעס.

אויף אַזאַ אופן פערלאָפען די שוהל, האָבען די רעוואָלוציאָנערען אָנגעהויבען ערשט אין דער לעצטער צייט. דאָס ערשטע מאָל, בעת די אַרבייטער זענען געקומען אין שוהל מיט אַ רעדנער, איז אויף די בעל-הבתים אָנגעפאַלען עפּעס אַ טויט-שרעקעניש און פיל פון זיי זענען אַנטלאָפען. דערנאָך האָט מען זיך ביסלעכווייז אַלץ מעהר און מעהר צוגעוועהנט. פונדעסטוועגען אָבער, יעדעס מאָל, ווען די רעוואָלוציאָנערען פלעגען מאַכען אַנ׳„אָנפאַל” אויף די שוהל, פלעגט צווישען עולם ווערען אַ שרעקליך געררודער.

די שוהל איז אַלץ מעהר און מעהר פול געוואָרען מיט אַרבייטער. די בעל-הבתים זענען געוואָרען אַלץ אונרוהיגער. די מעהר נערוועזע האָבען זיך געוואָרפען אין אַלע זייטען, אויפגערעגט געסוד׳עט זיך, און מיט שרעק געקוקט אויף די אַרבייטער, נישט וויסענדיג וואָס צו טהון. אַנדערע האָבען אויף גיך גענומען אויסטהון די טליתים און זיך געלאָזט אַוועקגעהן. נאָר נעבען דער טהיר זענען געשטאַנען צוויי הויכע, געזונדטע אַרבייטער און ווי עמיצער פלעגט נאָר צוגעהן צו דער טהיר, פלעגען זיי איהם רוהיג און שטרענג אָבשטעלען:

—איצט געהט מען נישט אַרויס!

און נישט איבעררייידענדיג קיין וואָרט, אָהן שום טענות ומענות, האָבען זיי זיך אָנגעבלאָזענערהייד אומגעקעהרט צוריק אויף זייערע ערטער. אַנדערע פון זיי פלעגען נישט פאָלגען און, שטופענדיג זיך צו דער טהיר, פּרובען עפענען זי מיט געוואַלד, נאָר די טהירען זענען געווען פערשלאָסען פון דרויסען. און אַז איינער אַ יוד האָט אָנגעהויבען קלאַפּען אין טהיר, מען זאָל איהם אַרויסלאָזען, האָט איהם איינער פון די „שומרים” קאַלטבלוטיג און בעפעהלעריש, ווי פריהער, אַרויסגערעדט:

—ס׳וועט אייך נישט העלפען! איהר וועט איצט נישט אַרויס.

—אָבער איך בעדאַרף געהן אַ היים,—האָט זיך דער יוד אָנגעהויבען קאָכען.

—נישקשה, איהר וועט צו-וואַרטען!

—וואָס הייסט: צו-וואַרטען! איהר ווילט מיך נויטען הע-רען אייערע דרשות, מיט געוואַלד, וואָס?!—איז דער יוד נאָכ-מעהר אויפגערעגט געוואָרען.

—יאָ, מיט געוואַלד!—האָט איהם קאַלטבלוטיג אָבגעענט-פערט דער „שומר”, קוקענדיג איהם גלייך אין די אויגען.

דער יוד איז אַ ווײלע געשטאַנען, נישט ריידענדיג קיין וואָרט, דערנאָך האָט ער מיט אַמאָל אַ שפיי געטהון, אַרויס פון די כּלים און אַ געשריי געטהון:

—אוי! שוין צעהן מאָל בעסער אַריינצופאַלען צו די פאָג-ראָמשטשיקעס אין די הענד, איידער צו אייך!—און איז אויף גיך אָבגעטרעטען, בעגלייט דורך דעם זעלבען רוהיג--קאַלטבלו-טיגען בליק פון די „שומרים”.

גלייך נאָך „הגבה”, איז אויף די בימה אַרויף אַ רעדנער, בעגלייט פון צוויי אַרבייטער, פון דער „קאַמף-אָרגאַניזאַציע”. דער רעדנער האָט אַ קלאַפּ געטהון איבער'ן טיש און האָט אויסגעשריי-גען איבער דער גאַנצער שוהל:

—בירגער! אין נאָמען פון „בונד” פאָדער איך.

אין שוהל איז גלייך געוואָרען אַ שרעקליכער טומעל און עס האָבען זיך דערהערט געשרייען:

—מען דאַרף נישט! אַראָב!

—מיר ווילען נישט הערען! מיר ווילען נישט!

—לאָזט אַ פריהער אָבדאַווענען און דערנאָך רעדט אייך, וויפיל איהר ווילט!

דער רעדנער האָט אַ שטאַרקען קלאַפּ געטהון איבער'ן טיש און ווייטער אָנגעהויבען:

—בירגער!

—בירגער! אין נאָמען פון „בונד” פאָדער איך איהר זאָלט מיך אויסהערען!

—שטיל!! שטיל!!—האָבען די אַרבייטער גענומען שרייען מים כּעס. נאָר דער איבעריגער עולם האָט זיך נישט איינגע-שטילט און האָט נאָך אַלץ געשריען:

—מיר ווייסען! מיר ווייסען אַליין גאַנץ גוט אַלץ, וואָס איהר וועט אונז זאָגען!

—וואָס קומט איהר צוגעהן נישט לאָזען אונז דאַוונען? וואָס ווילט איהר פון אונז?

נאָר אין דער אייגענער צייט האָבען זיך געלאָזט הערען אויך אַנדערע געשרייען:

—אָבער לאָזט, איהם ריידען! אַז נישט—וועט דאָך קיינמאָל קיין סוף נישט זיין!

—לאָזט ריידען! וואָס האָט איהר זיך דערשראָקען? מען וועט דאָך אייך נישט אויפעסען!

און דער רעש האָט זיך ביסלעכווייז געלעגט.

דער רעדנער האָט נאָכאַמאָל אַ קלאַפּ געטהון איבער'ן טיש און גענומען ריידען הויך, אָבטיילענדיג יעדעס וואָרט:

—„בירגער! מיר זענען געקומען צו אייך אין שוהל, נישט כדי צו שטערען אייך דאַוונען, נאָר דערפאַר, ווייל דער זעלבסט-הערשענדער רעזשים גיט אונז נישט די מעגליכקייט צונויפקלויבען זיך אין אַנ'אַנדער אָרט צו ריידען מיט אייך.

„בירגער! דער יודישער פּראָלעטאַריאַט, האַנד אין האַנד מיט די פּראָלעטאַריער פון אַנדערע פעלקער, שטעלט מיט זיך פאָר דעם אַוואַנגאַרד פון דער גרויסער רעוואָלוציע און יעדער טאָג, יעדע שעה ווארפט ער אַלץ מעהר און מעהר פונאַנדער די פעסטונג פון דער גוסס'דיגער זעלבסטהערשונג. דער טאָג פון נצחון איז שוין נאָהנט, נאָר ביז וואַנען ער וועט קומען, וועט נאָך פערגאָסען ווערען פיל בלוט, וועלען נאָך פיל קרבנות פאַלען.

„דער יודישער פּראָלעטאַריאַט קעמפט פאַר זיינע קלאַסען-אינטערעסען. נאָר קעמפענדיג פאַר זיי, קעמפט ער אין דער אייגענער צייט אויך פאַר דער פרייהייט פון דעם גאַנצען יודישען פאָלק. און אויב די יודען וועלען לסוף בעקומען גלייכבערעכטי-גונג, וועט דאָס זיין נאָר אַ דאַנק דעם יודישען פּראָלעטאַריאַט. אויב דאָס יודישע פאָלק וועט שוין מעהר נישט דאַרפען מורא האָבען פאַר פּאָגראָמען, אויב פּאָגראָמען וועלען בכלל אונמעגליך ווערען, וועט דאָס ווידער זיין, נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס דער

אָרגאַניזירטער יודישער פּראָלעטאַריאַט וועט מיט די וואָפען אין די הענד אָבשטעלען די ווילדע באַנדעס; מיט די אייגענע קערפּערס וועט דער אָרגאַניזירטער יודישער פּראָלעטאַריאַט בעשיצען דאָס יודישע פאָלק פון שאַנד און פון טויט. און טיף שעמען זאָלען זיך יענע, וועלכע האָבען היינט נישט געוואָלט געבען אַ פּראָלעטאַרישען פאָרשטעהער די מעגליכקייט צו זאָגען דאָ עטליכע ווערטער!״

ווייטער איז דער רעדנער אַריבער אויף דער טעמאַ וועגען דעם פונאַנדערטרייבען די בירזשע, ער האָט גערעדט מיט היץ און דער עולם האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו זיינע רייד און אַלץ נעהנטער צוגערוקט זיך צו דער בימה. דאָרט, אויף דער בימה איז געשטאַנען אַנ'אַלטער יוד, אַ הויכער, מיט אַ גראָהער באָרד, מיט דער ספר-תורה אין די הענד און, מיט אַ האַלב אָפענעם מויל, ווי פערוואונדערט עפּעס, צוגעהערט זיך. דערנאָך, ווי דער בונדיסטישער רעדנער און נאָך איינער, אַ פאָרשטעהער פון די „פּועלי-ציון״, האָבען געענדיגט ריידען און זענען אַראָב פון דער בימה,—איז דער אַלטער יוד מיט דער ספר-תורה אין די הענד געבליבען אַליין. און עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז אויף אָט דער הויכער בימה, ווי אויף אַנ'איינזאַמער ווּיספּע, שטעהט דער זקן מיט דער ספר-תורה, ווי אַ סימבאָל פון דעם אַלטען יודענטום, אַרומגערינגעלט פון די רוישענדע כוואַליעס פון דעם נייעם, פון דעם יונגען שטאַרקען לעבען, וואָס רייסט זיך ליידענשאַפטליך פאָראויס, וואָס רייסט זיך צו פערפלייצען אָט די קליינע, נאָר די הויכע און שטאַרקע ווּיספּע.

די אַרבייטער האָבען זיך אַ לאָז געטהון פון שוהל. און דער חזן איז שוין געשטאַנען ביים עמוד און מיט אַ וויינענדיגען נגון, אין וועלכען עס האָט אָבגעקלונגען אַ ליידענשאַפטליכע בקשה, האָט ער געבענשט ראש-חודש:

„מי שעשה נסים לאבותינו״—ווער עס האָט בעוויזען וואונדער אונזערע עלטער'ן און האָט זיי אויסגעלייזט פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט,—דער זאָל אונז אין גיכען אויסלייזען און זאָל צו-

נויפקלויבען אונזערע פערוואָגעלטע פון אַלע פיער עקען וועלט.
אַלע יודען זענען חברים, ונאמר אמן!"

## יב

אין דער אייגענער צייט איז ביי באַרקאַנאָוו'ן אויף דער קוואַרטיר פאָרגעקומען אַ פערזאַמלונג פון קאָמיטעט איינאיינעם מיט די פאָרשטעהער פון די „קרייזלעך". צונויפגעקומען זענען זיך אַ מאַן צוועלף. דוד, וועלכען מען האָט אויסגעקליבען פאַר אַ פאָר-זיצענדען, האָט טרוקען, אין עטליכע ווערטער איבערגעגעבען די טעמים, וואָס האָבען אַרויסגערופען די נויטיגקייט פון אַזאַ מין עקסטרא פערזאַמלונג, האָט אָנגעצייכענט די פראַגען, וואָס בעדאַרפען דאָ היינט בעטראַכט ווערען און דערמאָהנט די חברים, אַז לויט דער מיינונג פון צ. ק. וואָלט גלייכער געווען נישט פאַר-נעהמען איצט קיין שום טיילווייזע אַרויסטרעטונגען און היטען בעסער די קרעפטען פאַר דער אַלגעמיינער אָרגאַניזירטער אַרויס-טרעטונג, וואָס בעדאַרף אין גיכען פאָרקומען. ער האָט געראַטען די חברים, פערהאַלטען זיך קאַלטבלוטיגער צו די געשעהענישען און נישט אונטערגעבען זיך דער שטימונג פון דער מאַסע.

אַזאַ מין פאָררעדע האָט שטאַרק בעליידיגט די פאָרשטעהער וואָס זענען חוץ דעם אויך געווען אַביסעל אָנגעשטויסען אויפ'ן קאָמיטעט, מחמת דעם, וואָס ער האָט נאָך זייער מיינונג, אַרויס-געוויזען צופיל ממשלה און אין דער אייגענער צייט—נישט גע-ווען גענוג טעטיג. דער ערשטער פון די פאָרשטעהער וואָס האָט גענומען דאָס וואָרט, האָט שטרענג און בייז אַ זאָג געטהון:

—איידער איך וועל צוטרעטען צו די אַלע פראַגען, וויל איך זיך אַרויסזאָגען וועגען דער טעטיגקייט פון קאָמיטעט...

—איך אויך!—האָט גלייך אונטערגעכאַפּט אַ צווייטער.

—און איך אויך—האָט צוגעגעבען נאָך איינער.

דוד האָט נישט ערוואַרט אַזאַ „אָפּאָזיציע" און האָט אין אָנהויב געוואָלט פראָטעסטירען, נאָר גלייך האָט ער בעקלערט און האָט פערשטאַנען, אַז דאָס וועט צו גאָרנישט ברענגען, אַז ער

נאָך דערמיט פערערגערן די לאַגע, און ער האָט רוהיג ארויסגערעדט:

—נו, מהיכי תּיתי, זאָגט זיך אַרויס, אויב איהר געפינט עס פאַר וויכטיג... כאָטש איך קלער, אַז מען האָט דאָס געקאָנט אָב-לעגען אויף אַנ׳אַנדער צייט.

—און איך רעכען אַנדערש, — איז דער פאָרשטעהער בע-שטאַנען אויף דאָס זייניגע.

—גענוג שוין אָבגעלעגט!

—רייד, דו האָסט דאָס וואָרט,—האָט איהם דוד קורץ גע-ענטפערט, און אונטערשפּאַרענדיג דעם קאָפּ מיט ביידע הענד, האָט ער זיך צוגעגרייט הערען.

דער פאָרשטעהער האָט קאַלטבלוטיג אָנגעהויבען אויסצורע-כענען אַלע חטאים פון קאָמיטעט. דער קאָמיטעט איז זיך זעלטען מישב מיט די פאָרשטעהער און אָהן זייער ידיעה בעשליסט ער אָפט אַזוינע זאַכען, וואָס זענען זעהר שווער דורכצופיהרען; נישט אַלעמאָל רעכענט ער זיך מיט דער שטימונג פון דער מאַסע און מיט איהרע געדעכטע פאָדערונגען. די ליטעראַטור ווערט נישט צוטיילט ווי עס בעדאַרף צו זיין. די אַרבייט פון די „קרייזלעך" פיהרט זיך אָהן אַ סדר אָהן אַ פּלאַן. זעהר אָפט קומט אויס פּור-נאַנדערצולאָזען פערזאַמלונגען נאָר איבער דעם, וואָס דער חבר סערגיי („דער רעדנער האָט בעת מעשה אָנגעוויזען אויף באַר-קאַנאָוו׳ן") האָט נישט געקאָנט קומען. און אַז ער קומט אַפילו, פער-שפּעטיגט ער אויך אַלע מאָל אויף אַ פּאָר שעה. די פאָרשטעהער געפינען זיך אָפט אין אַנ׳אונבעקוועמער לאַגע מחמת דעם, וואָס דוד קאָנספּירירט צו־פיל און איז זיך זעלטען ווען מישב מיט די פאָר-שטעהער פון די „קרייזלעך", צו וועלכע ער האָט אַ פּנים ווייניג צוטרוי. געגען דוד׳ן האָט מען אַרויסגעשטעלט נאָך אַ בעשולדי-גונג, אַז ער איז אָפטמאָל צו־שאַרף און צו־שטרענג מיט די אַר-בייטער. אויף אַביסעל אַ גרינגער׳ן אופן איז די בעשולדיגונג אַרויסגעשטעלט געוואָרען אויך געגען באַשען. די אַרבייטערינס בע-קלאָגען זיך, אַז ווען זיי ווענדען זיך צו איהר וועגען וואָס עס איז, פּטר׳ט זי זיך אָב אַלע מאָל מיט עטליכע ווערטער, אָנשטאָט זיך דורכצוריידען מיט זיי ווי עס בעדאַרף צו זיין; אַז זינט זי-

איז אין קאָמיטעט קאָן מען צו איהר נישט צוטרעטען, אַ וואָרט נישט ריידען.

די קאָמיטעט מיטגלידער האָבען, שווייגענדיג מיט אַ שטרענגער מינע אויסגעהערט זייער בעשולדיגונגס-אַקט. מעהר נישט, באַרקאַנאָוו האָט אַ ביסעל ווי פערשעמט אַ שמייכעל געטהון, בשעת דער רעדנער האָט איהם בעשולדיגט, אַז ער פערשפעטיגט אָפט אויף די פערזאַמלונגען, און האָט אַרויסגעשטאַמעלט: „יאָ, אַזוי, ס'טרעפט זיך אַנ'אַנדערש מאָל מיט מיר!״ בכלל האָט באַרקאַנאָוו און אויך באַשע אין הארצען מודה געווען, אַז אין פיל זאַכען זענען די פאָרשטעהער גערעכט, זיי האָבען געפונען פאַר זיך אַ פערענטפערונג דערין, וואָס זיי זענען שטאַרק פערנומען.

דוד האָט זיך וועניגער ערנסט פערהאַלטען צו די בעשולדיגונגען. ער האָט חושד געווען די פאָרשטעהער, אַז זיי האָבען אויפגעהויבען די גאַנצע בעשולדיגונג נאָר כדי אַליין אַריינצוקלויבען זיך אין קאָמיטעט. דער צווייטער רעדנער האָט צוגעגעבען צו דעם בעשילדיגונגס אַקט נאָך עטליכע איינצעלהייטען. עס האָט געבעטען דאָס וואָרט אַ דריטער, נאָר די פאָרשטעהער גופא האָבען אָנגעהויבען פראָטעסטירען געגען דעם.

—געגוג, זאָל שוין זיין אַ סוף. איצט איז נישט די צייט פיל צו ריידען! מיר דאַרפען נישט פערגעסען, אַז די אַרבייטער וואַרטען אויף אונזערע בעשטימונגען און מיר קאָנען זיך דאָ נישט פערנעמען מיט אָרגאַניזאַציאָנס-פראַגען. דער דריטער האָט זיך אָבגעזאָגט פונ'ם וואָרט. דוד האָט געוואָלט ענטפער'ן, נאָר באַרקאַנאָוו האָט איהם געבעטען, ער זאָל איהם פריהער לאָזען זאָגען עטליכע ווערטער.

באַרקאַנאָוו האָט אָנגעהויבען ריידען מיט אַ הארצליכען, פריינדליכען טאָן. ער האָט מודה געווען, אַז פיעל פון די בעשולדיגונגען געגען דעם קאָמיטעט זענען ריכטיגע. יאָ, דער קאָמיטעט האָט טאַקי נישט אויסגעפיהרט אַלע זיינע אויפגאַבען. ער, באַרקאַנאָוו, וויל מעהר נישט אָנווייזען, אַז אין אַנדערע קאָמיטעטען קומען אויך פאָר די זעלבע סכסוכים מיט דער צענטראַלער „סקאָדקע״ און מיט די פאָרשטעהער, אַז אין אַלע פאַרטייען עק-

זיסטירט אַנ׳אונצופרידענהייט מיט דער טעטיגקייט פון די קאָמי־טעטען. הייסט עס, אַז דערין ליגען געוויסע סבות. און די הויפּט סבה דערפון איז די, וואָס עס איז אונמעגליך צו פיהרען די אונלע־גאַלע אַרבייט אַזוי רעגעלמעסיג, ווי די לעגאַלע, פערשטעהט זיך, אין פיל פאַלען זענען די קאָמיטעט מיטגלידער אַליין שולדיג. בנוגע צו זיך איז ער דאָס געוויס מודה. אַ גרויסע ראָלע שפּילט דערין אויך דאָס, וואָס די מיטגלידער פון די קאָמיטעטען זענען נישט אויסגעוועהלטע, נאָר בעשטימטע פון צענטראַלען קאָמיטעט. נאָר איצט האָבען זיך די בעדינגונגען אומגעביטען און מען קאָן האָפען, אַז אין דער נאָהנטער צוקונפט, אין אַ פּאָר חדשים אַרום, וועט זיך די פּאַרטיי קאָנען אָרגאַניזירען מעהר דעמאָקראַטיש און די קאָמיטעטען וועלען זיין אויסגעוועהלט פון די מאַסען גופא. דעמאָלט וועט די אַרבייט, פערשטעהט זיך, געהן רעגעלמעסיגער. ביז יענער צייט וועט מען זיך דאַרפען עפּעטער צונויפקומען זיך, און, ווי חברים, בעטראַכטען, ווי אַזוי אויסצומיידען סכסוכים. צונויפריידען זיך וועט זיין נישט שווער, ווייל אי דער קאָמי־טעט, אי די פּאָרשטעהער האָבען פאַר זיך איין ציל, איין וואונש, ווי בעסער צו אַרבייטען פאַר דער אַלגעמיינער הייליגער זאַך.

—איך האָב אויך געוואָלט זאָגען דאָס אייגענע,—האָט דוד אַרויסגערעדט, פּיהלענדיג, אַז באַרקאַנאָווס ווערטער קאָנען בערו־היגען די פּאָרשטעהער און מאַכען אַ סוף צו דער „אָפּאָזיציע״.

באַשע איז נאָך באַרקאַנאָווס רעדע אויך געוואָרען פרעה־ליכער און פון איהר זייט האָט זי צוגעגעבען:

—איך בין אויך אינגאַנצען איינשטימיג דערמיט.

די פּאָרשטעהער, וואָס האָבען זיך געריכט, אַז זייערע רייד וועלען אַרויסרופען פּראָטעסטען, זענען עפּעס געבליבען ווי אָב־העגדיג און דער הויפּט-בעשולדיגער, וועלכער איז געווען אויך אַנ׳אמת גערירט פון באַרקאַנאָווס חבר׳שען טאָן, האָט זיך דער־ערשטער אָבגערופען:

—נו גענוג! זאָל שוין זיין אַ סוף! איצט איז באמת נישט די צייט פאַר אַזעלכע שמועסען! לאָמיר צוטרעטען צו אונזערע פראַגען!

די ווייטערדיגע דעבאַטען האָבען זיך שוין געפיהרט רוהיג, דורכגעדרונגען מיט אַ צוטרוי פון ביידע זייטען. די פראַגע וועגען אַן׳איינטאָגיגען שטרייק, וועלכען איינציגע פאָרשטעהער האָבען פאָרגעלייגט און געקליבען זיך ענערגיש צו פערטיידיגען, איז אינגאַנצען, אָהן דעבאַטען, אָרבגענומען געוואָרען פון דער טאָג-אָרדנונג, ווי נאָר דוד האָט אָנגעוויזען, אַז אַזאַ שטרייק וועט אויסקומען צו פראָקלאַמירען אויפ׳ן 9-טען יולי, צום האַלב יאָהר-צייט פון 9-טען יאַנואַר און אַז צו אָפט דאַרף מען זיך נישט בענוצען מיט אַזאַ מין פראָטעסט, וואָס איז זעהר שווער דורכצופיהרען און וואָס קאָסט טייער די אַרבייטער. פיל מעהר האָט מען גערעדט וועגען דער בירזשע. עטליכע האָבען פאָרגעלעגט, מען זאָל גלייך אַריבערטראָגען די בירזשע אויף אַן׳אַנדער אָרט, אויף איינע פון די צענטראַלע גאַסען. אַנדערע האָבען איינגעפונען, מען זאָל אָבוואַרטען עטליכע טעג און פרובען זיך ווידער צונויפקליבען אויף דער אַלטער בירזשע.

די האַרבסטע פראַגע, די פראַגע וועגען דער דעמאָנסטראַציע, האָט מען אָבגעלעגט אויפ׳ן סוף. אַלע האָבען איינשטימיג בעשלאָסען, אַז אַ דעמאָנסטראַציע מוז מען מאַכען, נאָר נישט פריהער ווי אין עטליכע טעג אַרום, כדי מען זאָל קאָנען דערווייל צונויפריידען מיט די איבעריגע פאַרטייען און גוט אָרגאַניזירען זי. עס איז געווען בעשלאָסען צונויפריידען זיך מיט די „איסקראָוועס״, מיט די ס-ר׳ען (און די „פועלי ציון״ מעהר נישט מודיע זיין וועגען דעם), בילדען אַן׳אַלגעמיינע קאָמיסיע, וואָס וועט דאַרפען בעשטימען דעם טאָג, די שעה פון דער דעמאָנסטראַציע, אויסאַרבייטען אַ בעשטימטען פלאַן, פונאַנדערטיילען פונקטען, וואו יעדע פאַרטיי וועט דאַרפען צונויפקליבען איהרע מיטגלידער און אויך די פונקטען, וואו אַלע וועלען זיך דאַרפען דערנאָך צונויפקומען. דערווייל דאַרפען די פאָרשטעהער אָנהויבען צוגרייטען די מאַסען צו דער דעמאָנסטראַציע, אָנצייכענען אָנפיהרער, צוגרייטען פאָהנען. אַ חוץ דעם דאַרפען זיי שוין זעהן זאַמלען כחות פאַר אַ זעלבסטשוץ, אָנמערקען פונקטען פאַר די „פאַטרולען״ אין די ערטער, וואו עס קאָן אַרויסשפּרינגען אַ פּאָגראָם, פער-

שטאַרקען די „קאַמף-אָטריאַדען“ א. ז. וו.

באַשע איז געבליבען זעהר צופרידען מיט די אָנגענומענע בעשלוסען און אויך דערמיט, וואָס דער סכסוך מיט די פּאַרשטע-הער איז אַראָב אַזוי גלאַט און גוט און איז אַוועק אויף דער סלאָבאָדקע אין אַ פרעהליכער שטימונג. איבערגעבענדיג די בע-שלוסען פון קאָמיטעט די אַרבייטער, וואָס האָבען אויף איהר גע-וואַרט אויף אַ בעזונדער קוואַרטיר, איז זי אַוועק אַהיים.

## יג

אסתר, וועלכע האָט ערשט אין דערפריה דערוואוסט זיך, אַז מען האָט די בירזשע פונאַנדערגעטריבען, איז געווען שטאַרק אונרוהיג וועגען די קינדער. זי האָט מורא געהאַט, אַז גלייך וועלען זיך שוין אָנהויבען אונרוהען, דעמאָנסטראַציעס און עס וועט אפשר נאָך דערגעהן צו אַ שיסעריי. איהר אונרוה האָט זיך נאָך פערגרעסערט בשעת'ן דאַוונען, אַז אין שוהל זענען געקומען די אַרבייטערט מיט דעם רעדנער און ס'איז געוואָרען דער טומעל. זי איז געווען זיכער, אַז דאָס איז נישט מעהר ווי אַ התחלה, און אַז איצט וועט עס שוין „אַוועקגעהן“. קומענדיג אַ היים פון שוהל, האָט זי זיך געפיהלט זעהר נידערגעשלאָגען און האָט זיך גאָרנישט געריכט, אַז די קינדער זאָלען קומען צו וואַר-מעס. זי האָט אַפילו נישט געוואוסט, וואו צו זוכען זיי און זי האָט זיך שוין געוואָלט אַליין זעצען צום טיש. פלוצלונג אָבער איז געקומען באַשע מיט מירלען, וועלכע זי האָט בעגעגענט אין גאַס, די מיידלעך זענען אַריין אין שטוב רוהיג, כמעט פרעהליך:

—גוט שבת, מאַמע,—האָבען זיי ביידע צוזאַמען אַרויסגע-רעדט: אוי, מיר זענען הונגעריג גרייט צום טיש.

אסתר איז מיט אַמאָל געוואָרען ווי אויפגעלעבט, כאָטש אין האַרצען האָט זי נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט צו שרעקען זיך און שטילערהייד, ווי פער'גנב'עט האָט זי אויפמערקזאַם גע-קוקט אויף באַשען; איהר האָט זיך געוואָלט טרעפען, וואָס ביי

איהר טאָכטער אין האַרצען טהוט זיך. בשעת זי האָט אַרויסגע־בומען פון אויוועך דעם טשאָלענט, האָט זי קאַלטבלוטיג אַ פרעג געטהון:

—נו, וואָס הערט זיך?

—נישקשה, עס וועט אַלץ רעכט זיין!—האָט באַשע רוהיג אוז פעסט אַרויסגערעדט.

—נו, און וואָס וועט זיין מיט דער בירזשע?—האָט אסתר ווייטער געפרעגט און האָט מיט כעס צוגעגעבען: אַ, רציחה דאָס איז!

—וואָס זאָל זיין מיט דער בירזשע? גאָרנישט!—האָט באַשע רוהיג געענטפערט: עטליכע טעג וועלען די אַרבייטער נישט געהן אַהין און דערנאָך וועט מען ווידער אָנהויבען... אייביג וועלען זיי דאָך נישט היטען דעם פאַרק:

—הייסט דאָס, היינט וועט גאָרנישט נישט זיין?

—גאָרנישט!—אַזוי האָט דער קאָמיטעט בעשלאָסען.

אסתר האָט זיך בערוהיגט. זי האָט געוואוסט, אַז באַשע לייגט קיינמאָל נישט. און ביים טיש האָט מען די גאַנצע צייט געשמועסט וועגען די בעכטיגע געשעהענישען.

שבת נאָך ווארמעס פלעגט אסתר שטענדיג זיך צולעגען אָברוהען. דאָס מאָל האָט זיך איהר בעסער געוואָלט זיצען אַ ווײלע מיט די קינדער. אַזוי זעלטען קומט אויס צו זיין אַלעמען אין איינעם.

—ווייסט איהר וואָס, קינדערלעך—האָט זי מיט אַמאָל אַ זאָג געטהון מיט אַ געמאַכטער פרעהליכקייט און ווי עפעס אונ־טער'חנפ'ענדיג זיך: אין אויוועך שטעהט אַ הייסער הליאַק, און מיר וועלען טרינקען טעה. נעכטען האָב איך געבראַכט פון מאַרק אַ פאָר עפעל... כ'לעבען, קינדערלעך! ווײ, אין דער אמת'ן, קומט אויס צו פערברענגען אַ ווײלע אין איינעם?

—ניין, מאַמע, איך מוז געהן,—האָט באַשע ערנסט אַרויס־גערעדט.

אסתר איז מיט אַמאָל אומעטיג געוואָרען און האָט איהר גאָרנישט געענטפערט.

—איך געה אויך,—האָט מירעל עטשלאָסען אַרויסגערעדט.

—וואוהין געהסטו עס? דו ביזט דאָך נישט אַזוי פערנומען. קאָנסט, דאַכט זיך, זיצען אַ ווײלע מיט דער מאַמען אין דער היים!—האָט אסתר האַלב ברוגז פּראָטעסטירט.

—ניין, מאַמינקע איך מוז געהן!—האָט ענערגיש מירעל געענטפערט.

—נו, געה זיך דיר,—האָט אסתר שטיל אַרויסגערעדט און ברוגז'דיג אָבגעקעהרט זיך.

מירעל האָט דערפיהלט אַ רחמנות צו דער מאַמען, איז צו־געגאַנגען און אַרומגענומען איהר.

אסתר האָט זיך שוואַך אָבגעווענדט פון איהר און אומע־טיג אַ זאָג געטהון:

—געה... דו ביזט אַ שלעכטע... דו האָסט די מאַמען נישט האָלד...

—נו, זאָל איך אַזוי געזונד זיין, מאַמע, אַז איך מוז געהן!—האָט מירעל אויסגעשריען: איך קאָן דיר נישט זאָגען וואוהין און נאָך וואָס, נאָר דאָס איז אַזוי נויטיג, אַז אַ גרויל.

זי האָט אַ שטאַרקען קוש געטהון די מאַמען און איז אַרויס־געלאָפען פון שטוב.

באַשע איז אַוועק אויף די פּלאַבאָדקע. געוועהנליך, פלעגען שבת בייטאָג פאָרקומען אַרבייטער פערזאַמלונגען. דאָס מאָל איז געווען אָבגערעדט מיט די פאָרשטעהער, מען זאָל מאַכען פער־זאַמלונגען ביז שפּעט אין דער נאַכט. אויף עטליכע פערזאַמלונגען האָט באַשע בעדאַרפט אַרויסטרעטען, און זי איז אַוועק אַהין.

בכלל זענען די אַרבייטער געבליבען צופרידען מיט די בעשלוסען, וואָס דער קאָמיטעט האָט אָנגענומען (כמעט די איי־גענע בעשלוסען האָבען אויך אָנגענומען די קאָמיטעטען פון אַנ־דערע אָרגאַניזאַציעס) וואו־נישט־וואו האָט זיך געהערט אַן אומצו־פרידענקייט דערמיט, וואָס דער קאָמיטעט האָט בעשלאָסען דער־וויילע נישט געהן אויף דער בירזשע.

—וואָס איז דאָס פאַר אַ מין בעהאַלטען זיך? וואָס איז דאָס פאַר אַ זיצען אונטער'ן אויוען,—האָבען עטליכע געשריען.

נאָר דערויף האָבען אַנדערע אַרבייטער געענטפערט:

—אויב דו ביזט אַזאַ פייערדיגער רעוואָלוציאָנער, טאָ וואָס האָסטו עפּעס געשוויגען, בשעת מען האָט נעכטען פונאַנדערגע-טריבען די בירזשע? דאָ, אויף דער סלאַבאָדקע איז גרינג צו זיין אַ רעוואָלוציאָנער!

נאָך וואַרמעס איז דער גרעסטער טייל אַרבייטער אַוועק אויף די פעראַזאַמלונגען. אַ זייגער פיער האָט שוין אַלעמען דערעסען צו הערען די רעדעס און פיל זענען אַוועק אין גאַס. אַלעמען האָט געצויגען צו דער בירזשע, יעדערען האָט זיך געוואָלט אַ קוק טהון, וואָס עס קומט איצט פאָר דאָרטען, אין דער אייגע-נער מלוכה, וואָס ערשט נעכטען האָט זיך יעדער געפיהלט ווי ביי זיך אין דער היים און וואוהין איצט איז דער אַריינגאַנג פערבאָטען נישט נאָר פון שונא, נאָר אויך פון דער אייגענער אָרגאַניזאַציע.

און איינציגווייז האָבען זיך די אַרבייטער אַ לאָז געטהון צו דער בירזשע.

נעבען פּאַרק איז געשטאַנען פּאָליציי, וואָס האָט קיינעם אַהינצו נישט אַריינגעלאָזען. פון אין דערפריה אָן האָבען אויף די טראָטואַרען נעבען פּאַרק אומשפּאַצירט אַרבייטער. נאָך וואַר-מעס איז זייער צאָל נאָך גרעסער געוואָרען, עס האָבען זיך אויך בעוויזען קינדער. די פּאָליציאַנטען פלעגען זיי פונאַנדערטרייבען, נאָר זיי פלעגען זיך גלייך ווידער צונויפקלויבען און פלעגען די אויגען נישט אַראָבלאָזען פון פּאַרק, גלייך ווי זיי וואָלטען אויף עפּעס געוואַרט.

ווי אויפמערקזאַם די פּאָליציי האָט נישט אַכטונג געגעבען, דאָך האָט זיך איטליכען איינגעגעבען אַריינצוגנב'ענען זיך אין פּאַרק. דאָס קליינוואַרג האָט זיך ביסלעכווייז פלינק און אונבעמערקט איבער-געקליבען איבער'ן פּלאַנקען אין פּאַרק אַריין. עטליכע אַרבייטער האָט די פּאָליציי גופא אַריינגעלאָזען אין פּאַרק אַלס בעקאַנטע אָדער פאַר עטליכע קאָפּיקעס. אין דער אמת'ן האָט זיך קיינער גאָרנישט אָבגעגעבען קיין רעכנונגען, צוליב וואָס ווילט זיך איהם אַזוי אַריינגעהן אין פּאַרק, נאָר יעדער האָט זיך בעמיהט

מיט אַלע כחות אַריינקלויבען זיך אַהין און יעדער, וועמען דאָס האָט זיך איינגעגעבען, האָט זיך געפּיהלט מעשה „העלד“, און כאָטש ער האָט גאָר אין פּאַרק נישט געהאַט וואָס צו טהון, דאָך איז ער פון דאָרטען שוין נישט אַוועקגעגאַנגען.

די ערשטע עטליכע שעה האָבען די פּאָליציאַנטען ענער-גיש פונאַנדערגעטריבען דעם עולם, דערנאָך אָבער זענען זיי גע-וואָרען ווי אָבגעשוואַכט, פערשלאָפען און אין משך פון עטליכע מינוט, האָבען זיי קיינעם נישט געשטערט אַריינגעהן אַהין און פּלוצלונג, מיט כעס ווידער אַרויסגעוואָרפען זיך אויפ׳ן עולם. אכזריות׳דיג האָט זיך איינער פון די פּאָליציאַנטען אַ וואָרף גע-טהון אויף אַ דאַרינקען, אָבגעריסענעם בחור׳ל, וואָס איז לאַנג געשטאַנען נעבען אַריינגאַנג און טרויעריג געקוקט אויפ׳ן פּאַרק. דער פּאָליציאַנט, ווי ער וואָלט זיך אַראָבגעריסען פון דער קייט, האָט זיך אַ לאָז געטהון נאָך איהם, געגעבען איהם אַ שטאַרקען שטויס אין רוקען און, אומקעהרענדיג זיך צוריק, האָט ער אויפ-געדעגט אַרויסגעזאָגט:

—געזעהן אַ מין פּאַרך! די הויזען זענען איהם פון הינטען צוריסען, דער גאַנצער „זייט מיר מוחל“ זעהט זיך אַרויס, און דאָס קריכט אויך אויף די בירזשע!

ביסלעכווייז האָט זיך אין פּאַרק אָנגעקליבען אַ היבשער עולם צווישען וועלכע עס איז געווען נישט ווינציג קליינוואַרג: הערשל מיט מירלען האָבען זיך דאָ אויך געפונען. אין אָנהויב האָט מען זיך אַביסעל געשראָקען, בעהאַלטען זיך אין די ווייטסטע אַלעען, נאָר וואָס מעהר דער עולם איז געוואַקסען, אַלץ דרייס-טער זענען ביי זיך די אַרבייטער געוואָרען. ס׳האָבען זיך געביל-דעט גרופּען און „קרייזלעך“ און ס׳האָבען זיך אָנגעהויבען דע-באַטען. די שטימונג פון די אַרבייטער איז געוואָרען אַלץ גע-הויבענער און רעוואָלוציאָנערער. יעדער האָט געפיהלט, אַז דער-מיט אַליין, וואָס ער האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין פּאַרק, איז ער בעגאַנגען אַ רעוואָלוציאָנערען טהאַט און יעדערען האָט זיך גע-וואָלט אונטערשטרייכען, פאָרמולירען זיין פּראָטעסט געגען דאָס פונאַנדערטרייבען די בירזשע.

אויף דער צענטראַלער אַלעע, אין אַ גרויסען „קרייזעל״ האָט גערעדט אַנ׳ארבייטער. ער איז נישט געווען קיין פּראָ-פעסיאָנעלער רעדנער, האָט זיך אַביסעל געפּלאָנטערט, האָט אי-בערגעחזרט עטליכע מאָל איין וואָרט, איין פראַזע, נאָר אין זיין שטים האָט געקלונגען אַנ׳אמת׳ע און ליידענשאַפטליכע נאָטע, וועלכע האָט שטאַרק געווירקט אויף די צוהערער. ער האָט גע-רעדט וועגען די געוואַלד-טהאַטען פון דער רעגירונג געגען די אַרבייטער אין נ. וועגען די אַרעסטען, וועגען דאָס פונאַנדער-טרייבען די בירזשע—און מיט אַ ציטערדיגען קול האָט ער גע-פרעגט ביי די חברים: איז דען מעגליך דאָס אַלץ צו לאָזען אָהן אַ שום פּראָטעסט?

די אַרבייטער האָבען אויסגעהערט דעם רעדנער זעהר אָנ-געשטרענגט, גלייך ווי זיי וואָלטען געוואַרט, אַז אָט-אָט וועט פּאָרקומען עפּעס אונגעוועהנליכעס. און מיט אַמאָל, ווי דער רעד-נער האָט געענדיגט, איז אויף אַ באַנק אַרויפגעשפּרונגען אַ יונגער בחור, אַנ׳אויפגערעגטער, מיט ברענענדע אויגען, האָט הויך און מעכטיג אַ געשריי געטהון: „חברים״!!—און האָט גענומען שיטען פייערדיגע ווערטער, וואָס זענען געווען דורכגעדרונגען מיט שנאה און פעראַכטונג. דער עולם האָט זיך מיט אַמאָל ווי אויפגעכאַפּט און עס האָבען זיך אָנגעהויבען הערען רעוואָלוציאָנערע אויסגע-שריי... און פּלוצלונג איז אויף די אייגענע באַנק אַרויפגעשפּרונ-גען נאָך אַ יונגערמאַן, אויך אַזאַ אויפגערעגטער. ער האָט אַרויס-געכאַפּט פון קעשענע אַ רויט טיכעל און, אויפהויבענדיג עס הויך איבער׳ן קאָפּ, האָט ער אויסגעשריען:

—נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!!

ווי אַנ׳עלעקטרישער שטראָם איז דורך דורכ׳ן עולם.

דער יונגער בחור וואָס האָט געהאַלטען אין האַנד דעם שטיק רויטען קומאַטש, האָט איהם אויף גיך צוגעבונדען צו אַ שטעקל, האָט עס אויפגעהויבען אין דער הויך ווי אַ רויטע פאָהן און, אַ וואָרף טהוענדיג זיך פאָרויס, האָט ער מיט בעגייסטערונג אויסגעשריען:

—ברידער, נאָך מיר!! אין גאַס!!

אַ ווײַלע איז צווישן דעם עולם פֿאָרגעקומען אַ געררודער. די מעהר ענערגישע און היציגע, האָבען זיך דורכגעשטויסען פֿאָרויס. אַהין האָבען זיך אויך פלינק און ענערגיש דורכגעשטויסען דאָס קליינוואַרג. און מיט אַמאָל האָט זיך פונאַנדערגעטראָגען אַ בע-גייסטערטער געזאַנג פון הונדערטער שטימען:

„ברידער און שוועסטער פון אַרבייט און נויט,
איהר אַלע, וואָס זענען צוזייהט און צושפּרייט,
צוזאַמען, צוזאַמען די פֿאָהנע איז גרייט —
זי פלאַטערט פון צאָרן, פון בלוט איז זי רויט".

און דער גאַנצער עולם, בעגייסטערט מיט איין געפיהל, פעראייניגט און שטאַרק, האָט זיך אַ לאָז געטהון דורכן פּאַרק, האָט אָבגעשטויסען די צושראָקענע פּאָליציאַנטען און אין געשלאָ-סענע רייהען, ווי אַ שטראָם אַרויסגעגאָסען זיך אויפ׳ן גאַס. פֿאָרויס זענען געגאַנגען צוויי פֿאָהנען-טרעגער. צוגלייך מיט דעם יונגען בחור איז אויך געגאַנגען מירעל, אויך מיט אַ רויטער פֿאָהן. מירעל איז געגאַנגען מיט גרויסע געמאָסטענע טריט, און געקוקט פֿאָרויס מיט איהרע ברייט געעפענטע אויגען.

און ווי אַנ׳ענטפער אויף דער בונדיסטישער „שבועה", האָט זיך דערהערט דער געזאַנג:

„ווי זשערטוואָיו פּאַלי וו׳באָרבע ראָקאָוואָי"...

און ביי דעם צווייענדיגען כאָר איז זיך לאַנגזאַם און מיט אַ טיפער התלהבות געגאַנגען די פּראָצעסיע איבער דער ברייטער גאַס. און מיט יעדען טריט איז דער המון אַלץ געוואַקסען, גרע-סער געוואָרען, צוציהענדיג זיך מיט זיין מעכטיגער כּשוף׳דיגער קראַפט אַלע יענע, וואָס האָבען זיך געטראָפען אויף זיין וועג. פון די הייזער, פון גאַס און פון די געסלעך זענען זיך צונויפ-געלאָפען מענער און פרויען, דערוואַקסענע און קינדער, אינטע-ליגענטען און אַרבייטער, יודען און קריסטען און מיט פרייד און התפעלות איילענדיג געשטעלט זיך אין די רייהען פון די דעמאָנ-סטראַנטען. דער שפּאַצירענדער עולם האָט זיך אָבגעשטעלט און מיט נייגעריגקייט און אַ טיפען מיטגעפיהל געקוקט אויף די פּראָ-צעסיע און ביסלעכווייז אויך דורכגעדרונגען זיך מיט דער התלהבות-

דיגער שטימונג. די פענסטער פון די הייזער האָבען זיך אויף גיך געעפענט און פון דאָרטען האָבען זיך בעוויזען מענשען מיט פרעהליכע פנים׳ער, און פאָכענדיג מיט טיכלעך, האָבען זיי פריינד־ליך געשריגען צו די דעמאָנסטראַנטען:

—עס לעבע די פרייהייט!

—נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!

און אַרום און אַרום איז אַלץ געווען בעגייסטערט מיט איין אַלגעמיין יום־טוב׳דיגער שטימונג. נאָר פּלוצלונג האָט זיך פון דערווייטען דערהערט אַ רעש און אַ געפילדער פון רייטער און אויף דער גאַנצער גאַס האָט זיך דורכגעטראָגען אַ געשריי פון שרעק און פערצווייפלונג:

—קאָזאַקען!!!

---

אַז די קינדער זענען אַוועק, איז אסתר לאַנג געזעסען אויף איין אָרט, אַנ׳איינגעהויקערטע, אַנ׳אומעטיגע, אַ בעליידיגטע. „קינדער... געהאָדעוועט זיי... וואָס איז די פעולה, אַז זיי זענען עהרליכע קינדער, שטילע, אַז זיי... זענען נישט מיינע“?—האָט זי אונערוואַרטעט פאַר זיך אַליין געענדיגט איין געדאַנק. און מיט אַמאָל האָט זיך איהר דייטליך פאָרגעשטעלט, אַז זי האָט אין דער אמת׳ן זעהר ווינציג טעמים צו רעכענען זיי פאַר אייגענע קינדער. יעדע שעה, יעדע רגע קאָנען אָנפאַלען די שרעקליכע פינסטערע כחות, וואָס ווייסען נישט פון קיין מענשליכע גע־פיהלען, וואָס בלייבען קאַלט צו מוטערליכע יסורים, און קאָ־נען אָברייסען פון איהר די קינדער, אַריינוואַרפען זיי אין די פינסטערע טורמעס, פערוואַרפען זיי אין סיביר, אין עק וועלט, קאָנען זיי קאַלעטשען, ממית׳ן, און אַפילו איצט, כל־זמן דער אויבערשטער בעשיצט זיי—זעהט זי זיי דען ווען עס איז? קומט איהר דען ווען עס איז אויס, צו פערברענגען מיט זיי אַ ווײַלע, האָבען פון זיי אַביסעלע נחת? פון בעגינען אָן געהען זיי שוין אַוועק אויף דער אַרבייט, אין אָוועגד, גלייך נאָך דער וויעטשערע, און אָפט — נישט געגעסענערהייד, לויפען

זיי שוין אוועק אויף דער בירזשע, אויף פערזאמלונגען, וואו זיי בלייבען ביז שפעט אין דער נאכט. און אפילו שבת, אין דעם איינציגען רוהיגען טאג, געהען זיי אויך אוועק פון דער היים... פערשטעהט זיך, באשע איז שטענדיג פערנומען מיט וויכטיגע זאכען. פארט אבער, אז זי וואלט וועלען, וואלט זי געקאנט בלייבען אויף א ווײלע אין דער היים, וואלט דעמאלט מירעל אויך נישט אוועקגעגאנגען און זיי וואלטען איצט זאלבע-דריט געטרונקען טעה און געשמועסט. באשע, קאן זיין וואלט געלייענט איינס פון יענע ביכלעך, אין וועלכע עס איז ארומגעשריבען אזוי ריכטיג און שרעקליך דאס ארימע, ביטערע לעבען... ווי גוט, ליכטיג און פרעה-ליך עס וואלט געווען. נאר זיי האבען נישט געוואלט בלייבען, זענען זיך פונאנדערגעפלויגען, און האבען איבערגעלאזט די אל-טע מאמע אליין...

אסתר האט דערפיהלט א טיפען רחמנות צו זיך אליין און שטילערהייד ארויסגערעדט:

—עלענד ווי א שטיין... אז איך וואלט שוין אפילו וועלען אויסגיסען פאר וועמען עס איז מיין ביטער הארץ, וואלט אויך נישט זיין פאר וועמען...

אסתר האט גענומען דעם „טייטש-חומש".

עטליכע שעה האט געווערט ביז וואנען זי האט געענדיגט די סדרה, דער „טייטש-חומש", האט זי אביסעל בערוהיגט. איהר פריהערדיגע ברוגז'דיגע שטימונג איז אריבער אין א טרוימעריש אומעטיגע. אין א ווײלע ארום איז זי ארויס אויפ'ן גאס און זיך צוגעזעצט אויף דער פריזבע.

די זון האט זיך שוין אראבגעלאזט גאנץ נידעריג, די היץ איז אראבגעפאלען און אין דעם ווייסען ליכט פון דעם פערגע-הענדען טאג איז געווען פונאנדערגעגאסען עפעס א רוהיגער און יום-טוב'דיגער חן, כמעט אלע איינוואוינער פון סלאבאדקע זענען געווען אויף דער גאס. נעבען יעדען הייזעל זענען געזעסען גאנ-צע געזינדער, האבען זיך געשפילט קינדער. עס האבען זיך גע-פיהרט לעבהאפטע, נאר רוהיגע, שבת'דיגע שמועסען. וואו נישט וואו האט זיך געהערט א געלעכטער, א שטילער נגון. פון אנדע-

רע הייזער פלעגען אַרויסגעהן איינציגווייז אָדער גאַנצע חברות אַרבייטער, און אַרבייטערינס, זיי פלעגען זיך אָבשטעלען אין מי-טען גאַס, ריידען צווישען זיך, דערנאָך פלעגען זיי זיך אומקעהרען צוריק אָדער אַוועקגעהן אין שטאָדט. די אַרבייטער זענען איצט געווען אַ סך רוהיגער ווי אין דערפריה און אונטער די ווייסע שטראַלען פון דער מידער זון, האָט די סלאַבאָדקע אויסגעזעהן בערוהיגט און יום-טוב׳דיג, כאָטש אונטער אָט דער רוהיגקייט האָט זיך געפיהלט דער קראַנקער און שווערער אָטעם פון דער גרויסער לעבענס טראַגעדיע.

אסתר האָט זיך אַרומגעקוקט און אומעטום האָט זי בעגע-גענט נאָר בעקאַנטע פנים׳ער. אסתר איז געווען אַ קינד פון דער סלאַבאָדקע. דאָ איז זי געבוירען געוואָרען, דאָ האָט זי זיך אויפ-געהאָדעוועט און אָבגעלעבט איהרע דרייאונפופציג יאָר. זי האָט אין זיך איינגעזויגען דעם גאַנצען לעבענס-אַרט פון דער סלאַבאָד-קע, איהר ליבע און האַס, איהר צער און האָפנונגען; זי האָט אַלעמען, פון קליין ביז גרויס דאָ געקענט, האָט געוואוסט יעדע-רענס לעבען, יעדערענס „פעקל״, געוואוסט ווער עס איז שוין געפאַלען און ווער עס האַלט ביים פאַלען אין דעם שרעקליכען לעבענס-קאַמף.

ביי אסתר׳ן אין מוח האָבען אָנגעהויבען שוועבען יענע גרויסע מחשבות, וואָס פאַלען אַריין אין זינען ביי איינזאַמע, אַל-טע לייט אין די מינוטען פון אַ טרויםעריש אומעטיגער שטימונג. זי האָט געטראַכט וועגען לעבען. ווי לאַנג, איז זי, אסתר, נאָך אַ קינד, אַרומגעלאָפען דאָ אויף דער גאַס, דאַכט זיך—נעכטען איז דאָס געווען. און באמת איז דאָך שוין אַוועק אַ גאַנץ לעבען, אַזאַ גרויס, אַזאַ שווער לעבען. און וואָס איז נאָך איהם איבער-געבליבען? מעהר נישט קברים. אַ פולע קברים... די אַלטע זענען אויסגעשטאָרבען, די יונגע זענען אַלט געוואָרען און דערנעהנטערען זיך שוין אויך צום קבר.

אסתר האָט זיך דערמאָנט אָן דאָס פאָלקס-ליד, וואָס זי האָט ליב געהאַט צו זינגען אין דער יוגענד:

„קינדער, די וועלט, די וועלט איז אַ חלום,
דער מענש איז צום שטאַרבען געבוירען".

—יאָ, אַ חלום, אַ קינדערישער, אַ נאַרישער חלום...—האָט אסתר טיף אַרויסגעזיפצט.

און בעטראַכטענדיג נאָכאַמאָל די סלאַבאַדקע, האָט זי אָב-געשטעלט איהר בליק אויף אַן'איינגעהויקערטען, אַלטיטשקען יודען, וואָס איז געזעסען אויף יענער זייט גאַס. דאָס איז געווען ר' שעפּע, וואָס איז אין אַ משך פון פופציג יאָהר געווען אַ דרדקי מלמד אין דער סלאַבאָדקע און איצט דערלעבט ער די לעצטע יאָהרען איינזאַם און אָרים. דער אַלטער איז געזעסען אויף דער פריזבע, אַביסעל ווייטליך פון די איבעריגע, אין אַ צוריסענעם וואַרימען בגד; ער איז געזעסען שטאַרק, איינגעבויגען, גלייך ווי ער וואָלט מיט אַלע כחות ציהען זיך מיט'ן קאָפּ צו דער ערד.

אסתר האָט לאַנג געקוקט אויף דעם אַלטען. זינט זי גע-דענקט זיך, געדענקט זי אויך ר' שעפּען. ער איז, דאַכט זיך, גאָר קיינמאָל יונג נישט געווען. אַמאָל האָט ער זיך גערעכענט פאַר אַ בייזען מלמד, און די תלמידים האָבען געציטערט פאַר איהם. נאָר דאָס אויסזעהן זיינס איז קיינמאָל נישט געווען בייז און שטרענג. ער איז אַלעמאָל געגאַנגען איינגעהויקערט, ווי ער וואָלט טראָגען אויף די פּלייצעס אַ שווערע משא; דאָס פּנים זיינס האָט בעשטענדיג אויסגעדריקט אַ טיפען צער און אין גאַס פלעגט ער געהן מיט נישט זיכערע טריט, אַרומקוקענדיג זיך.

אסתר האָט זיך אָבגעשטעלט מיט אַן'אונבעוועגליכען בליק אויף דעם אַלטען און אין איהרע זכרונות האָבען גענומען אויפ-לעבען, ווי זיי וואָלטען אויפשטעהן פון די קברים, די לאַנג-פערגעסענע חברים און תלמידים פון דעם אַלטען שעפּען, די אַמאָליגע בעלי-הבתים פון דער סלאַבאָדקע, זיי אַלע זענען געווען אויך אַזוינע איינגעבויגענע, אויך אַזוינע דערשראָקענע און טרויע-ריגע, ווי שעפּע.

און בעטראַכטענדיג אין איהרע געדאַנקען דעם אַלטען פריהערדיגען דור, האָט זיך אסתר דערמאָנט אָן דאָס אַלטע לע-בען, וואָס איז געווען אינגאַנצען אויף עפּעס אַ דערשראָקענס,

אַ צעבראָכענס און אַ האָפנונגסלאָז, מען האָט מורא געהאַט אויפ־צוהויבען אַ הויכען קול, מאַכען אַ לעבהאַפטע תנועה. אַ הויך גע־לעכטער האָט זיך געדעכענט פאַר פערשייטקייט, אַן׳אומעטיג ליד האָט זיך געזונגען שטילערהייד... „מען האָט דעמאָלט מורא געהאַט, געציטערט״... האָט אסתר מיט איין וואָרט אַרומגענומען דאָס גאַנצע אַמאָליגע לעבען.

מען האָט דעמאָלט מורא געהאַט פאַר אַלץ און פאַר אַלע־מען, מען האָט געציטערט פאַר יעדען מונדיר, פאַר יעדען מענ־שען, וואָס האָט געהאַט אַן׳איבעריגען רובל אין קעשענע, פאַר יעדערן, וואָס איז געווען אַ ביסעל שטאַרקער, אַ ביסעל דריי־סטער, מען האָט זיך געשראָקען פאַר אַ הויכען קול, מען האָט געציטערט פאַר יעדען גוי, פאַר יעדען סאָלדאַט און די שרעק, די אימה איז געווען נישט אומזיסט. יעדערער, ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ ביסעל כח און מאַכט, פלעגט זיך וואַרפען אויף דער אָרימער סלאָבאָדקע, מיט ווילדער אכזריות זויגען פון איהר דאָס בלוט און טרעטען זי מיט די פיס. און פון קיינעם און פון ערגעץ האָט זי נישט בעגעגענט, נישט קיין הילף, נישט מיט־געפיהל. אַלץ, וואָס שטאַרק און מעכטיג, וואָס האָט געשטאַמט פון דער סלאָבאָדקע גופא, האָט זיך אָבגעזאָגט, איז אַנטלאָפען פון איהר מיט האַס און קללות און איז אַריבער צו איהרע פיינד און בלוטזויגער...

— באַשע איז אין דער היים? — האָט אסתר פלוצלינג דער־הערט אַ קול נעבען זיך.

אסתר האָט זיך ווי אויפגעכאַפט, האָט אויף גיך אויפגעהויבען דעם קאָפ און דערזעהן אַ הויכען יונגענמאַן, אַ געגאָל־טען מיט אַן׳ענערגישען פנים און מיט גרויסע שוואַרצע לעב־האַפטע אויגען, וואָס האָבען געקוקט מונטער און דרייסט. אסתר האָט נישט פערשטאַנען אפילו, פון וואַנען ער האָט זיך גענומען און וועגען וואָס ער האָט ביי איהר געפרעגט. נאָר זי האָט אין איהם גלייך דערקענט באַשעס אַ חבר, אַ שלאָסער, ברוך דעם בעקערס אַן׳איינעקעל. און דערקענענדיג איהם, האָט זי גלייך פערשטאַנען, וועגען וואָס ער האָט איהר געפרעגט.

—ניין, זי איז אוועקגעגאַנגען... עס קאָן זיין, אַז זי וועט באַלד קומען,—האָט אסתר געענטפערט.

—אַז זי וועט קומען, זאָגט איהר, אַז איך דאַרף זי זעהן. דער יונגערמאַן איז אוועקגעגאַנגען.

אסתר האָט איהם בעגלייט מיט אַזאַ בליק, גלייך ווי זי וואָלט נאָך אַלץ נישט פערשטאַנען, פון וואַנען ער האָט זיך גענומען. דערנאָך האָט זי זיך אַרומגעקוקט און האָט דערזעהן אין גאַס נאָך יונגע מענשען, אויך אַזוינע שלאַנקע און שטאַרקע, מיט אָפענע פנים׳ער און דרייסטע בליקען. און מיט דערזעלבער פערוואונדערונג האָט זי געקוקט אויף זיי, גלייך ווי זי וואָלט פרעגען: פון וואַנען האָבען זיי זיך עס גענומען?

איהר האָט זיך געוואָלט אומקעהרען צו איהרע פריהער־דיגע געדאַנקען, וואָס האָבען זיך אַזוי פּלוצלינג איבערגעהאַקט, נאָר זי האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען פון וואָס זי האָט געקלערט.

—יאָ!—האָט זי זיך לסוף דערמאָנט:—איך האָב געקלערט וועגען דעם אַמאָליגען לעבען, וועגען די אַמאָליגע יאָהרען. און זיצענדיג האָט זי צוגעגעבען:

—נישטאָ שוין יענע מענשען, נישטאָ שוין יענץ לעבען... אַ נייע, גאָר אַ נייע וועלט איז אָנגעקומען...

איהר האָט זיך אויסגעוויזען אין דער מינוט עפּעס משונה אונפערשטענדליך, ווי אַזוי איז דאָס ענטשטאַנען די נייע וועלט מיט די נייע מענשען, ביי וועלכע עס זענען אַזוינע גלייכע רו־קענס, אַזוינע דרייסטע בליקען און אַזוינע מוטיגע רייד. זי האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, ווען און אויף וואָס פאַר אַ אופן האָבען זיי זיך צוערשט בעוויזען, וואָס האָבען זיי גערעדט און געטהון. נאָר דעם איינדרוק, וואָס זייער ערשיינונג האָט געמאַכט אויף דער סלאָבאָדקע, איז ביי איהר געבליבען טיף אין זכרון.

—מען האָט זיך דעמאָלט געשראָקען, מען איז פערציטערט געוואָרען...—האָט זי אַרויסגערעדט.

די סלאַבאָדקע האָט זיך געשראָקען פאַר׳ן גורל פון די יונגע. זי האָט זיך געשראָקען וואָס זיי קריכען אין פייער,

לאָזען זיך אויף סכנות-נפשות; האָט זיך געשראָקען, אַז אָט די יונגע מיט זייער דרייסטען קול וועלען אַרויסגעבען דעם שונא די סלאַבאָדקע, וועלכע האָט זיך צוגעטוליעט, בעהאַלטען אין איהרע לעכער, אין איהרע היילען; אַז אָט די יונגע, מיט זייער אונזיניגע, העזה׳דיגע רייד, וועלען צורייצען איהרע בלוטיגע שונאים, וועלכע האָבען ביז איצט געהערט פון דער סלאַבאָדקע מעהר נישט ווי שטילינקע, חניפה׳דיגע רייד, קרעכצען, טרערען און תחנונים. זי האָט זיך געשראָקען פאַר די יונגע גופא, וועלכע האָבען פון זיך אַראָבגעוואָרפען דעם יאָך, וועלכע האָבען מיטאַמאָל אָבגעשטויסען פון זיך דעם אַלטען גלויבען מיט אַלע מנהגים, אַלץ, פון וואָס דער אַלטער דור האָט געצויגען יניקה, אַלץ, מיט וואָס ער האָט געלעבט און געאָטעמט. זי האָט אין די יונגע דערזעהן אַ קראַפט און דעריבער אויך אַ שונא פאַר דער סלאַבאָדקע. קאָן דען אַ וואָסער נישט איז קראַפט נישט זיין פיינדליך דער סלאַבאָדקע? דאָס האָט דאָך נאָך קיינמאָל נישט געטראָפען!

„וואָס עס האָט זיך נאָר דעמאָלט אָבגעטהון, וואָס עס האָט זיך אָבגעטהון! מען האָט געמיינט אַז די וועלט געהט אונטער, אַז דער הימעל לייגט זיך אויף דער ערד,—האָט אסתר ווייטער דערמאָהנט זיך.

צו דעם אַלטען גיהנום פון הונגער און נויט, פחד און אַנגסטען, זענען איצט צוגעקומען נאָך נייע צרות, עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ מלחמה פון צוויי דורות—פון די עלטערן מיט די קינדער. די מלחמה איז געווען אַ ביטערע, אַ פערצווייצעלטע, זי האָט זיך געפיהרט אין דער פינסטער, מיט דער קראַפט פון אַ שרעקליכען יאוש. די עלטערן האָבען זיך געכאַפט מיט זייערע שוואַכע הענד פאַר די קינדער, האָבען זיי געשראָקען מיט׳ן אייגענעם פחד און שוואַכקייט, האָבען זיי געשראָקען מיט׳ן כעס פון גאָט אין הימעל, האָבען זיך געבעטען און געקלאָגט. נאָר די יוגענד האָט זיך נישט אונטערגעגעבען און איז פעסט און מוטיג געגאַנגען איהר וועג.

אסתר האָט זיך טיף פערטראַכט, דערמאָנענדיג די גרויסע

טראַגעדיע און האָט לסוף אַרויסגערעדט מיט אַ שטילען אומעט:
—אַז מען איז געוועהנט געוואָרען... אַז מען האָט זיך צו-געקוקט, האָט מען דערזעהן, אַז זיי זענען גאָרנישט אַזעלכע ווילדע מענשען, ווי עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זענען גאָר-נישט קיין גזלנים...
די סלאַבאָדקע האָט פריהער פאַר אַלץ בעמערקט, אַז עס זענען אַריבער חדשים נאָך חדשים און די וועלט איז נישט חרוב געוואָרען, דער הימעל האָט זיך נישט געלעגט אויף דער ערד. די דרייסטע יוגענד האָט געוואוסט אויסצומיידען דעם שונא, נישט ערגער איידער די אַלטע. און בעת זי פלעגט זיך אַריינ-כאַפּען צום פיינד אין די הענד, פלעגט מען זי אויך נישט „קעפּען און הענגען", פלעגט מען זי נישט „שניידען אויף שטי-קער", ווי די אַלטע האָבען זיך פאָרגעשטעלט. און אונטערגע-בענדיג זיך דער שטימונג פון דער יוגענד, פון קעמפער, האָ-בען די אַלטע מיט פחד אָנגעהויבען פערהאַלטען זיך צו די אַרעסטען, און אַרויסשיקונגען. דערנאָך האָט זיך די סלאַבאָדקע ביסלעכווייז איבערצייגט, אַז די דרייסטע אַרויסטרעטונג פון דער יוגענד האָט נישט אַרויסגערופען געגען די אַלטע קיין שום בעזונדער כעס פון די פיינדליכע קרעפטען, אַז די פיינד האָבען שוין נישט אַזוי רוהיג ווי פריהער געזויגען דאָס בלוט פון דער סלאַבאָדקע און מיט ווינציגער עזות אָנגעהויבען בעגעהן זיך מיט איהר. נאָכמעהר, די פיינדליכע כוחות זענען געוואָרען עפּעס וויי‌כער, האָבען אָנגעהויבען ליבען און ריהמען די אַלטע סלאַ-באָדקע פאַר איהר עניוות און הכנעה, פאַר איהר פחד און שטילקייט און שטעלען זי פאַר אַ ביישפּיל דער העזה'דיגער און אונרוהיגער יוגענד. און לסוף האָט די סלאַבאָדקע נאָך דערזעהן, אַז די קראַפט, וואָס האָט אַרויסגעשטאַמט פון איהר גופא, האָט זיך נישט אָבגעזאָגט פון איהר, איז נישט אַרויסגעטראָטען געגען איהר מיט פעראַכטונג און שנאה, ווי די געוועהנליכע פיינד.
אסתר האָט אַ ציה געטהון מיט די פּלייצעס און אַרויסגע-רעדט ווי פערוואונדערט:
—מען האָט דאָך אין אָנהויב אפילו, ווי דער סדר איז, נישט

פערשטאַנען וואָס זיי ווילען!

די אַלטע סלאָבאָדקע האָט נישט פערשטאַנען, ווי קאָן דאָס אַ נייע קראַפט נישט זיין פיינדליך צו איהר. דערנאָך האָט זי נישט זיכער אַרויסגערוקט דעם קאָפּ און נאָך אַלץ אונרוהיג אָנגעהויבען צו-הערען און צו-קוקען זיך צו די רייד און מעשים פון דער יוגענד. און וואָס ווייטער האָט זי זיך אַלץ מעהר איבערצייגט, אַז די יוגענד איז אַרויסגעטרעטען אין אַ מלחמה מיט די אַלטע שונאים פון דער סלאָבאָדקע, מיט די שטאַרקע און רייכע. שוין זשע שטעלט זיך די יוגענד טאַקי פאַר איהר, פאַר דער סלאָבאָדקע? אין אָנהויב האָט די סלאָבאָדקע נישט געגלויבט איהר אייגענע אויגען. נאָר די יוגענד האָט מיט יעדען טאָג, מיט יעדער שעה אַלץ מעהר בעוויזען, אַז זי פערטיידיגט אַלע אָרימע און אומגליקליכע, אַלע ערנידעריגטע און בעשולדיגטע. נישט נאָר זי האָט פערטיידיגט, נאָר זי האָט אויך אָנגעהויבען מנצח זיין די פיינדליכע קרעפטען, וועלכע האָבען זיך נאָך נעכטען גערעכענט פאַר אונבעזיגבאַרע, אַלמעכטיגע...

און אַז מען האָט זיך צוגעקוקט, האָט מען דערזעהן, אַז זיי שטעהען טאַקי אין דער אמת'ן מיט'ן גאַנצען האַרץ פאַר די אָרימע לייט,—האָט אסתר ווייטער געטראַכט.

די סלאָבאָדקע האָט זיך לסוף איבערצייגט, אַז די יוגענד איז אַרויסגעטרעטען זי צו פערטיידיגען. און איבערצייגענדיג זיך דערין, האָט זי זיך מיט איהר גאַנצען צעוועהטאָגטען האַרץ גענומען זיך ציהען צו אָט דער נייער קראַפט, טראָגענדיג איהר אַנטקעגען איהר גרויסען אומעט, איהר נויט און איהר צער. די יוגענד, אויף וויפיל זי האָט נאָר געקאָנט, האָט גענומען איבערבויען דאָס פערלאָזענע לעבען, האָט גענומען אין הענד דעם גורל פון דעם אַלטער סלאָבאָדקע, כּדי צו פערטיידיגען איהר לעבען פון יעדער געפאַהר, איהר מענשליכער ווערדע, און די פערביטערטע סלאָבאָדקע האָט אָנערקענט איבער זיך די מאַכט פון די קינדער, האָט זיך אָנגעהויבען גרויסען מיט זיי, איבער'חזר'ן זייערע רייד, פרעהען זיך מיט זייערע פרייד און טרויערען מיט זייער צער. ביסלעכווייז האָט זי אָנגעהויבען דורכדרינגען זיך מיט איהר טיפען גלוי-

בען פון דער יוגענד אין אַ ליכטיגער צוקונפט.

אסתר האָט זיך דערמאָנט אָן באַשען, וואָס גיט אָב אַלע איהרע כחות, דאָס גאַנצע לעבען פאַר אָרימע און אומגליקליכע. און איהר האַרץ איז געוואָרען פול מיט מוטערליכער גאוה און גליק, און פון באַשען איז דאָס זעלבע געפיהל אויך אריבער אויף באַשעס חברים, יענע אַלע, וועלכע קעמפען פאַר אמת און גע-רעכטיגקייט, נישט אָבשטעלענדיג זיך פאַר די גרעסטע קרבנות.

—זיי זענען דאָך באמת עהרליכע און טייערע קינדער! — האָט זי אַרויסגערעדט מיט התפעלות; זיי פערגעסען דאָך גאָר אינגאַנצען וועגען זיך און די יונגע כחות זייערע גיבען זיי אָב פאַר אַנדערע, כדי דאָס לעבען זאָל ווערען בעסער, גרינגער.

אסתר האָט דערפיהלט, אַז אין איהר אַלטען צעוועהטאָגטען האַרץ האָט שוין לאַנג אויפגעלעבט יענער גרויסער גלויבען, וואָס לייכט אין די הערצער פון דער נייער יוגענד—דער גלויבען אין אין אַ בעסערע, ליכטיגע און פרייע צוקונפט.

און פאַר אסתר׳ס אויגען האָט זיך פאַרגעשטעלט אַ בילד וואָס באַשע פלעגט איהר אָפט שילדערען — דאָס בילד פון דעם נייעם, ליכטיגען לעבען. עס וועט דעמאָלט נישט זיין קיין הונגער און נישט קיין קעלט, נישט קיין אונמענשליכע האָרעוואַניע, נית קיין פערשמאַכטע קינדער און נישט קיין פערלאָזענע זקנים; עס וועלען דעמאָלט נישט זיין, נישט קיין רייכע און נישט קיין אָרי-מע, נישט קיין הערשער און נישט קיין שקלאַפען, נישט קיין תלינים און נישט קיין קרבנות; עס וועט נישט זיין, נישט קיין שנאה, נישט קיין האָפנונגסלאָזער יאוש און נישט קיין שרעק און פרייד. אַלע וועלען לעבען אויף גאָט׳ס גרויסער וועלט ווי ברי-דער, ווי איין גרויסע אַרבייטענדע משפחה. און אויף דער ערד, וואָס איז פערגאָסען מיט בלוט, פערשמוצט מיט זינד, שנאה און געוואַלד—וועט אָנהויבען הערשען שלום, ליבע, און אחדות.

אסתר האָט ווי אַ ציטער געטהון, זענענדיג דורכגעדרונגען מיט אַ רעליגיעזער התפעלות און אויפהויבענדיג צום הימעל איה-רע אויגען, פייכטע מיט טרעהרען, האָט זי שטיל אַרויסגערעדט אַ טיפע תפילה:

—רבונו של עולם! אויב פאַר מיינע זינד איז מיר נישט בעשערט צו דערלעבען ביז יענער גליקליכער צייט, זאָלען עס כאָטש מיינע קינדער דערלעבען !...

און ווי אַנ׳ענטפער אויף אָט דער תפילה, האָט זיך דער־טראָגען פון שטאָדט אַ שוואַכער אָבקלאַנג פון אַ שיסעריי. די סלאָבאָדקע האָט דאָס נישט דערהערט...